ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מקור הברכה

אידיש

**72**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# מקור הברכה

דאס איז איבערגעזעצט די דינים פון ספר ברכת הבית, אלע דיני ברכות אויף עברי טייטש, אויף איין גרינג לשון, אין די טייטש פון אלע ברכות, אין צו געזעצט הלכות נדה אין טבילת כלים אין הנהגות ישרות פון א גאנץ יאר, אין פון שבת אין יום וטוב.

די דינים זענען זייער נייטיג ציוויסען פאר יעדען מענטש, סיי פאר מאנסבילין סיי פאר ווייבער.

דאס איז איבערגעזעצט געווארען פון מיר הקטן אברהם חיים ב״ר יחיאל צבי ז״ל מאויבער ווישע בעל המחבר ברכת הבית.

❖

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק

# הקדמה

השם יתברך האט בעשאפען די וועלט כדי מען זאל עס לויבען אין א ברכה מאכען אויף אלעס, פאר דער ברכה קער אלעס זיין, איבער דעם שטייט אין דער גמרא ווער עס האט אהנאה פון דער וועלט אן א ברכה איז מועל בהקדש אין איז אגזלן ער גזילט השם יתברך, אין איז אחבר צו ירבעם בן נבט, אין ווער עס מאכט א ברכה לבטלה איז גלייך וויא ער שווערט פאלטש אין איז גורם עניות ר״ל, אין ווער עס מאכט א ברכה נישט וויא דער דין איז מאכט ער צוויא פעלער ער האט אהנאה אן א ברכה אין מאכט א ברכה לבטלה, אין ווער עס מאכט א ברכה וויא דער דין איז זייער השוב ביי השם יתברך ער בענטשט עס מיט אלעס גוטס, איבער דעם איז יעדיר מענטש מחויב צו לערנען די דינים פון ברכות וואריין אז ער ווייסט ניט טאהר ער ניט עסין חאטשי עס איז אכלל דאס אויף יעדיר זאך אז מען מאכט שהכל האט מען יוצא גיוועזן דאס איז נאר בדיעבד אדיר וויא עס איז מהלוקת הפוסקים אבער אז דער ספק איז ווייל ער האט ניט גילערינט טאהר ער ניט עסין ביז ער פרעגט. גם ווער עס מאכט א ברכה אן כוונה ער פארשטייט ניט וואס ער זאגט איז איין גרויסיר איסור. לכן האב איך ארויס גיקליבין די דינים פון ברכות ריין דייטליך אין געמינטליך אז יעדיר מענטש זאל קענין לערנין די דינים אין האב מסדר גיוועזן זייער גוט כדי מען זאל תיכף גיפינין יעדירין דין אין האב מפורש גיוועזן יעדירי ברכה אז יעדיר זאל פארשטיין אין האב אנאמין גיגעבין דעם ספר מקור הברכה וואריין ווער עס איז נזהר אין די ברכות וועט געבענטשט ווערין ממקור הברכות וויא די הייליגע חכמים האבין מבטיח גיוועזן, אין האב מוסיף גיוועזן גאנץ הלכות חלה אין גאנץ הלכות נדה עס שטייט אסאך מער וויא אין מעין טהור זייער גנייטיגע זאכין פאר מעניר אין ווייבער, אין בסוף הספר שטייט זייער גוטע מנהגים פון אגאנץ יאהר וויא איד דארף זיך פירען ער זאל גיין אין גוטען וועג סיי מאנען סיי וואבער, אין

מנהגים

מִנְהָגִים פוּן יָמִים טוֹבִים אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין יוֹם כִּפּוּר אִין שַׁבָּת יֶעדִירִיר זָאל וִויסִין דִיא גִינֵייטִיגֶע זַאכִין וַואס מֶען דַארְף וִויסִין, עֶס אִיז גְלַייך דָאס יֶעדִירִיר זָאל לֶערְנִין דִיא דִינִים אִין חֲזוֹרִין, עֶר זָאל זַיין קְלָאהר אִין זֵיי אִין זָאל מְקַיֵים זַיין וֶועט עֶס גוּט זַיין אוֹיף בֵּיידִי וֶועלְטִין.

## דברי המחבר.

---

### מפתחות מֶען זָאל וִויסִין וִויא צוּ זוּכִין יֶעדִירִין דִין

שער
דֶער כְּלַל פוּן אַלֶע בְּרָכוֹת א
בְּרָכוֹת פוּן פֵּירוֹת פוּן אַבוֹים ב
בְּרָכוֹת פוּן אַלֶע מִין מַשְׁקֶה ג
בְּרָכוֹת פוּן פֵּירוֹת פוּן דֶער עֶרד ד
בְּרָכוֹת פוּן זַאכִין וָואס זֶענִין נִיט פוּן דֶער עֶרד אִין נִיט פוּן אַבוֹים ה
בְּרָכוֹת פוּן וַואסֶער וָואס מֶען הָאט גִיקָאכְט אָדִיר גִיוֵוייקְט אִין זֵייא
גְרִינְוַוארְק אָדִיר פֵּירוֹת אָדִיר טֵייג ו
בְּרָכוֹת פוּן בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט הַמוֹצִיא אִין פוּן וַואשִׁין דִיא הֶענְט
צוּ בְּרוֹיט ז
דִינִים פוּן צִיבְּרֶעקִילְט בְּרוֹיט אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט, אִין אַמַאֲכָל פוּן
מַצָה מֶעהל אִין פוּן מֶעהל פוּן בְּרוֹיט ח
דִינִים פוּן אַלֶע מִין גִיבֶּעקְסִין ט
דִינִים פוּן מֶעהלְשְׁפֵּייז אִין גִיקֶעכְץ פוּן גַאנְצֵי תְבוּאָה אָדִיר גְרוֹיפִּין,
אִין גֶערְשְׁטְלִיך, אִין גְרִיס, אִין גְרַאפְּלִיך י
דִינִים פוּן רֵייז אִין הִירְשׁ אִין מַאלַאי (טֶענְגִירֶע) אִין הְרֶעטְשְׁכִי
(טַאטִירֶקֶע) יא
אַמַאֲכָל פוּן צְוֵוייא מִינִים וָואס מֶען הָאט גִיקָאכְט בְּאַזַאמִין יב
אוֹיף וֶועלִיכִין מִין מֶען זָאל פְרִיר אַבְּרָכָה מַאכִין יג
אַז אֵיין מַאֲכָל אִיז אַעִיקָר אִין אֵיינְס אִיז אַטָפֵל יד
בְּרָכוֹת פוּן אַלֶע מִין אֵיינְגִימַאכְץ (אֵיינְגִיזָאטִינִים) טו
דִינִים פוּן דֶער נָאך בְּרָכָה וַואס מֶען מַאכְט נָאך דֶעם עֶסִין אָדִיר
טְרִינְקֶען טז

דִּינִים פוּן בֶּענְטשִׁין פוּן אַוָואכִין טָאג אוּן פוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב יז
דִּינִים פוּן מְזוּמָּן בֶּענְטשִׁין אוּן אַז עֶס אִיז דָא מִנְיָן יח
אַז מֶען הָאט אַטָעוּת גִיהַאט אָדִיר מֶען אִיז מְסוּפָּק אוּן אַבְּרָכָה אָדִיר אִין דַאווינֶען יט
אַז מֶען גֵייט פוּן אֵיין אָרט אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין אִין מִיטֶען עֶסִין כ
אוֹיף וֶועלִיכֵי זַאכִין מֶען דַארְף מַאכִין אַבְּרָכָה אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה כא
אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּארָאטִין נָאךְ צוּ עֶסִין, אוּן אַז מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגט עֶסִינוַוארְק פוּן אֵיין אַנְדִיר אָרט כב
דִּינִים פוּן דֶער בְּרָכָה הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב כג
דִּינִים פוּן שֶׁהֶחֱיָינוּ מַאכִין כד
אַז אֵיינֶער מַאכְט אַבְּרָכָה עֶר זָאל מוֹצִיא זַיין אֵיין אַנְדִירִין, אוּן אַז אֵיינֶער הֶערְט אַבְּרָכָה כה
בְּרָכוֹת פוּן בְּשָׂמִים שְׁמֶעקִין אָדִיר מֶען עֶסְט פֵּירוֹת וָואס שְׁמֶעקִין כו
דִּינִים פוּן גּוֹמֵל בֶּענְטשִׁין כז
וֶוען אֵיינִים אִיז גִישֶׁעהְן אַנֶס אָדִיר עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס אִיז גִישֶׁעהְן אַנֶס כח
אַז מֶען זֶעהְט אַ מֶלֶךְ אָדִיר אַ חָכָם, אָדִיר פַארְשִׁידִינֶע זַאכִין אָדִיר קְבָרִים, אָדִיר בֵּיימֶיר וָואס בְּלִיעֶן, אוּן פוּן קִידּוּשׁ הַחַמָּה כט
בְּרָכוֹת פוּן דִּינְרִין אוּן בְּלִיצֶען אוּן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אוּן שְׁטַארְקֶע וִוינְטֶען ל
דִּינִים פוּן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אוּן פוּן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אוּן פוּן הַלֵּל אוּן פוּן בִּרְכַּת עֵירוּב לא
דִּינִים פוּן דֶער בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם אוּן פוּן דִּיא הֶענְט אָפְּגִיסֶען לב
דִּינִים פוּן דֶער בְּרָכָה אֲשֶׁר יָצַר לג
דִּינִים פוּן דֶער בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לד
דִּינִים פוּן דֶער בְּרָכָה אֱלֹהַי נְשָׁמָה לה
דִּינִים פוּן דִּיא בְּרָכוֹת פוּן הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה בִּיז הַגּוֹמֵל חֲסָדִים טוֹבִים לו
דִּינִים פוּן בִּרְכַּת צִיצִית לז
דִּינִים פוּן בִּרְכוֹת תְּפִלִּין לח

דִינִים פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה לט
דִינִים פוּן וָואכִינְדִיקֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מ
דִינִים פוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מא
דִינִים פוּן דֶער הוֹיעֶכֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מב
דִינִים פוּן דֶעם דִיכוּנִין מג
דִינִים פוּן דֶעם לֵיינִין מד
דִינִים פוּן לֶעכְט צִינְדִין מה
דִינִים פוּן קִידוּשׁ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב מו
דִינִים פוּן הַבְדָלָה שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב מז
דִינִים פוּן דֶער לְבָנָה מְקַדֵשׁ זַיין מח
דִינִים פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ מט
דִינִים פוּן סְפִירָה צֵיילֶען נ
דִינִים פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזִין נא
דִינִים פוּן סוּכָּה אוּן פוּן דֶער בְּרָכָה נב
דִינִים פוּן אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין נג
דִינִים פוּן חֲנוּכָּה לֶעכְט צִינְדִין נד
דִינִים פוּן מְגִילָה לֵיינִין נה
דִינִים פוּן כֵּלִים טוֹבְלִין נו
דִינִים פוּן נִדָה אוּן פוּן דֶער טְבִילָה נז
דִינִים פוּן מִילָה אוּן דִיא בְּרָכוֹת נח
דִינִים פוּן מְזוּזָה אוּן פוּן דֶער בְּרָכָה נט
דִינִים פוּן פִּדְיוֹן הַבֵּן ס
דִינִים פוּן חַלָה אוּן פוּן דֶער בְּרָכָה סא
דִינִים פוּן בְּרָכוֹת קִידוּשִׁין אוּן שֶׁבַע בְּרָכוֹת סב

(א) אַז מֶען עֶסְט אָדֶיר טְרִינְקְט וִויא אַבִּיסְל דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכְין פְרִיעֶר אָבֶּער אַנָאךְ בְּרָכָה דַארְף מֶען נִיט מַאכְין צַאדִין מֶען עֶסְט אָדִיר טְרִינְקְט אַשִׁיעוּר וָואס וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר ט״ז.

(ב) אַז מֶען פַארְזִיכְט אַבִּיסְל גִיקֶעכְץ וֵוייִנִיגֶער וִויא אַשִׁיעוּר אִין מֶען שְׁפַּייט אוֹיס דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אָבֶער אַז עֶר וִויל פַארְזִיכִין אַשִׁיעוּר רְבִיעִית וָואס וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר ט״ז זָאל מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין פְרִיעֶר אִין אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען אַבִּיסְל אוֹיף דֶער דֵעָה עֶר זָאל אַהֲנָאָה הָאבִּין כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִיט אַרֵיין לָאזִין אִין אַסָפֵק בְּרָכָה.

(ג) אַז מֶען קֵייעט אַמַאֲכָל וֵוייִנִיגֶער וִויא אַשִׁיעוּר אִין מֶען שְׁפַּייט אוֹיס אַז מֶען שְׁלִינְגְט גָאר נִיט אַרָאפּ דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אָבֶער אַז מֶען שְׁלִינְגט אַרָאפּ אַבִּיסְל זָאפְט דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ד) אַז מֶען הָאט קֵיין שׁוּם הֲנָאָה פוּן דֶעם מַאֲכָל דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(ה) אַז דָאס מַאֲכָל אִיז זֵייעֶר הֵייס עֶר מוּז בְּלָאזִין זָאל עֶר בְּלָאזִין פַאר דֶער בְּרָכָה, אִין אַז עֶר טְרִינְקְט פוּן אֵיין שָׁאהְל אַהֵייסִי זַאךְ זָאל עֶר אַבִּיסְל נֶעמִין אִין אֵיין לֶעפִיל אִין זָאל בְּלָאזִין פַאר דֶער בְּרָכָה אָדִיר עֶר זָאל אֵיינְטֻינְקֶען אַשְׁטִיקְל צִיקֶער אִין זָאלל אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ו) אַז מֶען דַארְף זַאלְצִין אָדִיר פֶּעפִירִין דַאס מַאֲכָל אִין אַן דֶעם הָאט עֶס נִיט קֵיין גִיטֶען טַעַם זָאל עֶר זַאלְצִין אִין פֶעפִירִין פַאר דֶער בְּרָכָה.

(ז) אַז מֶען וִויל אָפּ גִיסִין אַבִּיסֶעל פוּן דֶעם וַואסִיר זָאל עֶר אָפּ־גִיסֶען פַאר דֶער בְּרָכָה

(ח) תֵּיכֶּף נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאל עֶר עֶסִין אָדִיר טְרִינְקֶען עֶר זָאל נִיט זַאמִין. אִין אַז עֶר הָאט גִיזַאמְט אֲפִילוּ אַסַאךְ דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין אַנְדִירֶע בְּרָכָה צַאדֶען עֶר הָאט מֵסִיחַ דַעַת גֶעוֶועהְן פוּן דֶער בְּרָכָה.

(ט) אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶוען נָאךְ דֶער בְּרָכָה אֲפִילוּ מִיט אֵיין וָוארְט פַאר דֶעם עֶסִין דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאל אַבְּרָכָה מַאכִין, נָאר אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶוען מִיט וֶוערְטִיר וָואס קֶער צוּ דֶער סְעוּדָה דְהַיְינוּ

עֶר

עֶר הָאט גִיזָאגְט בְּרֶענְגִין זַאלְין אָדִיר פֶּעפִּיר אָדִר גֵיין יֶענִים צִי עֶסִין דָאס אִיז נִיט קֵיין הֶפְסֵק, אִין אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט גִיין דֶער בְּהֵמָה אָדִיר דִיא עוֹפוֹת צִי עֶסִין אִיז אוֹיךְ קֵיין הֶפְסֵק וָוארִין מֶען טָאר נִיט עֶסִין בִּיז מֶען גִיט נִיט צִי עֶסִין דִיא בְּהֵמוֹת אִין דִיא עוֹפוֹת, אִין אַז עֶר פֶערְלָאזְט זִיךְ אַלֶע מָאהל אוֹיף דֶעם מְשָׁרֵת אַז עֶר גֶעט צִי עֶסִין פִיר דֶער בְּהֵמָה אִין דֶער צַייט אִיז אַסָפֵק, אָבֶער אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט גִיין צִי טְרִינְקֶען דִיא בְּהֵמוֹת אָדִיר דִיא עוֹפוֹת אִיז אַהֶפְסֵק, אִין אָזֵין טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט זָאגִין פַאר דֶעם עֶסִין אִין מֶען טָאר גִישְׁט שְׁמִיסִין בִּיז מֶען שְׁלִינְגְט נִיט אַרָאפּ אַבִּיסֶל.

(י) אִין דֶעם אַלֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין סְעִיף ט׳ אַז עֶס אִיז גִישְׁט קֵיין הֶפְסֵק אִיז נָאר אַז מֶען הָאט שׁוֹין מַפְסִיק גִיוֶוען אָבֶער לְכַתְּחִלָּה טָאר מֶען גָאר גִישְׁט מַפְסִיק זֵיין מִיט קֵיין שׁוּם וָוארְט.

(יא) מֶען טָאהר נִיט גֵייעֶן נָאךְ דֶער בְּרָכָה בִּיז עֶר עֶסְט אַבִּיסֶל אִין בְּדִיעֲבַד אִיז אַסָפֵק אוֹיבּ מֶען בְּרוּיךְ נָאכְאַמָאהל אַבְּרָכָה צִי מַאכִין נָאר אַז דִיא בְּרָכָה מִיט דֶעם עֶסְעֶן קֶענֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיין אָרְט זֵיין מֶעג עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה אִין זָאל אִין דֶער מַחֲשָׁבָה הָאבִּין עֶר זָאל עֶסְעֶן אוֹיף דֶען אַנְדֶערִין אָרְט אַזוֹי מֶעג עֶר גֵיין עֶסְעֶן אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אָרְט.

(יב) מֶען טָאהר נִיט טִיעֶן קֵיין שׁוּם זַאךְ בְּשַׁעַת בְּרָכָה נִיט נָאךְ דֶער בְּרָכָה בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן צִי עֶסִין אָדִיר צִי טִיעֶן דִיא מִצְוָה, אִין אַז עֶר הָאט גִיטִיעֶן אַקְלֵיינִי מַעֲשֶׂה אִיז נִיט קֵיין הֶפְסֵק

(יג) דִיא זַאךְ וָואס עֶר מַאכְט אוֹיף אִיר אַבְּרָכָה דַארְף עֶר צִי הַאלְטִין אִין דֶער רֶעכְטִיר הַאנְט, אִין זָאל נִיט אֵיין שְׁטֶעקִין מִיט דֶעם מֶעסִיר אִין נִיט שְׁנֵיידִין בְּשַׁעַת בְּרָכָה.

(יד) דִיא בְּרָכָה דַארְף מֶען מַאכִין הוֹיעֶך דָאס זֵיינֶע אוֹיעֶרִין זָאלִין הֶערִין, אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט שְׁטִיל הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶוען, אָבֶער אַז עֶר הָאט נִיט אַרוֹיס גִיזָאגְט מִיט דִיא *לֶעפְצִין עֶר הָאט נָאר מְהַרְהֵר גִיוֶוען אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא *צַאדִין עֶר אִיז גִיוֶוען אַ אוֹנֵס עֶר הָאט נִיט גִיקָאנְט זָאגִין מִיט דִיא לֶעפְצִין אִיז עֶר יוֹצֵא מִיט דֶעם וָואס עֶר טְרַאכְט דִיא בְּרָכָה, אִין אַז נָאךְ דֶעם אִיז דֶער אוֹנֵס אַוֶועק אִין הָאט

נאך

---

*צאדין - נאר דעמאלס אויב *לעפצין - ליפען

נָאךְ אִיבֶּער וָואס אַבְּרָכָה צִי מַאכִין זָאלל עֶר מַאכִין*אִין אַז עֶר אִיז אוֹיף אַזוֹי אָרְט וָואס אִיז נִיט גָאר רֵיין אִין קָאן עֶס נִיט רֵיין מַאכִין הֵייסְט אַ אוֹנֶס זָאל עֶר מְהַרְהֵר זַיין דִיא בְּרָכָה, אִין אַז עֶס אִיז דָא צוֹאָה טָאהר עֶר נִיט מְהַרְהֵר זַיין אִין אַז עֶר הָאט מְהַרְהֵר גִיוֶועֶן הָאט עֶר נִיט יוֹצֵא גִיוֶועֶן,

(טו) וֶוער עֶס אִיז נַאקִיט טָאהר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז אֵיין אִשָּׁה אִיז אִין וַואסִיר אִין זִיא קוּקְט נִיט אִין וַואסִיר מֶעג זִיא אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר לְכַתְּחִילָה זָאל זִיא דִיא הֶענְד צֻוַאמֶען לֵייגֶען אוֹיף דֶען בּוֹיךְ אָבֶּער אַמַאנְסְבִּילד טָאר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צַאדִין דָאס וַואסִיר אִיז טְרִיבּ׃

(טז) מֶען טָאר נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אַקֶעגִין אֵיין עֶרְוָה, נָאר אַקֶעגִין אֵיין עֶרְוָה פֿוּן אֵיין קִינְד וָואס אִיז נָאךְ קֵיין נַאהִן יָאהר אַלְט מֶעג מֶען מַאכִין אַבְּרָכָה נָאר עֶס אִיז רֶעכְט נִזְהָר צִי זַיין לְכַתְּחִילָּה׃

(יז) מִיט דֶעם הוֹילִין קָאפּ טָאר מֶען נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אַפִילוּ עֶר לֵייגְט אַרוֹיף זֵיינִי הֶענְט אוֹיף זֵיין קָאפּ הֶעלְפְט נִיט נָאר אַז אֵיין אַנְדִירֶער לֵייגְט אַרוֹיף דִיא הֶענְד אוֹיף זֵיין קָאפּ מֶעג עֶר יָא

(יח) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אֵיין זַאךְ אִין דִיא זַאךְ אִיז נִיט גִיוֶועזְן פַאר עֶס בִּשְׁעַת בְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִיבְּרֶענְגְט דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאל אַבְּרָכָה מַאכִין צַאדִין עֶר הָאט גֶעוִויסְט זֶעבִּיד דָאס מֶען וֶועט עֶס תֵּיכֶּף בְּרֶענְגִין דִיא זַאךְ אִין מֶען הָאט תֵּיכֶּף גִיבְּרֶענְגְט דַארְף עֶר קֵיין אַנְדֶערֶע בְּרָכָה מַאכִין׃

(יט) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אֵיין זַאךְ אִין נָאךְ דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען עֶס אֵיין אַנְדִירֶע זַאךְ וָואס הָאט אוֹיךְ דִיא זֶעלְבִּי בְּרָכָה, אַז בִּשְׁעַת בְּרָכָה אִיז זַיין דֵעָה גִיוֶועזְן אוֹיף אַלֶעם וָואס מֶען וֶועט בְּרֶענְגִין דַארְף עֶר נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר הָאט סְתַם אַבְּרָכָה גִימַאכְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִיט גִיוֶועזְן פֿוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין מִין בִּשְׁעַת מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט דָאס אַנְדִירֶע מִין דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶועזִין פֿוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען מִין אִיז אֵיין סָפֵק בְּרָכָה, אִין אַז מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט אַבֶּעסִירִי זַאךְ וֶועט שְׁטֵיין וֵוייטֶער׃

(כ) אַז אֵיינֶער הָאט דֶעם אַנְדֶערִין אֵיינְגִילָאדִינְט צִי עֶסִין פֵּירוֹת אִין מֶען הָאט עֶס גִיבְּרֶענְגְט אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדִירִי דַארְף עֶר נִיט קֵיין

בְּרָכָה

---

*א הפסק אין דערנאך א ברכה מאכן

בְּרָכָה מַאכִין נָאהר אוֹיף דִיא עֶרְשְׁטִי.

(כא) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף מַשְׁקֶה אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִיבְּרֶענְגְט אֵיין עֶסִינְוַוארְק וָואס הָאט אוֹיךְ דִיא זֶעלְבִּי בְּרָכָה דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאל אַבְּרָכָה מַאכִין צַאדִין זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת בְּרָכָה עֶר זָאל יוֹצֵא זַיין אוֹיף דֶעם עֶסִין אוֹיךְ, אָדִיר מֶען אִיז גִיוֵוייִנְטְלִיךְ צִי בְּרֶענְגִין עֶסִינְוַוארְק אוֹיךְ, אָדִיר דָאס עֶסִינְוַוארְק אִיז גִיוֶוען פַאר עֶס בְּשַׁעַת בְּרָכָה דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(כב) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אֵיין זַאךְ אִין הָאט גִיגֶעסִין אִין נָאךְ דֶעם וֵויל עֶר עֶסִין פִּין דֶעם מִין בְּרָכָה אַבֶּעסִירִי זַאךְ דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאל אַבְּרָכָה מַאכִין, צַאדִין זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת בְּרָכָה אוֹיף דֶער בֶּעסִירִי זַאךְ אוֹיךְ דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(כג) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אֵיין זַאךְ אִין פַאר דֶעם עֶסִין אִיז דִיא זַאךְ אַרָאפְּגִיפַאלִין אִין עֶס אִיז מִיאוּס גִיוָוארִין אָדִיר עֶס אִיז פַארְלוֹירִין גִיוָוארִין, הָאטְשִׁי עֶס אִיז גִיוֶוען פַאר עֶס נָאךְ פִּין דֶעם מִין דַארְף עֶר צִי זָאגִין בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד אִין זָאלל נָאךְ אַמָאל אַבְּרָכָה מַאכִין צַאדִין זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת בְּרָכָה צִי עֶסִין פִּין דֶעם אִיבְּרִיגֶען אוֹיךְ אַזוֹי דַארְף קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶס אִיז נִיט שְׁטַארְק מִיאוּס גִיוָוארִין זָאל עֶר עֶסִין אַשְׁטִיקִיל פִּין דֶעם כְּדֵי דִיא בְּרָכָה זָאל נִיט זַיין לְבַטָלָה.

(כד) אַז עֶס אִיז גִיוֶוען פַאר עֶס אַסַאךְ מִינֵי פֵּירוֹת וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף זֵייא אֵיין בְּרָכָה אִין עֶר וֵויל עֶסִין פִּין אַלֶע מִינִים טָאהר מֶען נִיט מַאכִין נָאר אֵיין בְּרָכָה עֶר טָאר נִיט מַאכִין אוֹיף יֶעדִירִין מִין אַבְּרָכָה דָאס אִיז אַבְּרָכָה לְבַטָלָה.

(כה) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף וַואסִיר אִין פַאר דֶעם טְרִינְקֶען הָאט עֶר גִיהֶערְט דָאס מֶען טָאר נִיט טְרִינְקֶען פִּין דֶעם וַואסִיר וַוייל עֶס אִיז דָא אַ מֵת אִין שְׁכֵנוּת זָאל עֶר אַבִּיסְל טְרִינְקֶען עֶס זָאל נִיט זַיין דִיא בְּרָכָה לְבַטָלָה.

(כו) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אָן אַבְּרָכָה אַז עֶר הָאט נָאךְ פִּין דֶעם מִין זָאל עֶר תֵּיכֶף אַבְּרָכָה מַאכִין אִין עֶסִין אִין אַז עֶר הָאט נִיט אִיז פַארְפַאלִין נָאר אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין כְּשִׁיעוּר זָאלל עֶר מַאכִין אַנָאךְ

ברכה

בְּרָכָה.

(כח) אַז עֶר הָאט אַרַיין גִינִימֶען אַמַאֲכָל אִין מָאהל אָן אַבְּרָכָה אַז דָאס מַאֲכָל וֶועט נִיט מִיאוּס וֶוערִין זָאל עֶר אַרוֹיס נֶעמִין אִין זָאלל מַאכִין אַבְּרָכָה אִין עֶסִין, אִין אַז דָאס מַאֲכָל וֶועט מִיאוּס וֶוערִין זָאלל עֶר עֶס לֵייגִין אִין אֵיין זֵייט פֿוּן זַיין מָאהל אִין זָאלל אַבְּרָכָה מַאכִין.

(כז) אַז עֶר הָאט אַרַיין גִינִימֶען מַשְׁקֶה אִין מוֹיל אָן אַבְּרָכָה אַז עֶר הָאט נָאך פֿוּן דֶעם מִין זָאלל עֶר אוֹיסשְׁפֵּייעֶן דִיא מַשְׁקֶה אִין זָאל אַבְּרָכָה מַאכִין אִין טְרִינְקֶען, אִין אַז עֶר הָאט נִיט מֶער פֿוּן דֶער מַשְׁקֶה אִין עֶר דַארְף נֵייטִיג דִיא מַשְׁקֶה זָאל עֶר אִין זִין הָאבִּין דִיא בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה וֶוען עֶר הָאט דִיא מַשְׁקֶה אִין מוֹיל אִין דֶער נָאך זָאל עֶר מַאכִין אַנָאך בְּרָכָה אַז עֶר הָאט גִיטְרִינְקֶען אַשִׁיעוּר.

(כט) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה לְבַטָלָה זָאל עֶר תֵּיכֶף זָאגִין בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערמַאנְט תֵּיכֶף וִויא עֶר הָאט מַזְכִּיר גִיוֶועֶן דֶעם שֵׁם דְהַיְינוּ עֶר הָאט גִיזָאגְט בָּרוּךְ אַתָּה ד׳, אִי זְהָאט זִיךְ דֶערמַאנְט דַאס עֶר דַארְף דִיא בְּרָכָה נִיט מַאכִין זָאל עֶר זָאגִין לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ.

(ל) מֶען מִיז אַרוֹיס זָאגִין דִיא גַאנְצֵי בְּרָכָה אִין מֶען טָאר נִיט צִינוֹיף הַאפִּין דִיא וֶוערְטִיר נָאר אַרוֹיס זָאגִין יֶעדִירִים וָוארְט בַּאזִינְדֶער, אִין מֶען דַארְף פַּארְשְׁטֵיין וָואס מֶען זָאגְט, אִין וֶוען מֶען זַאגְט דֶעם שֵׁם זָאל מֶען מְכַוֵין זַיין דַאס עֶר אִיז דֶער הַאר פֿוּן דֶער וֶועלְט אִין אִיז גִיוֶועֶן אִין וֶועט זַיין אֵייבִּיק.

(לא) אַז דִיא הֶענְד זֶענִין נִיט רֵיין טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען זִיךְ וַואשִׁין דִיא הֶענְד אֵיידִיר מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה.

(לב) אַז דָאס אָרְט וִויא עֶר אִיז, אִיז נִיט רֵיין פֿוּן צוֹאָה אָדֶער הַשְׁתָּנָה טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶס אִיז דָא אֵיין שֶׁערְבִּיל אִין שְׁטִיבּ טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין בִּיז מֶען דֶעקְט עֶס צִי.

(לג) אַז מֶען דַארְף הָאבִּין נְקִיּוֹת סַיי גְדוֹלִים סַיי קְטַנִים טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין בִּיז עֶר הָאט נְקִיּוֹת, אִין וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק שִׁיכּוֹר טָאר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(לד) אַז מֶען גַאנְבִיט אָדֵיר גַאזִילט אַיין מַאֲכָל אָדֵיר אַפְּרִי טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין גִיגַנְבִיט בְּרוֹיט בִּיז עֶר אִיז זַאט דַארְף עֶר בֶּענְטשִׁין.

(לה) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אָדֵיר גִיטְרִינְקֶען אַיין זַאך צוּ אַיין רְפוּאָה אַז עֶס הָאט אַגִיטֶען טַעַם זָאלל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶס הָאט אַשְׁלֶעכְטִין טַעַם זָאלל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶס הָאט נִיט קֵיין גִיטֶען טַעַם אִין נִיט קֵיין שְׁלֶעכְטִין זָאלל עֶר מַאכִין אַשֶׁהַכֹּל אַפִּילוּ עֶס אִיז אַפְּרִי.

(לו) אַז מֶען עֶסְט אָדֵיר טְרִינְקְט אַזַאך וָואס עֶס שַׁאט עֶס זָאלל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶס שַׁט עֶס שְׁטַארְק וָואס עֶר קָאן קוּמֶען צוּ אַיין סַכָּנָה טָאר מֶען נִיט עֶסִין אִין אַז מֶען עֶסְט דִיא זַאך טָאר מֶען נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין.

(לז) אַמַאֲכָל אָדֵיר אַפְּרִי וָואס עֶס אִיז פַארְדָארְבִּין גִיוָוארִין אַבִּיסְל אִין דִיא צוּרָה אִיז נִשְׁתַּנֶּה גִיוָוארִין מַאכְט מֶען אַשֶׁהַכֹּל אִין אַז עֶס אִיז שְׁטַארְק פַארְדָארְבִּין גִיוָוארִין מַאכְט מֶען גָאר קֵיין בְּרָכָה.

(לח) אַז מֶען עֶסְט אַמַאֲכָל וָואס עֶס אִיז אָסוּר טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אִימְגֶערִין זָאלל עֶר מַאכִין אַיין נָאך בְּרָכָה אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין וַוייל עֶר אִיז גִיוֶועזִין מְסוּכָּן דַארְף עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה פְרִיעֶר אִין דֶער נָאך

(לט) אַקְרַאנְקֶער וָואס פִּילְט נִיט קֵיין שׁוּם טַעַם אִין דֶעם עֶסִין דַארְף קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַפִּילוּ אַגִיזִינְטֶער אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַזַאך וָואס עֶר מִיסְט זִיךְ פַאר דֶעם דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(מ) אַז עֶר הָאט בְּשַׁעַת בְּרָכָה אִין זִין גִיהַאט צוּ עֶסִין אַסַאך זַאכִין אִין נָאך דֶעם וִויא עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַיין זַאך הָאט עֶר גִימַאכְט אַיין נָאך בְּרָכָה דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה אוֹיף דִיא אַנְדֵירֶע זַאכִין נָאר אַיין נָאך בְּרָכָה, אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִימַאכְט דִיא נָאך בְּרָכָה מִיט ווִילֶען גִיעֶרִין דַארְף עֶר מַאכִין אוֹיף דֶער אַנְדֵירֶער זַאך אַבְּרָכָה.

(מא) מֶען טָאר נִיט גוֹרֵם זַיין אַבְּרָכָה וָואס מֶען הָאט זִיא גִיקָאנְט אַיינְשְׁפָּארִין, דְהַיְינוּ אַז מֶען הָאט עֶס גִיבְּרֶענְגְט פֵּירוֹת אִין דֶער סְעוּדָה

טָאהר מֶען נִיט לָאזְן זֵייא אוֹיף נָאךְ דֶעם בֶּענְטְשְׁן כְּדֵי עֶר זָאלל דַארְפְן מַאכְן אַנָאךְ בְּרָכָה, אָדֶיר אַז עֶר וִויל זִיךְ וַואשְׁן צִי אֵיין סְעוּדָה טָאהר מֶען פְרִיעֶר נִיט עֶסְן אַזוֹי זַאךְ וָואס אִין דֶער סְעוּדָה וֶועט עֶר נִיט דַארְפְן קֵיין בְּרָכָה מַאכְן נָאר אַז עֶר וִויל זִיךְ מַצִיל זַיין פוּן אַסָפֵק בְּרָכָה מֶעג עֶר מַאכְן פְרִיעֶר אַבְּרָכָה כְּדֵי עֶר זָאל נִיט הָאבְן אַסָפֵק בְּרָכָה.

(מב) מֶען מֶעג לֶערְנְן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶיר מַאכְן אַבְּרָכָה אִין מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם חָאטְשֶׁי זֵייא עֶסְן נִיט, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אַגְרוֹיסְן מַאכְן אַבְּרָכָה טָאר מֶען נִיט מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם צַאדְן דָאס מַאֲכָל אִיז פַאר עֶם מֶעג מֶען מִיט עֶם מַאכְן דִיא בְּרָכָה עֶר זָאל עֶסְן.

(מג) אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף עֶסְן וַוארְג מַאכְט מֶען זִיצְנְדִיק אִין דִיא בְּרָכוֹת וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף אַמִצְוָה מַאכְט מֶען שְׁטֵייעֶנְדִיק:

(מד) אַז אֵיינֵים אִיז גִישְׁטָארְבְּן אַזוֹי מֵת וָואס עֶר דַארְף שִׁבְעָה זִיצְן, פַאר דֶעם בַּאהַאלְטֶען טָאהר עֶר קֵיין שׁוּם בְּרָכָה מַאכְן עֶר מֶעג עֶסְן אָן אַבְּרָכָה, צִי בְּרוֹיט בְּרוֹיךְ עֶר זִיךְ צִי וַואשְׁען אָן אַבְּרָכָה נָאר אַז עֶר הָאט גִיגֶעסְן בְּרוֹיט אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען בַּאהַאלְטְן דָם מֵת אִין עֶר אִיז נָאךְ זַאט בְּרוֹיךְ עֶר צִי פְרֶעגְן אַשְׁאֵלָה אוֹיבּ עֶר בְּרוֹיךְ צִי בֶּענְטְשְׁן, אִין עֶר זָאל מַאכְן אֲשֶׁר יָצַר אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גִיהַאט נְקִיוּת פַאר דֶעם בַּאהַאלְטְן, אִין אַז דָאס מֵת אִיז אִין אֵיין אַנְדֶירֶער שְׁטָאט אִין עֶס אִיז דָא וֶוער עֶס זָאל זִיךְ מִתְעַסֵק זַיין מֶעג עֶר מַאכְן אַלֶע בְּרָכוֹת, אִין שַׁבָּת מֶעג עֶר מַאכְן אַלֶע בְּרָכוֹת אִין דַאזִיגֶען פַאר דֶעם בַּאהַאלְטֶען, אִין יוֹם טוֹב אַז מֶען וִויל עֶם בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם טָאג אִיז דֶער דִין וִויא אִין אַוָואכְן טָאג, אִין אַז מֶען בַּאהַאלְט נִיט אִין דֶעם טָאג אִיז דֶער דִין וִויא שַׁבָּת.

(מה) וִויא עֶס אִיז אֵיין סָפֵק בְּרָכָה טָאר מֶען נִיט מַאכְן קֵיין בְּרָכָה אוֹיף אַסָפֵק.

(מו) דִיא טַייטְשׁ פוּן דִיא בְּרָכוֹת אִיז אַזוֹי, בָּרוּךְ (גִילוֹיבְּט) אַתָּה (דִיא) ד' (גָאט) אֱלֹהֵינוּ (אִינְזֶער גָאט) מֶלֶךְ הָעוֹלָם, (הֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער וֶועלְט).

שהכל

שֶׁהַכֹּל (וָואס אַלְלֶעס) נִהְיָה (אִיז בַּאשַׁאפֿעֶן גִיוָואֵרין) בִּדְבָרוֹ (מִיט זַיינֵי רֵייד).

בּוֹרֵא (עֶר הָאט בַּאשַׁאפִֿין) פְּרִי הָעֵץ (דִיא פֵּירוֹת פֿוּן דֶעם בוים).

בּוֹרֵא (עֶר הָאט בַּאשַׁאפִֿין) פְּרִי הָאֲדָמָה (דִיא פֵּירוֹת פֿוּן דֶער עֶרד).

בּוֹרֵא (עֶר הָאט בַּאשַׁאפִֿין) מִינֵי מְזוֹנוֹת (מִינֵי שְׁפַּאזִין).

בּוֹרֵא (עֶר הָאט בַּאשַׁאפִֿין) פְּרִי הַגָּפֶן (דִיא פֵּירוֹת פֿוּן דֶעם וֵויין שְׁטָאק).

הַמּוֹצִיא (וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגִיצוֹיגִין) לֶחֶם (בְּרוֹיט) מִן הָאָרֶץ (פֿוּן דֶער עֶרְד.

דִיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם

אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ (וָואס עֶר הָאט אִינְז גִיהֵיילִיגְט) בְּמִצְוֹתָיו (מִיט זַיינֵי מִצְוֹת) וְצִוָּנוּ (אִין הָאט אִינְז גִיבָּאטִין) עַל נְטִילַת יָדַיִם (אוֹיף דֶעם וַואשִׁין דִיא הֶענְד)

דִיא טֵייטְשׁ פֿוּן דִיא נָאךְ בְּרָכוֹת שְׁטֵייט אִין שַׁעַר י״ו: אִין דִיא טֵייטְשׁ פֿוּן בִּרְכַּת הַמִּצְוַת שְׁטֵייט יֶעדִירִים אִין זַיין שַׁעַר.

(מז) אַז עֶר הָאט מַפְסִק גִיוֶועֶן אִין מִיטֶען דֶער בְּרָכָה מִיט אֵיין וָוארְט דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל אָנְהֵייבִּין דִיא בְּרָכָה.

## שַׁעַר ב׳ פֵּירוֹת פֿוּן אַבּוֹים

(א) אוֹיף פֵּירוֹת וָואס וַואקְסִין אוֹיף אַבּוֹים מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ אֲפִילוּ עֶס אִיז גָאר אַקְלֵיין בֵּיימִיל אַז עֶס שְׁטֵייט פֿוּן יָאהר צוּ יָאהר מַאכְט מֶען עֵץ, אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועֶן.

(ב) אוֹיף טְרוֹיבִּין וָואס זֶענִין נָאךְ נִיט גִיצֵייטִיגְט אִין זֶענִין נָאךְ נִיט אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אַנְדִירֶע טְרוֹיבִּין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה, אִין אוֹיף בָּאקְסִירִין אִין אֵיילְבִּירְטִין וָואס זֶענִין נָאךְ קְלֵיין מַאכְט מֶען אוֹיךְ בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

(ג) אוֹיף פֵּירוֹת פֿוּן אַנְדִירֶע בֵּיימִיר אֲפִילוּ זֶענִין נָאךְ גָאר קְלֵיין

אז זייא זענין ראוי צו עסין בדוחק צו רוב מענטשין מאכט מען עץ, און אז זענין ניט ראוי צו עסין דהיינו זייא זענין זייער ביטער אדיר זייער זאויער מאכט מען גאר ניט קיין ברכה, און אז מען האט זייא זיס גימאכט מיט צוקער אדיר מען האט זייא גיקאכט אדיר גיבראטין און זייא זענין שוין גוט צו עסין מאכט מען שהכל.

(ד) פירות וואס זענין גיצייטיגטערהייט אויך שטארק ביטער אדיר זאויר וואס זענין ניט ראוי צו עסין צו רוב מענטשין מאכט מען אויף זייא גאר קיין ברכה ניט, און אז מען האט זייא גיקאכט אדיר גיבראטין און זייא זענין שוין גוט מאכט מען עץ.

(ה) פירות וואס בלייבין אויף דעם בוים וואס זייא וועלין זיך שוין ניט צייטיגען אדיר וואס דיא זין האט זייא פארטריקינט מאכט מען אויף זייא שהכל אפילו מען האט זייא גיקאכט מיט האניק.

(ו) פירות וואס זענין אראפגיפאלין פון דעם בוים ניט גיצאטיגט סאי זייא זענין אליין אראפגיפאלין סאי דארך דעם ווינט מאכט מען שהכל אפילו מען האט זייא גיקאכט, און אז מען האט זייא אריין גילייגט און שטרויא און זייא האבין זיך דארט גיצאטיגט אז דער סדר פון דיא פירות איז אזוי תמיד מאכט מען עץ און אז ניט מאכט מען שהכל.

(ז) פירות פון פיסטע ביימיר וואס וואקסין און וואלד מאכט מען שהכל אפילו מען האט זייא גיקאכט. נאר אז זייא זענין גאר גוט און חשוב מאכט מען עץ, און אז מען האט זייא גיפלאנצט און וואלד האבין זייא דעם דין פון אנדירע ביימיר.

(ח) פירות וואס איז ניט דער סדר צו עסין רויערהייט נאר גיקאכט, אז מען עסט רויערהייט מאכט מען שהכל און גיקאכטערהייט מאכט מען עץ.

(ט) אז מען האט גיקאכט פירות און זייא זענין ארגיר וויא רויערהייט מאכט מען שהכל, און אז מען האט זייא פארראכטין מיט אנדירע זאכין דהיינו מיט האניק, אז דיא פרי איז דער עיקר מאכט מען עץ און אז דיא אנדערע זאך איז דער עיקר מאכט מען שהכל.

(י) פירות וואס זענין צוקוועטשט גיווארין רויער הייט מאכט

מען

מֶען עֶסְן אִין אַז זֵייא זֶענִין צִי קְוֶועטְשְׁט גְוָוארִין דָארְךְ דֶעם קָאכִין אִין עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין מַמָּשׁ פֿוּן דֶער פְּרִי מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(יא) קֶערִינְדְלִיךְ פֿוּן פֵּירוֹת מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אַז זֵייא זֶענִין נִיט צִי עֶסִין, אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט הָעֵץ אָדִיר הָאֲדָמָה הָאט מֶען יוֹצֵא גְעוֶועהְן אִין אַז זֶענִין בִּיטֶער מַאכְט מֶען גָאר קֵיין בְּרָכָה אִין אַז מֶען הָאט זֵייא פַארְרָאכְטִין דָארְךְ דֶעם פֵייעֶר אַז זֶענִין גִיט גֶעוָוארִין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט הָעֵץ אָדִיר הָאֲדָמָה הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גִיוֶועהְן אִין מֶען זָאל זָאגִין בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד אִין מַאכִין שֶׁהַכֹּל.

(יב) נַארַאנְשִׁין שֵׁיילִיכִין אַז מֶען הָאט זֵייא גִיפְּרֶעגִילְט מִיט הָאנִיק מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט עֵץ אָדִיר אֲדָמָה הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועְן אִין שֵׁיילִיכִין פֿוּן אַנְדִירֶע פֵּירוֹת אַז זֵייא זֶענִין גִיט רוֹיעֶר הַייט מַאכְט מֶען עֵץ אִין אַז זֵייא זֶענִין נִיט גִיט נָאר גִיזָאטִין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(יג) נָאגִט פֿוּן נִים מַאכְט מֶען עֵץ אִין פֿוּן מָאן מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(יד) נִישְׁט גִיצַאטִיגְטֶע נִים אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט אִין הָאנִיק מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(טז) מִישְׁקִיט נִים מַאכְט מֶען עֵץ אִין אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִיטָאן אִין בִּיעֶר צִי אֵיין רְפוּאָה מַאכְט מֶען עֵץ, אִין אַז עֶר טְרִינְקְט עֶס צִי דָארְשְׁט חָאטְשֵׁי זֵיין כַּוָּונָה אִיז צִי אֵיין רְפוּאָה אוֹיךְ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִילֵייגְט אִין וֵויין וֵוייל דֶער וֵויין אִיז אוֹיךְ צִי אַרְפוּאָה מַאכְט מֶען הַגֶּפֶן אוֹיף אַלֶעלֶע פֶּעל.

(יו) פְּלָאמִין (טְשְׁוֶועטְשְׁקִין) אֵיידֶער זֵייא וֶוערִין רוֹיט מַאכְט מֶען גָאר קֵיין בְּרָכָה נִיט אִין אַז מֶען הָאט זֵייא גִיקָאכְט אָדִיר גִיפְּרֶעגִילְט אִין הָאנִיג מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז זֵייא חָאבִין אָנְגִיהוֹיבִין צִי וֶוערִין רוֹיט מַאכְט מֶען עֵץ סַאי רוֹיעֶ סַאי גִיקָאכְטֶע, גִיטְרִיקֶענְטֶע פְּלָאמִין סַאי רוֹיעֶ סַאי גִיקָאכְטֶע מַאכְט מֶען הָעֵץ.

(יז) פְּלָאמִין וָואס זֶענִין אַבִּיסְל פַארְדָארְבִין גִיוָוארִין אִין זֵייעֶר צוּרָה אִיז אַבִּיסְל פַארְעֶנְדִירְט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(יח) *הָאלָאפּטִיֶעס וָואס וַואקְסִין אוֹיף אַפלאמֶען בּוֹים מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל.

(יט) *פָּאווִידִיל (לֶעקְוַואר) אָדִיר פְלאמִין בָּארְשְׁט מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל.

(כ) עֶפִּיל אִין בַּארִין (בִּירֶען) אִין בַּארְלִיד מַאכְט מֶען עֵ״ץ סַאי רוֹיֶער הַייט סַאי גִיקָאכְט, אִין אַז זַייא זֶענִין נִיט גִיט רוֹיֶער הַייט נָאר גִיקָאכְט אַז מֶען עֶסְט זַייא רוֹיֶער הַייט מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אִין גִיקָאכְטִיר הַייט עֵ״ץ, אִין אַז מֶען הָאט זַייא גִיטְרִיקִינְט אַז פַאר דֶעם טְרִיקִינֶען זֶענִין זַייא נִיט גִיט גִיוֶוען מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אִין אַז נָאך דֶעם טְרִיקִינֶען הָאט מֶען זַייא גִיקָאכְט מַאכְט מֶען עֵ״ץ, אִין אַז פַאר דֶעם טְרִיקִינֶען זֶענִין זַייא אוֹיך גִיט גִיוֶוען אָדֶער דֶער סֵדֶר אִיז צִי עֶסִין גֶעטְרִיקִינְטֶער הַייט אַפִּילוּ זַייא זֶענִין פַאר דֶעם טְרִיקֶענֶען נִיט גִיט גֶעוֶועהן מַאכְט מֶען אוֹיף טְרִיקֶענֶע אוֹיך עֵ״ץ.

(כא) בַּארְלִיד וָואס זֶענִין וַוייֶעד גִיוָוארִין אַז זֶענִין אַרְגִיר גִיוָוארִין פוּן פְרִיֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל.

(כב) *מַאלִינֶעס, אִין *שְׁוַוארְצִי יַאגִידֶעס, אִין יַאפִּינֶס מַאכְט מֶען עֵ״ץ.

(כג) קִיטֶען עֶפִּיל רוֹיֶערהַייט מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אִין גִיקָאכְט מַאכְט מֶען עֵ״ץ, אִין אוֹיף קֶעסְטִין סַאי רוֹיֶע סַאי גִיבְּרָאטִינֶע אָדֶער גִיקָאכְטֶע מַאכְט מֶען הָעֵ״ץ נָאר אוֹיף דִיא עֶרְטֶער וָואס דֶער סֵדֶר אִיז נִישְׁט צִי עֶסִין רוֹיֶע קֶעסְטִין מַאכְט מֶען רוֹיֶער הַייט שֶׁהַכּל.

(כד) *קַאלִינִים רוֹיטִי וָואס מֶען נָאגְט אוֹיס דִיא זַאפְּט אִין דִיא שָׁאהל וַוארְפְט מֶען אַוֶועק. מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אַפִּילוּ מֶען שְׁלִינְגְט אַיין דִיא שָׁאהל.

(כה) לִימֶענֶעס (צִיטְרוֹינֶען) וֶוען זַייא זֶענִין נָאך קְלַיין אִין בִּיטֶער זַייא זֶענִין נִישְׁט גִיט צִי עֶסִין, אֲפִילוּ מֶען הָאט זַייא זִים גִימַאכְט מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אִין אַז זַייא זֶענִין גִיט צִי עֶסִין אֲפִילוּ בְּדוֹחַק מַאכְט מֶען הָעֵ״ץ סַאי מֶען הָאט זַייא זִים גִימַאכְט סַאי נִישְׁט.

(כו) אֶתְרוֹג גִיפְרֶעגִילְט אִין הָאנִיק אָדֶער אִין צִיקֶער מַאכְט מֶען עֵ״ץ, אָבֶער רוֹיֶערהַייט אֲפִילוּ מֶען הָאט עֶס זִים גִימַאכְט מִיט צִיקֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל נָאר אַז זַייא זֶענִין שׁוֹין גִיט גִיצַאטִינְט וָואס זֶענִין נִיט

---

*האלאפּיטיעס - א מין פלוימען *פאווידיל - דזשעם
*מאלינעס - ראזבערי *שווארצי יאגידעס - בלעקבערי
*קאלינים רויטי - א מין [illegible]

נִיט צוּ עֶסְן מַאכְט מֶען עֵץ אֲפִילוּ מֶען הָאט אִיהם נִישְׁט זִיס גִימַאכְט.

(כז) מַאנְדְלִין וָואס זֶענֶען בַּאדֶעקְט מִיט צִיקֶער מַאכְט מֶען עֵץ׳

(כח) מַאַראנְצִין מַאכְט מֶען עֵץ אֲפִילוּ מֶען הָאט זַייא בַּאדֶעקְט מִיט צִיקֶער, אָבֶּער מַאַראנְצִין שֵׁיילִיכִין וָואס מֶען הָאט בַּאדֶעקְט מִיט צִיקֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(כט) אַז מֶען קַייעט פֵּירוֹת אִין מֶען שְׁלִינְגט אַיין דִיא זַאפְט אֲפִילוּ מֶען וַוארְפְט אַרוֹיס דֶעם מַמָּשׁ מַאכְט מֶען עֵץ, נָאר אַזוֹי פְּרִי וָואס דֶער סֵדֶר אִיז מֶען זָאלְל אַזוֹי טוּהְן דְהַיְינוּ קָאלִינִים מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(ל) אַז מֶען וִויל עֶסְן נִיט זָאלְל מֶען זַייא קוֹדֶם צוּ קְנַאקְן אִין נָאךְ דֶעם אַ בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז מֶען וִויל אָפְּשֵׁיילִין דִיא פְּרִי זָאל מֶען אָפְּשֵׁיילִין פַאר דֶער בְּרָכָה אָבֶּער מֶען זָאלְל נִיט צוּ שְׁנַאַדִין בִּיז נָאךְ דֶער בְּרָכָה.

(לא) אַזוֹי פְּרִי וָואס וַואקְסְט אוֹיף אַבּוֹים נָאהר דֶער דִין אִיז צוּ מַאכִין שֶׁהַכֹּל אָדֶער אֲדָמָה אַז עֶר הָאט גִימַאכְט עֵץ הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶוען.

(לב) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אוֹיף טְרוֹיבִּין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן.

(לג) אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט עֶסְן אַפְּרִי פֿוּן אַבּוֹים אִין אַפְּרִי פֿוּן דֶער עֶרְד אִין הָאט קוֹדֶם אַ בְּרָכָה גִימַאכְט אֲדָמָה אַז עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶער בְּרָכָה אוֹיף דֶער פְּרִי פֿוּן אַבּוֹים אוֹיךְ, הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן אִין אַז עֶר הָאט סְתָם גִימַאכְט דִיא בְּרָכָה זָאלְל עֶר מַאכִין אִיבֶּער דֶער פְּרִי פֿוּן אַבּוֹים עֵץ.

(לד) אַז מֶען עֶסְט עֶפִּיל מִיט הָאנִיק רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְל עֶר זָאגִין דֶעם יְהִי רָצוֹן פַאר דֶער בְּרָכָה, אִין אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט נָאךְ דֶער בְּרָכָה פַאר דֶעם עֶסְן אִיז בְּדִיעֲבַד קֵיין הֶפְסֵק

## שַׁעַר ג׳ דִינִים פֿוּן מַשְׁקֶה

(א) אוֹיף וַויין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם וָואס אִיז נָאךְ אִינְאֵיינִם מִיט דִיא טְרוֹיבִּין, אֲפִילוּ אוֹיף גִיקָאכְטִין אָדֶער קָאנְדִירְטֶען

קָאנְדִירְטֶען דְהַיְינוּ מֶען הָאט אַרַיין גִיגֶעבִּין הָאנִיק אִין פֶּעפִיר אִין דֶעם וויין.

(ב) אַז עֶס הָאט זִיך אויסְגִימִישְׁט וויין מִיט אַנְדִירֶע מַשְׁקֶה וָואס פַארְדַארְבְּט נִיט דֶעם טַעַם פוּן וויין אִין דֶעם רוב אִיז וויין מַאכְט מֶען הַגָּפֶן אִין אַז דָאס רוב אִיז פוּן דֶער מַשְׁקֶה מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז דִיא מַשְׁקֶה פַארְדַארְבְּט דֶעם טַעַם פוּן דֶעם וויין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ דֶעם רוב אִיז וויין, אִין אַז עֶר הָאט פְרִיעֶר אַבְּרָכָה גִימַאכְט אויף וויין דַארְף עֶר נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין אויף דֶעם מִישְׁלִינְג.

(ג) אַז מֶען הָאט אַרַיין גִיגָאסִין וַואסֶער אִין וויין אִיז דָא אַסַאך חִילוּקִים וֶוען מֶען זָאל מַאכִין הַגָּפֶן אִין עֶס אִיז דֵעוֹת אַז בֵּייא אִינְזֶערֶע ווייגֶען אֲפִילוּ וֶוען דֶער וויין אִיז דָאס רוב זָאל מֶען מַאכִין שֶׁהַכֹּל אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען מַאכִין קוֹדֶם הַגָּפֶן אויף רֵיינִים וויין אִין נָאךְ דֶעם בְּרוּךְ מֶען נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אויף דֶעם מִישְׁלִינְג נָאר אַז עֶס אִיז דֶער וויין נָאר אַזֶעקְסְט חֵלֶק פוּן דֶעם וַואסִיר אִיז נִישְׁט קֵיין סָפֵק מֶען בְּרוּךְ נָאר צוּ מַאכִין אויף דֶעם מִישְׁלִינְג שֶׁהַכֹּל.

(ד) בָּארְקִיט (ווייעֶר וַואסֶער) מִיט וויין זָאל מֶען זִיךְ אויךְ אַזוֹי נוֹהֵג זַיין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ג׳.

(ה) וויין וָואס דֶער רֵיחַ אִיז עֶסִיג אִין דֶער טַעַם אִיז וויין מַאכְט מֶען הַגָּפֶן, אִין אַז דֶער טַעַם אִיז עֶסִיג מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ דֶער רֵיחַ אִיז וויין נָאר אויף דֶער נָאךְ בְּרָכָה אִיז אַסָפֵק וֶוען דֶער טַעַם אִיז עֶסִיג אִיבֶּער דֶעם זָאל עֶר נִיט טְרִינְקֶען כְּשִׁיעוּר נָאר אַז עֶר טְרִינְקְט קוֹדֶם גִיטֶען וויין כְּשִׁיעוּר אִיז פַּאטִירְט דֶעם אויךְ.

(ו) וויין וָואס אִיז דָא אִין עֶס שִׁימֶעל אָדִיר הֵיוּוין אַז עֶר הָאט נִיט אַטַעַם פוּן עֶסִיג מַאכְט מֶען הַגָּפֶן.

(ז) וויין וָואס אִיז אַבִּיסֶל פַארְדָארְבִּין גִיוָוארִין אִין עֶר הָאט נִיט קֵיין טַעַם וויין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז עֶר אִיז אִין גַאנְצִין פֶערְדָארְבִּין גִיוָוארִין מַאכְט מֶען נָאר קֵיין בְּרָכָה.

(ח) וויין וָואס מֶען מַאכְט פוּן אִיינְגִיצַאטִיגְטֶע טְרוֹיבִּין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל נָאר אויף דֶער נָאךְ בְּרָכָה אִיז אַסָפֵק צוּ מֶען זָאל מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת צוּ עַל הַגֶּפֶן, אִיבֶּער דֶעם זָאל עֶר מֵיין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ג׳.

(ט) אַז מֶען הָאט אַרוֹיף גִיגָאסִין וַואסִיר אוֹיף הַייוִין פִּין וַויין אָדִיר אוֹיף קֶערְנֶער אִין עֶס אִיז גִיוָוארִין וַויין אִין מֶען פִילְט נִיט אַטַעַם פִּין וַואסִיר אִיז דָא אַסַאך חִילוּקִים אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען זִיך נוֹהֵג זַיין מֶען זָאלל מַאכִין פְּרִיר אַבְּרָכָה הַגָּפֶן אוֹיף רֵיינִים וַויין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ג'.

(י) וַויין זִיפֶּע דָאס אִיז מֶען קָאכְט וַויין אִין מֶען שְׁלָאגְט אִינְטֶער מִיט אֵייעֶר אִין צִיקֶער אַז דָאס רוֹב אִיז וַויין אִין דָאס הָאט אַטַעַם פִּין וַויין מַאכְט מֶען הַגָּפֶן אַפִּילוּ עֶס הָאט נִיט קֵיין מַרְאֶה פִּין וַויין אִין מֶען עֶסט מִיט אַלֶעפִּיל אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין רוֹב וַויין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז מֶען עֶסט דָאס מִיט בְּרוֹיט דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(יא) טְשֵׁאי וָואס אִיז פִּין טֵייע מִיט וַויין מִיט צִיקֶער אַפִּילוּ דָאס רוֹב אִיז וַויין בְּרוֹיךְ מֶען אוֹיךְ פְּרִיר אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף רֵיינִים וַויין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ג'.

(יב) אַז מֶען הָאט גִימַאכְט הַגָּפֶן אוֹיף וַויין מֶעג מֶען שׁוֹין טְרִינְקֶען אַנְדִירֶע מַשְׁקֶה אוֹיךְ אָהן אַבְּרָכָה, אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת בְּרוֹיךְ מֶען אוֹיךְ נִיט צִי מַאכִין אוֹיף דֶער אַנְדֶערִיר מַשְׁקֶה אַז מֶען מַאכְט עַל הַגֶּפֶן אוֹיף דֶעם וַויין, נָאר אַז דִיא אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אִיז נִיט גֶעוֶועהן פַאר אִיהם וֶוען עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אִיבֶּער דֶעם וַויין אִין עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס נִיט אִין זִין גִיהַאט צִי טְרִינְקֶען אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אַפִּילוּ מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט דִיא אַנְדִירִי מַשְׁקֶה וֶוען עֶס אִיז נָאךְ גִיוֶועהן וַויין אִיז אַסָפֵק אוֹיבּ עֶר בְּרוֹיךְ צִי מַאכִין אַבְּרָכָה רִאשׁוֹנָה אִיבֶּער דִיא אַנְדֶערִי מַשְׁקֶה אִין אַז מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט דִיא אַנְדִירִי מַשְׁקֶה וֶוען עֶס שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶועהן קֵיין וַויין בְּרוֹיךְ מֶען אַוַודַאי צִי מַאכִין אַבְּרָכָה רִאשׁוֹנָה אִיבֶּער דִיא אַנְדֶערִי מַשְׁקֶה אִיבֶּער דֶעם אִיז גְלַייךְ אִין זִין צִי הָאבִּין וֶוען מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם וַויין מֶען זָאלל מִיט דֶער בְּרָכָה יוֹצֵא זַיין אוֹיף אַלֶעם וָואס מֶען וֶועט בְּרֶענְגִין צִי טְרִינְקֶען אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶועהן אוֹיף דֶעם וַויין אַפִּילוּ וֶוען עֶר בְּרוֹיךְ צִי מַאכִין אַבְּרָכָה רִאשׁוֹנָה אִיבֶּער דִיא אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אָבֶּער בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת בְּרוֹיךְ עֶר נִישְׁט צִי מַאכִין.

(יג) ראזשינקע ווין מאכט מען הגפן, נאר עס איז ניט קיין ווין נאר אז מען צישנאד דיא ראזשינקעס און עס ווייקט דרייא טאג און אז ער קען גישט לאזן ווייקן דרייא טאג קען מען זיך פארלאזן אויף דיא דעות אז עס איז גענוג מען זאלל דיא ראשינקעס קאכן און נאך דעם קוועטשט ער זיא אויס און זיא זאלן אנהייבן אביסל *ציִשפילין, גם עס מוז זיין פאבטיקייט און דיא ראזשינקעס אויס טריקענע ראזשינקעס טאהר מען קיין ווין ניט מאכין, גם עס טאר ניט זיין קיין זעקס חלקים וואסיר אקעגין דיא ראזשינקעס, גם פון דיא קליינע ראזשינקעס וואס זענין אהין קערינדליך טאר מען קיין ווין מאכין, גם אז מען האט חושש צו זיין אז דיא ראזשינקים זענין מילביג מוז מען דארך זייען דארך איין גידעכטע טיכעל.

(יד) בוים אייל אז מען טרינקט עהם ריין דארף מען קיין ברכה מאכין, און אז ער עסט מיט ברויט דארף ער אויך אויף דעם בומאייל קיין ברכה מאכין, און אז ער מישט אויס בומאייל מיט אנדערע משקה דער בומאייל זאלל עס גישט שאטין אז זיין כוונה איז צו איין רפואה פון דעם בומאייל מאכט מען עץ אפילו דאס רוב איז אנדירי משקה און אז זיין כוונה איז געוועזן צו טרינקען דיא משקה מאכט מען שהכל און אז זיין כוונה איז אויף ביידי אז דאס רוב איז בומאייל מאכט מען עץ און אז דאס רוב איז משקה מאכט מען שהכל.

(טו) אללע גיטראנקין וואס מען מאכט פון אללע מין פירות חוץ פון טראבין און איילבירטין, מאכט מען שהכל.

(טז) אז מען האט גיקאכט אדיר גיווייקט פירות און וואסיר און מען וויל טרינקען דאס וואסיר, איז אספק ברכה צו מען זאלל מאכין עץ צו שהכל, איז גיט מען זאלל מאכין עץ אויף אפרי און אשהכל אויף משקה און נאך דעם טרינקען דאס וואסיר און אז ער האט ניט קיין פרי זאלל ער מאכין שהכל, און אז זיין כוונה איז גיוועזן בשעת קאכין נאר אויף דער משקה איז קיין ספק ניט אז מען מאכט שהכל אויף דער משקה.

(יז) *קוואס פון רויע פירות אדער פון געקאכטע פירות מאכט מען שהכל.

אז

*ציִשפילין - ווײַן וואס הייבט אן צו קאכן　　*קוואס - זשום

(יח) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט פֵּירוֹת מִיט פְלֵייש אָדִיר מִיט הָאנִיק אַז מֶען טְרִינְקְט דִיא זוּפּ אַלֵיין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז מֶען עֶסְט דִיא פֵּירוֹת אוֹיךְ מַאכְט מֶען הָעֵ״ץ אוֹיף דִיא פֵּירוֹת אִין דִיא זוּפּ טְרִינְקְט מֶען אָן אַבְּרָכָה.

(יט) אַז מֶען וִויל טְרִינְקֶען דִיא זוּפּ פִון רָאזְשִׁינְקֶעס אָדִיר פַאגִין אִיז אַסָפֵק אוֹיף דֶער נָאךְ בְּרָכָה עֶס וֶועט שׁוֹין שְׁטֵיין אִין שַׁעַר י״ו.

(כ) אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס אִיז שְׁכִיחַ פַאלְטְשִׁיר וֵויין וָואס אִיז נִיט פִון טְרוֹיבִּין טָאר מֶען נִיט מַאכִין הַגָּפֶן נָאר אַז מֶען וֵוייסְט דָאס דֶער וֵויין אִיז פִון טְרוֹיבִּין.

(כא) אַז מֶען טְרִינְקְט וַואסִיר וֵוייל מֶען אִיז דַארְשְׁטִיק מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אָבֶער אַז מֶען אִיז נִיט דַארְשְׁטִיק מַאכְט מֶען קֵיין בְּרָכָה, אִין אַז מֶען טְרִינְקְט אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אַפִילוּ מֶען אִיז נִיט דַארְשְׁטִיק מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה.

(כב) דִיא נָאךְ בְּרָכָה פִון אַלֶע מִינֵי מַשְׁקָאוֹת וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר י״ו.

---

## שַׁעַר ד׳ פֵּירוֹת פִון דֶער עֶרְד

(א) פֵּירוֹת וָואס וַואקְסִין אִין דֶער עֶרְד דְהַיְינוּ רֶעטִיךְ אָדִיר וָואס וַואקְסִין אוֹיף דֶער עֶרְד דְהַיְינוּ בָּאנְדְלִיךְ אָדִיר גְרִינְוַוארְק אַז זֵייא זֶענִין גִיט צִי עֶסִין סַאי רוֹיֶער הֵייט סַאי גִיקָאכְט מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה סַאי רוֹיֶערְהֵייט סַאי גִיקָאכְטֶערְהֵייט, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דֶער סֵדֶר צִי עֶסִין רוֹיֶערְהֵייט נָאר גִיקָאכְטֶערְהֵייט, אַפִילוּ אַטֵייל עֶסִין זֵייא רוֹיֶערְהֵייט מַאכְט מֶען רוֹיֶערְהֵייט שֶׁהַכֹּל אִין גִיקָאכְטֶערְהֵייט מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז דֶער סֵדֶר אִיז צִי עֶסִין רוֹיֶערְהֵייט אִין אַז מֶען קָאכְט זֵייא זֶענִין זֵייא אַרְגִיר מַאכְט מֶען רוֹיֶערְהֵייט אֲדָמָה אִין אוֹיף גִיקָאכְטֶע שֶׁהַכֹּל אַפִילוּ עֶס אִיז גֶעקָאכְט גֶעוָוארִין מִיט פְלֵייש אָדֶער מִיט אֵיין אַנְדֶערֶער זַאךְ אִין עֶס אִיז פַארְדָארְבִּין גֶעוָוארִין אַז מֶען הָאט גֵימִישְׁט אַרֵיין גִילֵייגְט דָאס פְלֵייש אָדֶער דִיא אַנְדִירֶע זַאךְ אוֹיף דֶער

כַּוָּונָה דָאס זָאלל פַארְהֶעכְטִין דָאס גְרִינְוַוארְק נָאר עֶס אִיז מְמִילָא פַארְדָאכְטִין גְעוָוארִין מַאכְט מֶען נָאר שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט אַרַיין גִילֵייגְט דָאס פְלֵייש אָדֶער דִיא אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיף דֶער כַּוָּונָה עֶס זָאל פַארְהֶעכְטִין דָאס גְרִינְוַוארְק אִין אַז עֶס אִיז פַארְדָאכְטִין גְוָוארִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

(ב) מֵייעֶרִין אִין רִיבֶּען אִין פַאסְטֶערְנַאק הֵייעֶרְהֵייט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין גִיקָאכְטֶעֶרְהֵייט מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(ג) קְרוֹיט גִיקָאכְט אָדִיר גִיזַייעֶרְט מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(ד) בֶּערִיקִים (צְווִיקֶעל) גִיקָאכְטִי מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין גִיזַייעֶרְטִי רוֹיעֶרְהֵייט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(ה) אִיגֶערְקִים (אִימָארְקִין) מַאכְט מֶען אֲדָמָה סַאי רוֹיעֶרְהֵייט מִיט עֶסִיג סַאי גְעזַייעֶרְטֶע.

(ו) צִיבִּילִים (צְווִיבִּיל) אִין קְנָאבִּיל יוּנְגֶערְהֵייט מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז זֶעֶנִין אַלְט גִיוָוארִין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז מֶען עֶסְט זֵייא מִיט בְּרוֹיט מַאכְט מֶען נָאר אַבְּרָכָה אוֹיף דֶעם בְּרוֹיט, אִין אַז מֶען הָאט זֵייא אוֹיס גִימִישְׁט מִיט אֵייעֶר אָדִיר לֶעבִּיר אַז דָאס רוֹב אִיז לֶעבִּיר אָדִיר אֵייעֶר מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז דָאס רוֹב אִיז צִיבִּילִים מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(ז) צִיבִּילִים (צְווִיבִּיל) גִיקָאכְטִירְהֵייט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז זֶעֶנִין פַארְדָאכְטִין גְעוָוארִין מִיט אֵיין אַנְדִירִיר זַאךְ אִיז דֶער דִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת א׳.

(ח) רֶעטִיךְ מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ קְלֵיין אַז דֶער דֶרֶךְ אִיז אַז מֶען זָאל דֶעם רֶעטִיךְ שׁוֹין עֶסִין.

(ט) בָּאנְדְלִיךְ אִין אַרְבֶּעס מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין גְרִינֶע בָּאנְדְלִיךְ אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט מִיט דֶער שָׁאהְל מַאכְט מֶען אוֹיךְ אֲדָמָה, אִין צִידִיבִּינֶע בָּאנְדְלִיךְ אַז זֶעֶנִין שְׁטַארְק צוּ רִיבֶּען אַז מֶען דֶער קֶענְט נִיט* אַז דָאס אִיז בָּאנְדְלִיךְ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(י)* צִיקֶער שׁוֹטִין גְרִינֶע וָואס מֶען עֶסְט זֵייא מִיט דֶער שָׁאהְל מַאכְט מֶען אֲדָמָה סֵייא רוֹיעֶר הֵייט סֵייא גִיקָאכְט, אִין אַז מֶען הָאט אַרוֹיס גֶענִימֶען דִיא שׁוֹטִין אוֹיס דֶער שָׁאהְל אִין מֶען עֶסְט דִיא שָׁאהְל אַלֵיין

*דהיינו עס איז ניט געבליבן קיין שום שטיקל גאנץ.

*ציקער שוטין - זיסע ארבעס

אַלֵיין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין דִיא וָואס וַואקְסִין אִין פֶּעלְד אַז מֶען עֶסְט רוֶֹערְהֵייט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(י) שַׁלָאטִין (שַׁלָאט) רוֶֹערהֵייט מִיט עֶסִיג מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין גִיקָאכְטִי מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט זֵייא פֶּערָאכְטִין מִיט אֵיין אַנְדֶערֶער זַאךְ אַז זֵייא זֶענִין דֶער עִיקָר מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(יא) *יַאגִידִים רוֹיטֶע מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(יב) *עֶרְד עֶפִּיל (רִיבְּלִיךְ) מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז זֶענִין שְׁטַארְק צִי רוּבֶּען אַז מֶען דֶער קֶענְט נִיט אַז דָאס אִיז עֶרְד עֶפִּיל מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, נָאר עֶס אִיז דָא אַדֶעה אַז מֶען זָאל אוֹיף עֶרְד עֶפִּיל אַלֶע מָאהְל מַאכֶען שֶׁהַכֹּל.

(יג) גְרָאז וָואס וַואקְסְט אִין פֶּעלְד אַלֵיין נִיט גִיזַייעט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ מֶען הָאט עֶס גִיקָאכְט מִיט הָאנִיק אִין גִיזַייעט גְרָאז מַאכְט מֶען אֲדָמָה צַאדִין עֶס אִיז שְׁטַארְק צוּרוּבֶּען גִיוָוארִין מִיט דֶעם קָאכֶען אַז מֶען דֶער קֶענְט עֶס נִיט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(יד) פֶּעטְרִישְׁקִי אִין זֶעלִיר מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(טו) *גְרִינֶע קָאדִים פֿוּן צִיבִּילֶם רוֶֹערְהֵייט מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין גִיקָאכְטִי שֶׁהַכֹּל.

(טז) *לָאבִּידֶעס (מִנִיאַטֶע) אָדִיר בְּלֶעטִיר פֿוּן בֶּערִיקִיז אַז מֶען לֵייגְט זֵייא אִין בָּארְשְׁט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אָבֶער אַז מען הָאט זֵיי גִיקָאכְט אַלֵיין מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(יז) מָאהְן מַאכְט מֶען אֲדָמָה סֵייא רוֶֹערְהֵייט סֵייא גִיפְּרֶעגִילְט אִין הָאנִיק.

(יח) *שְׁוֶועמְלִיךְ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל סֵייא דִיא וָואס וַואקְסִין אוֹיף דֶער עֶרד סֵייא וָואס וַואקְסִין אוֹיף אַבּוֹים.

(יט) *הָארְבִּיזֶעס (מִינֶעס) גִיקָאכְטֶערְהֵייט מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז מֶען הָאט זֵייא שְׁטַארְק צוּקְוֶועטְשְׁט אַז מֶען דֶער קֶענְט נִיט אַז דָאס אִיז הָארְבִּיזֶעס מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אוֹיף דִי קֶערְלִיךְ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(כ) מַלָאהְנֶעס מַאכְט מֶען אֲדָמָה אוֹיף דֶעם אִינְיֶועוֵינִיקְסְטִין וָואס אִיז נִיט צִי עֶסִין.

כא זאמין

---

*יאגידים רויטע - סטראבערי *ערד עפיל - קארטאפל: פאטעטעס
גרינע קאדים - די גרינע שטענגלך פון ציבילעס *לאבידעס - א מין
גרינע בלעטער *שוועמליך - מאשרום

(כא) זָאמֶין פֿוּן פֵּירוֹת וָואס וַואקְסִין אוֹיף דֶער עֶרד מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל נָאר אַז דֶעם רוֹב זֶעצְט מֶען זַייא צִי עֶסִין דֶעם זָאמֶען מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(כב) אוֹיף אַלֶּע זַאכִין וָואס וַואקְסִין פֿוּן דֶער עֶרד וָואס דֶער דִין אִיז צִי מַאכִין שֶׁהַכֹּל אַז מֶען הָאט גִימַאכְט אֲדָמָה הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶוען.

(כג) חְרֵיין אַז מֶען הָאט אוֹהְם צוּרִיבֶּען אִין גִימַאכְט מִיט עֶסִיג מַאכְט מֶען אֲדָמָה נָאר אַזוֹי חְרֵיין וָואס וַואקְסט אִין פֶעלְד נִיט גִיזַייעט מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(כד) בְּלֶעטִיר אָדִיר בְּלִימֶען אָדִיר גְרָאז וָואס מֶען הָאט גִיפְּרֶעגִילְט אִין הָאנִיק וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר ט״ז.

(כה) דִי נָאךְ בְּרָכָה פֿוּן דִיא אַלֶּע זַאכִין וֶועט שְׁטֵייעֶן אִין שַׁעַר י״ז.

## שַׁעַר ה׳ זַאכִין וָואס זֶענִין נִיט פֿוּן דֶער עֶרד

(א) פְלֵייש אָדִיר פִישׁ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז עֶס אִיז פַאר שְׁטִינְקֶען בְּאוֹפֶן דַאס אִיז נִיט רָאוּי צִי עֶסִין מַאכְט מֶען קֵיין בְּרָכָה נִיט.

(ב) אֵייֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ אַז עֶר טְרִינְקְט אֵיין רוֹיא אֵיי צִי אַרְפוּאָה מַאכְט עֶר שֶׁהַכֹּל.

(ג) מִילֶעךְ אִין קֶעז מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט פִּיטֶער אָדִיר מָאלְקִין גֶעטְרִינְקֶען צִי אַרְפוּאָה מַאכְט עֶר שֶׁהַכֹּל.

(ד) אַז מֶען עֶסְט אַבִּיסְל זַאלְץ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אָבֶּער אַז מֶען עֶסְט אַסַאךְ זַאלְץ אוֹיף אֵיינְמָאהְל מַאכְט מֶען קֵיין בְּרָכָה.

(ה) אַז מֶען טְרִינְקְט עֶסִיג וָואס עֶר אִיז נִיט שְׁטַארְק זֵייעֶר מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ אוֹיף וויין עֶסִיג אָבֶּער אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק זֵייעֶר מַאכְט מֶען קֵיין בְּרָכָה נִיט צַאדִין עֶר הָאט דֶעם עֶסִיג צִימִישְׁט מִיט וַואסֶער אַז עֶר אִיז גִיט צִי טְרִינְקֶען מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(ו) אַז מֶען טְרִינְקְט וַואסִיר מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען אִיז נִיט דַארְשְׁטֶערִיק מַאכְט מֶען נִיט אַבְּרָכָה.

# וַאסִיר פִּין גִיקָעכְן אַז מֶען עֶסְט דָאס וַאסִיר אַלֵיין

(א) וַאסִיר וָואס מֶען הָאט אִין עֶם גִיקָאכְט גְרִין וַוארְק אוֹיף דֶער דֶעה צוּ עֶסִין דָאס גְרִין וַוארְק אִין צוּ עֶסִין דָאס וַאסִיר מִיט אַלֶעפִּיל אָדִיר אֵיינְטֻינְקֶען דֶערִין בְּרוֹיט מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם וַאסִיר בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה אֲפִילוּ מֶען עֶסְט נִיט נָאר דָאס וַאסִיר אַלֵיין.

(ב) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט גְרִין וַוארְק אוֹיף דֶער דֶעה אוּיס צוּ גִיסִין דָאס וַאסִיר אָדִיר אַוֶועק צוּ וַוארְפִין דָאס גְרִין וַוארְק אָדֶער צוּ טְרִינְקֶען דָאס וַאסִיר מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם וַאסִיר שֶׁהַכֹּל אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אֲדָמָה הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועןְ.

(ג) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט דָאס גְרִין וַוארְק מִיט פְלֵייש אָדִיר מִיט עֶסִיג אָדִיר מִיט בָּארְשְׁט אָדִיר מִיט סְמֶעטִינֶע, אַז מֶען פִּילְט אִין וַאסִיר אַגִיטֶען טַעם פִּין דֶער אַנְדִירִיר זַאךְ מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם וַאסִיר שֶׁהַכֹּל נָאר אַז עֶר עֶסְט דִיא יְרָקוֹת אִין אֵיינֶם מִיט דֶעם וַאסִיר אִין דִיא יְרָקוֹת וֶוענִין דָאס רוֹב מַאכְט מֶען אֲדָמָה.

(ד) פֵּירוֹת וָואס וַואקְסִין אוֹיף אַבּוּים אַז מֶען הָאט זֵיי גִיקָאכְט אִין וַאסִיר שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ג׳.

(ה) וַאסִיר פִּין גִיקָאכְטֵי פֵּירוֹת וָואס וַואקְסִין אוּיס דֶער עֶרְד אַז דֶעם רוֹב קָאכְט מֶען זֵייא דְהַיְינוּ בָּאנְדְלִיךְ רִיבְּלִיךְ אִיז דֶער דִין פִּין דֶעם וַאסִיר וִויא פִּין גְרִין וַוארְק, אִין אַז דוּם רוֹב עֶסְט מֶען זֵייא רוֹיעֶרְהֵייט מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם וַאסִיר שֶׁהַכֹּל.

(ו) וַאסִיר פִּין גִיקָאכְט טֵייג אִיז דֶער דִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת א׳ ב׳ ג׳ נָאר וִויא עֶס שְׁטֵייט מֶען זָאל מַאכִין אֲדָמָה זָאל מֶען מַאכִין אוֹיף דֶעם וַאסִיר מְזוֹנוֹת, אִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען הָאט גִימַאכְט אֲדָמָה הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועןְ, אִיז דָא דֶער דִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט מְזוֹנוֹת הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועןְ, אִין אַז זֵיין עִיקַר כַּוָּנָה אִיז אוֹיף דֶער זוּפּ מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(ז) אִינְגֶערְקִיס (אִימָארְקִין) קְרוֹיט, אַז מֶען הָאט גִיזֵייעֶרְט מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם וַאסִיר שֶׁהַכֹּל נָאר אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גֶעמַאכְט אִיבֶּער דִיא אִימָארְקִין אָדֶער קְרוֹיט הָאֲדָמָה בְּרוֹיךְ עֶר קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכֶען אִיבֶּער דֶעם וַאסֶער אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אֲדָמָה אִיז עֶר יוֹצֵא.

ח באַרשט

## וואסער פון געקעכץ אז מען עסט דאס וואסער אליין

(ח) בארשט פון בעריקים (צוויקעל) אז מען האט געמאכט א ברכה האט מען יוצא געווען.

(ט) גערשטין אז מען האט געקאכט אין וואסער פיר אקראנקען ער זאל טרינקען דאס וואסער מאכט ער שהכל.

(י) גערשטליך אדיר גראפליך מאכט מען אויף דעם וואסיר מזונות, אין אז זיין עיקר כוונה איז אויף דער זופע מאכט מען שהכל אויף דעם וואסער אין אויף דיא גערשטליך אדער גראפליך מאכט ער מזונות.

---



(א) אז מען וויל עסין ברויט וואס מען מאכט המוציא דארף ער זיך וואשין מיט וואסיר וואס איז דא ארביעית אין מיט אגאנציר כלי אין פאר דעם אפוואשען זאלל ער מאכין על נטילת ידים אין נאך דעם זאל ער זיך אפווישין דיא הענד, אז ער האט ניט געמאכט דיא ברכה פאר דעם אפוואשען זאלל ער מאכין נאך דעם אפווישען, אבער אז ער האט ניט געמאכט דיא ברכה פאר דער המוציא זאלל ער שוין ניט מאכין, אין אז ער האט ניט צו עסין ברויט נאר ווייניגער ווי א איין איי גרויס זאלל ער זיך וואשין אין דיא ברכה ניט מאכין נאר המוציא.

(ב) וואסיר וואס איז פארענדירט דיא מראה איז פסיל צו וואשין אין אז עס איז פארענדירט דיא מראה מחמת ליים אז אבלב קאן טרינקען דאס וואסיר איז כשר אין אז ניט איז פסיל, אין אז מען האט גיטיען אמלאכה מיט דעם וואסיר דהיינו ער האט אפגיוואשין מיט עס אכלי אדער ער האט איינגיווייקט אין עס ברויט אדיר גרינוואר אדיר ער האט אריין גילייגט אפלאש משקה אין וואסיר אפקילען, אדיר ער האט אריין גילייגט אגישפאלטיני כלי כדי דיא שפאלטין זאללין צוזאממען געהען איז דאס וואסיר פסיל צו וואשין, אין אז אבלב אדיר אחזיר האט פון עס גיטרינקען דארף מען אויך מחמיר

זיין

זַיין, אִין אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צִי אִיז דָאס וַואסֶער כָּשֵׁר זָאל מֶען זִיך נִיט וַואשְׁן מִיט דֶעם אִין אַז עֶר הָאט זִיך גִיוַואשְׁן אִיז כָּשֵׁר נָאר אַז עֶר הָאט אַנְדֶער וַואסֶער זָאל עֶר זִיך וַואשְׁן אָהן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט זִיך גִיוַואשְׁן מִיט וַואסֶער וָואס אִיז בְּוַדַאי פָּסוּל אִין הָאט מַפְסִיק גִיוֶועזְן נָאך דֶער בְּרָכָה זָאל עֶר זִיך נָאך אַמָאהל וַואשְׁן אִין אַבְּרָכָה מַאכְין.

(ג) אַז מֶען טוֹבְלְט דִיא הֶענְד אִין אַקְוַואל אָדֶער אִין אַגֵייֶענְדִיק וַואסֶער אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין שִׁיעוּר מִקְוֶה אִיז כָּשֵׁר אָבֶּער אַז עֶר טוֹבְלְט דִיא הֶענְד אִין אַמִקְוֶה פוּן רֶעגְין וַואסֶער דַארְף זַיין אַשִׁיעוּר מִקְוֶה.

(ד) מֶען טָאר נִיט מַפְסִיק זַיין פוּן דֶעם וַואשְׁן בִּיז מֶען הֵייבְּט אָהן צִי עֶסִין אִין עֶר טָאר נִיט זָאמִין זִיך וִויפִיל מֶען קָאן גֵייעֶן צְוֵוייאִינְצְוָואנְצִיג אֵיילִין אִין מֶען טָאר נִיט גֵיין פוּן אֵיין הֶדֶר אִין אַנְדֶערִין אַז זַיין דֵעָה אִיז נִיט גִיוֶועזְן אוֹיף דֶעם בְּשַׁעַת וַואשְׁן, אִין בְּדִיעֲבַד אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶועזְן אֲפִילוּ מִיט רֵייד דַארְף עֶר זִיך נִיט וַואשְׁן נָאך אַמָאל אִין נִיט קֵיין אַנְדֶערִי בְּרָכָה מַאכִין.

(ה) אַז עֶר הָאט אָן גִירִירְט מִיט דִיא הֶענְד נָאך דֶעם וַואשְׁן אִין זַיין גוּף אוֹיף דִיא צִיגֶעדֶעקְטֶע עֶרְטֶער אָדֶער עֶר הָאט זִיך גִיקְרַאצְט אִין קָאפּ אָדֶער עֶר הָאט גִיהַאט נְקִיּוּת דַארְף עֶר זִיך נָאך אַמָאל וַואשְׁן אָן אַבְּרָכָה.

(ו) אַז עֶר הָאט גִיהַאט נְקִיּוּת פַאר דֶעם וַואשְׁן זָאל עֶר זִיך קוֹדֶם וַואשְׁן נִיט כְּדִין אִין זָאל זָאגִין אֲשֶׁר יָצַר אִין נָאך דֶעם זָאל עֶר זִיך וַואשְׁן כַּדִין אִין אַז עֶר קֶען זִיך נִיט וַואשְׁן נָאר אֵיין מָאל דְהַיְינוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין וַואסֶער אוֹיף צְווייא מָאהל וּכְיוֹצֵא זָאלל עֶר מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר פַאר דֶעם אָבְּווישְׁן אִין בְּשַׁעַת אָבְּווישְׁן זָאל עֶר מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם.

(ז) אַז עֶר הָאט זִיך סְתָם גִיוַואשְׁן דִיא הֶענְד כְּדִין אִין נָאך דֶעם הָאט עֶר זִיך בֶּעזִינְגֶען צִי עֶסִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט מֵסוּחַ דַעַת גִיוֶועזְן פוּן דֶעם וַואשְׁן זָאלל עֶר זִיך וַואשְׁן אִין זָאל נִישְׁט מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם.

(ח) פַאר דֶער הַמוֹצִיא זָאלל עֶר אַריין שְׁנֵיידְן אִין בְּרוֹיט אִין

נישט

נישט אפשניידן אינגאנצן נאר עס זאל זיך אנהאלטן גיט, און שבת זאלל ער גאר נישט אראן שניידן נאר איין קארפ מאכן, און נאך דעם זאלל ער אנידער לייגן דאס מעסיר און זאלל ארויף לייגן ביידי הענד אויף דעם ברויט און זאלל מאכן דיא ברכה המוציא, ווען ער זאגט לחם „מן" זאלל ער ארוים זאגן שארף ער זאלל נית פאר חאפן איין מם אין בשעת ער זאגט דעם שם זאלל ער אויף הייבן דאס ברויט, און שבת זאלל ער ביידי ברויט אויף הייבן, און אמצה וואס מען שנייד נית זאלל ער בשעת ברכה ארויף לייגן אכט פינגער פון אויבן און דיא צווייא גראבי פינגער אינטער דער מצה.

(ט) פאר דער המוציא מעג ער בעטן זאלץ אדיר אמעסיר אבער נאך דער המוציא טאר מען נית מפסיק זיין מיט קיין שום ווארט ביז ער עסט אכזית און שלינגט איין, און אז ער האט מפסיק גיוועזן ער האט שוין אפילו גיגעסן* דארף ער קיין אנדירע ברכה מאכן, אבער אז ער האט מפסיק גיוועזן איידיר ער האט* ווייניגיר גיגעסין מיט רייד וואס קערין זיך נית צו דער סעודה דארף ער נאך אמאהל אברכה מאכן.

(י) אז ער האט מפסיק גיוועזן פאר דעם עסין מיט רייד וואס קערין זיך אן צים עסין דהיינו ער האט גיזאגט ברענגטץ זאלץ אדיר צישפייז אדיר ער האט גיזאגט גיטץ צו עסין דער בהמה אדיר עופות דארף ער קיין אנדערי ברכה מאכן, אבער אז ער האט גיזאגט גיטץ צי טרינקען דיא בהמות איז אהפסק, און אז ער האט גיזאגט אמן נאך דעם חבירם ברכה איז אויך אהפסק.

(יא) בשעת מען קייעט איידיר מען שלינגט אראפ טאהר מען נישט מפסיק זיין און אז ער האט מפסיק גיוועזן דארף מען קיין אנדירי ברכה מאכן.

(יב) ער טאהר נישט שניידן קיין המוציא פאר אנדערי איידיר ער עסט און אז ער האט גישניטן איז קיין הפסק.

(יג) אז ער האט גימאכט שהכל אויף ברויט האט ער יוצא גיוועזן אבער אז ער האט גימאכט מזונות איז אספק צי ער האט יוצא גיוועזן, איבער דעם זאלל ער עסין ווייניגער פון אכזית און זאלל ארויס גייען

---

*גענעסן אפילו וויניגער ווי א כזית   *ער האט גענעסן

גֵייעֶן אִין אַרַיין קוּמֶען אִין זָאלל מַאכִין הַמוֹצִיא אָדִיר עֶר זָאלל הֶערִין פֿוּן אֵיין אַנְדִירִין וִויא עֶר מַאכְט הַמוֹצִיא אִין זָאלל אִין זֵיין הָאבִּין יוֹצֵא זֵיין אָדִיר עֶר זָאלל מְהַדֵּר זֵיין דִיא בְּרָכָה, אִין אַזוֹי אִיז דֶער דִין אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צִי עֶר הָאט גִימַאכְט הַמוֹצִיא.

(יד) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט הַמוֹצִיא אוֹיף אַשְׁטִיקִיל בְּרויט אִין עֶס אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין שְׁטֵיין דֶער דִין אִין שַׁעַר א׳.

(טו) אַז אִיז גִיוֶועִן פַאר עֶס אַשְׁטִיק בְּרויט מִיט אַגַאנְצִין בְּרויט זָאלל עֶר הַמוֹצִיא מַאכִין אוֹיף דֶעם גַאנְצִין אַפִילוּ דָאס גַאנְצִי אִיז גִיוֶועִן קְלֶענֶיר אִין גִימֵיינֶער בְּרויט, אָבֶער אַז אִיז גִיוֶועִן פַאר עֶס צְווייא גַאנְצִי אָדִיר צְווייא שְׁטִיקֶער זָאלל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם שֶׁענֶערִין אַפִילוּ עֶס אִיז קְלֶענִיר, אִין אַז בֵּיידִי זֶענִין גְלַייך שֵׁיין זָאלל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם גְרֶעסִירִין. אִין אַז עֶר וִויל נִיט עֶסִין נָאר פֿוּן אֵיינֶעם זָאלל עֶר אִיבֶּער דֶעם אַבְּרָכָה מַאכִין.

(טז) אַז אִיז גִיוֶועִן פַאר עֶס ווייצִין בְּרויט אִין קָארִין בְּרויט אָדִיר גֶערְשְׁטִין בְּרויט זָאלל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִיבֶּער דֶעם ווייצִינִים בְּרויט אַפִילוּ עֶס אִיז גִימֵיינִיר פֿוּן דֶעם אַנְדִירִין אִין אַז דָאס ווייצִינִי אִיז נִישְׁט גַאנְץ אִין דָאס אַנְדִירִי אִיז גַאנְץ וֶוען דָאס גַאנְצִי אִיז פֿוּן קָארִין זָאלל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִיבֶּער דֶעם ווייצִינִים אִין אַז דָאס גַאנְצִי אִיז פֿוּן גֶערְשְׁטִין זָאלל עֶר לֵייגִין דָאס ווייצִינֶע שְׁטִיק אִינְטֶער דֶעם גַאנְצִין אִין זָאל אַבְּרָכָה מַאכִין אִיבֶּער בֵּיידִי, אִין אַז עֶס אִיז נָאך דָא אֵיינֶער בֵּייא דֶעם טִישׁ זָאל דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַבְּרָכָה מַאכִין אִיבֶּער דֶעם ווייצִינֶעם אִין דֶער אַנְדִירֶער אוֹיף דֶעם גַאנְצִין.

(יז) מֶען מַאכְט נִיט קֵיין הַמוֹצִיא נָאר אוֹיף בְּרויט פֿוּן פִינֶעף מִינִים דָאס אִיז ווייץ, גֶערְשְׁטִין הָאבִּיר, קָארִין, אַלַאק, אִין עֶס אִיז גִיוֶועהְן אוּסְגִימִישְׁט מֶעהל פֿוּן דִיא מִינִים מִיט אַנְדִירֶע מִינִים שְׁטֵייט אִין שַׁעַר י״ב.

(יח) אַז מֶען וִויל עֶסִין אַפִילוּ וָואס אַקְלֵיין שְׁטִיקֶעל בְּרויט, אָדִיר מֶעהל פֿוּן בְּרויט דַארְף מֶען מַאכִין הַמוֹצִיא אִין זִיך וַואשִׁין, נָאר עַל נְטִילַת יָדַיִם מַאכְט מֶען נִישְׁט נָאר אוֹיף אַזוֹי וִויא אֵיין אֵי גְרוֹיס אִין בֶּענְטְשִׁין דַארְף מֶען נִיט נָאר אוֹיף וִויא אֵיין הַאלְבּ אֵיי.

(יט) אַז עֶר אִיז גִינַאנְגִין אִין שִׁיל דַאוְוענֶען אִין מִיטֶען דֶער סעוּדָה אָדֶער עֶר הָאט אַבִּיסֶל גִישְׁלָאפִין זָאלל עֶר זִיךְ וַואשִׁין אִין נִיט מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין נִיט קֵיין הַמוֹצִיא. אָבֶער אַז עֶר הָאט זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפִין אִין מִיטִין דֶער סעוּדָה אִין הָאט גִישְׁלָאפִין אַסַאךְ, דַארְף עֶר זִיךְ וַואשִׁין אִין מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין הַמוֹצִיא.

(כ) אַז דָאס בְּרוֹיט אִיז פַארְשִׁימִילְט אִין עֶס אִיז אַבִּיסֶל פַארְדָארְבִּין מַאכְט מֶען נִיט עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין נִיט קֵיין הַמוֹצִיא נָאר שֶׁהַכֹּל, אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אִין אַז עֶס אִיז שְׁטַארְק פַארְדָארְבִּין דְהַיְינוּ עֶס אִיז גִישְׁט רָאוּי צִי עֶסִין אֲפִילוּ בְּדוֹחַק מַאכְט מֶען גָאר קֵיין בְּרָכָה נִיט.

(כא) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אָהן הַמוֹצִיא אַז עֶר הָאט נָאךְ בְּרוֹיט זָאלל עֶר הַמוֹצִיא מַאכִין אִין עֶסִין אִין אַז נִיט זָאלל עֶר קֵיין הַמוֹצִיא מַאכִין נָאר עֶר זָאלל בֶּענְטשִׁין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַכְּזַיִת.

## שַׁעַר ח' אַמֶאכְל פּוּן צִיבְּרֶעקִילְט בְּרוֹיט

(א) אַז מֶען הָאט צִיבְּרֶעקִילְט בְּרוֹיט אוֹיף קְלֵיינֵי שְׁטִיקְלִיךְ אִין מֶען הָאט עֶס גִיקָאכְט אַז דִיא שְׁטִיקְלִיךְ זֶענִין פּוּן אַכְּזַיִת דָאס אִיז וְויא אַהַאלְבּ הֵינֶערִין אֵיי מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא אִין מֶען בֶּענְטשְׁט, אִין אַז זֵייא זֶענִין קְלֶענֶער פּוּן אַכְּזַיִת מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין עַל הַמִחְיָה, אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם קָאכִין הָאבִּין זֵייא אַכְּזַיִת, אִין אַז אַטֵייל שְׁטִיקְלִיךְ הָאבִּין גִיהַאט אַכְּזַיִת אִין אַטֵייל הָאבִּין נִיט גִיהַאט קֵיין כְּזַיִת זָאלל עֶר מַאכִין הַמוֹצִיא אוֹיף אַשְׁטִיקְל וָואס הָאט אַכְּזַיִת אִין אַז מֶען וֵוייסְט נִיט צִי זֵייא הָאבִּין גִיהַאט אַכְּזַיִת זָאלל מֶען נִישְׁט עֶסִין צַאדִין עֶר מַאכְט הַמוֹצִיא אוֹיף אַשְׁטִיקְל אַנְדִיר בְּרוֹיט, אָדֶער עֶר זָאלל צִיבְּרֶעקְלִין זֵייא זָאלְלִין בְּוַדַאי הָאבִּין וֵוינִיגֶער פּוּן אַכְּזַיִת אִין נָאךְ אַמָאהל אוֹיף זִידֶען אִין מַאכִין מְזוֹנוֹת.

(ב) אַז פַאר דֶעם קָאכִין הָאבִּין זֵייא גִיהַאט אַכְּזַיִת אִין בְּשַׁעַת קָאכִין זֶענִין זֵייא צִיבְּרֶעקִילְט גִיוָוארִין אוֹיף קְלֶענִירִי שְׁטִיקְלִיךְ פּוּן אַכְּזַיִת מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִחְיָה.

(ג) אַז עֶר הָאט גִיפְּרֶעגִילְט אִין שְׁמַאלְץ אָדֶיר אִין פּוּטֶער קְלֵיינֵי שְׁטִיקְלִיךְ בְּרוֹיט קְלֶענִירִי פוּן אַכְּזַיִת זָאלל מֶען נִיט עֶסִין נָאר אַז מֶען מַאכְט הַמּוֹצִיא אוֹיף אֵיין אַנְדִיר שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט.

(ד) אַז מֶען הָאט אַרוֹיף גִיגָאסִין הֵייס וַואסִיר פוּן דֶעם טָאפּ וָואס הָאט דָארְט אוֹיף גִיזָאטִין אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ בְּרוֹיט וָואס הָאבִין וֵויינִיגֶער פוּן אַכְּזַיִת אַז זַייא הָאבִין אַגִישְׁטַאלְט פוּן בְּרוֹיט אִיז עֶס אַסָפֵק בְּרָכָה אִין אַז זַייא הָאבִין נִיט קֵיין גִישְׁטַאלְט פוּן בְּרוֹיט מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִּחְיָה.

(ה) אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִילֵייגְט שְׁטִיקְלִיךְ בְּרוֹיט קְלֶענִירִי פוּן אַכְּזַיִת אִין אַטָאפּ וָואס מֶען הָאט אַוֶועק גִינֻמֶען פוּן דֶעם פֵייעֶר אַז דָאס וַואסִיר אִיז נָאךְ שְׁטַארְק הֵייז מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז עֶס אִיז נָאר לֶעפְּלִיךְ מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא אִין אַז עֶס אִיז מִיטֶעל אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה, אִין אַז דָאס וַואסִיר אִיז וַוייס גִיוָוארִין מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אַפִילוּ עֶס אִיז קָאלְט גִיוֶועזִן.

(ו) אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִילֵייגְט בְּרֶעקִילִיךְ קְלֶענִירֶע פוּן אַכְּזַיִת אִין אַכְּלִי שֵׁנִי דָאס אִיז מֶען הָאט אַרוֹיס גִיגָאסִין וַואסִיר פוּן דֶעם טָאפּ וָואס אִיז גִישְׁטַאנִין אוֹיף דֶעם פֵייעֶר אִין אֵיין אַנְדִירֶע כֵּלִי אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה אִין אַז דָאס וַואסִיר אִיז נָאר גִיוֶועזִין לֶעפְּלִיךְ מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא אִין אַז דָאס וַואסִיר אִיז וַוייס גִיוָוארִין מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת.

(ז) אַז מֶען הָאט בַּאהֶעפְט בְּרֶעקִילִיךְ בְּרוֹיט קְלֶענִירִי פוּן אַכְּזַיִת מִיט הָאנִיק אָדֶיר מִיט זוּפּ, אַז מֶען דֶערְקֶענְט נָאךְ אַז עֶס אִיז בְּרוֹיט מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא, אִין אַז מֶען דֶערְקֶענְט נִיט מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת.

(ח) אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִילֵייגְט בְּרֶעקִילִיךְ בְּרוֹיט קְלֶענֶערֶע פוּן אַכְּזַיִת אִין קָאלְט וַואסִיר אָדֶיר אִין עֶסִיג, אַז דָאס וַואסִיר אִיז וַוייס גִיוָוארִין פוּן זַייא מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז נִיט מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא.

(ט) קְנֵיידְלִיךְ אָדִיר חְרֶעמְזְלִיךְ אוֹיס מַצָּה מֶעהְל אָדִיר אוֹיס מֶעהְל פוּן בְּרוֹיט אַז מֶען הָאט זַייא גִימַאכְט קְלֶענִיר פוּן אַהַאלְבּ אֵיי מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז זַייא הָאבִין גִיהַאט אַכְּזַיִת אַז זַייא זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוֹיס רוֹב אֵייעֶר מִיט שְׁמַאלְץ מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז זַייא זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוֹיס רוֹב וַואסִיר אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה, אִין אַז מֶען הָאט אַרוֹיף

גיגאסין

גיגאסין הייס וואסיר פון אבלי ראשון אויף דעם מעהל מאכט מען מזונות אויף אללע פעל.

(י) אז מען האט ציבערקילט ברויט אדיר מצה אויף קליינע שטיקליך קלענערע פון אכזית אין מען גימאכט אמאכל גיפרעגילט אין שמאלץ אדיר אייל אדיר פיטער, איז איין ספק ברכה אז מען האט זייא גיקאכט מאכט מען מזונות.

(יא) אז מען האט גיבאקין ברויט פון מעהל פון מצה אדיר פון ברויט מאכט מען המוציא, אין אז מען האט עס מיט אייער אדיר מיט אנדערע משקה גיקנעטין איז אספק ברכה. נאר אז מען וויל עסין מען זאל זאט זיין זאל מאן מאכין המוציא אין בענטשין.

(יב) קוגעל פון מצה מעהל אדיר פון ברויט אז איז גיקנעטין מיט רוב וואסער איז אספק ברכה, אין אז איז גיקנעטין מיט רוב אייער אין מיט שמאלץ אדיר מען האט ארויף גיגאסין הייס וואסיר אויף דעם מעל פון אבלי ראשון מאכט מען מזונות, אין אז ער איז גימאכט אויס שטיקליך ברויט אדיר מצה איז אספק ברכה.

(יג) וויא עס איז אספק ברכה טאר מען ניט עסין צאדין מען זאל זיך וואשין צי איין אנדיר שטיקעל ברויט אין זאל מאכין המוציא.

(יד) וויא דער דין איז צי מאכין המוציא דארף מען זיך וואשין אין מאכין על נטילת ידים אין המוציא אין בענטשין, אין וויא דער דין איז צי מאכין מזונות דארף מען זיך ניט וואשין אין נאך דעם עסין מאכט מען על המחיה.

---

## שער ט׳ דינים פון גיבעקס

(א) גיבעקס וואס איז גיקנעטין מיט האניק אדיר מיליך אדער אייער אדיר שמאלץ אדיר וויין אדיר אנדירע משקה אדיר מיט זאפט פון פירות אין דעם טעם פון דער משקה אדיר פון דער זאפט פילט מען אין דעם גיבעקס האט עס דעם דין פון גיבעקס וואס וועט שטייען וואטער האטשי מען האט ארייון גיטאן אביסל וואסיר אויך, אבער אז עס איז דא מער וואסיר וויא האניק האטשי עס איז זיס האט עס דעם

דין

דִין פֿון אַנְדִיר בְּרוֹיט.

(ב) אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין מִיט וַואסִיר אִין גֶעפִּילְט מִיט פֵּירוֹת אָדִיר מִיט אַנְדִירֶע זִיסֶע זַאכֶען אָדִיר מִיט פָּאוִוידִיל (לֶעקְוַואר) הָאט עֶס דֶעם דִין פֿון גִיבֶּעקְס, אָבֶּער אַז מֶען הָאט גֶעפִּילְט מִיט פְלֵייש אָדִיר קֶעז אָדִיר קְרוֹיט אָדִיר צִיבִּילֶעס אָדִיר גְרִיוִוין אָדִיר אַנְדִירֶע זַאכִין וָואס עֶס אִיז אֵיין שְׁפֵּייז אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה.

(ג) טְרִיקִינֶע קִיכֶעל וָואס זֶענִין גִיקְנֶעטִין מִיט רוֹב וַואסִיר אִין זֶענִין גִימַאכְט גִיוָוארִין צִי עֶסִין נָאר פַאר תַּעֲנוּג הֵייסְט אוֹיךְ גִיבֶּעקְס, אָבֶּער אַיְרָא שָׁמַיִם זָאל עֶס נִיט עֶסִין נָאר אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה.

(ד) אַז מֶען וִויל עֶסִין גִיבֶּעקְס אַזוֹי שְׁטִיק וִויא אֵיין אִין צְוָואנְצִיג מִיט אַהַאלְבְּס הִינֶערְנִי אֵייֶער דָאס אִיז אַבִּיסִיל מֶער פֿון אֵיין לִיטֶער מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא אִין מֶען בֶּענְטְשְׁט נָאךְ דֶעם, אֲפִילוּ מֶען אִיז נִיט זַאט אִין אַז מֶען עֶסְט נָאר אַזוֹי וִויא וֶוייניגֶער פֿון דְרֵיי אֵייֶער מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אִין נָאךְ דֶעם עַל הַמִּחְיָה אֲפִילוּ מֶען אִיז זַאט, אִין אַז מֶען וִויל עֶסִין וֶוייניגֶער פֿון זֶעקְס אֵייֶער אִין מֶען וֶועט נִיט זַאט זַיין מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִּחְיָה, אִין אַז מֶען וִויל עֶסִין אַזוֹי וִויא זֶעקְס אֵייֶער אָדִיר מֶער בִּיז אֵיין אִין צְוָואנְצִיג מִיט אַהַאלְבְּס אִין עֶר וֶועט נִיט זַאט זַיין, אָדִיר פֿון דְרֵייא בִּיז פִיר אֵייֶער אִין וֶועט זַאט זַיין אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה אִין אַז עֶר וִויל עֶסִין אַזוֹי וִויא פִיר אֵייֶער אָדֶער מֶער אִין וֶועט זַאט זַיין, מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין דַארְף מֶען בֶּענְטְשִׁין.

(ה) אַז עֶר וִויל עֶסִין גִיבֶּעקְס מִיט אַנְדִירֶע זַאכִין דְהַיְינוּ מִיט קָאפֶע אִין פֿון בֵּיידֶע וֶועט עֶר זַאט זַיין אַז עֶר עֶסְט נָאר וֶוייניקֶער וִויא דְרֵיי אֵייֶער גִיבֶּעקְס מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִּחְיָה, אִין אַז עֶר וִויל עֶסִין וִויא פִיר אֵייֶער גִיבֶּעקְס דַארְף מֶען זִיךְ וַואשִׁין אִין מַאכִין הַמּוֹצִיא אִין בֶּענְטְשִׁין, אִין פֿון דְרֵיי בִּיז פִיר אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה, אִין אַז עֶר וֶועט נִיט זַאט זַיין אִין וִויל עֶסִין בִּיז זֶעקְס אֵייֶער גִיבֶּעקְס מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִּחְיָה אִין מֶער אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה.

(ו) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַזוֹי וִוי אַפִיר אֵייֶער גִיבֶּעקְס אִין הָאט גִימֵיינְט דָאס עֶר וֶועט זַאט זַיין אִין הָאט גִימַאכְט הַמּוֹצִיא אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין

עֶסְן אִיז עֶר נִיט זַאט זָאל עֶר מַאכְן עַל הַמִחְיָה.

(ז) אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט עֶסְן נָאר אַבִּיסְל גִיבֶּעקְס נִיט זַאט צוּ זַיין הָאט גִימַאכְט מְזוֹנוֹת אִין נָאך דֶעם הָאט עֶר גִיגֶעסְן בִּיז עֶר אִיז זַאט גִיוָוארְן זָאל עֶר בֶּענְטְשְׁן, אִין אַז נָאך דֶעם וִוי עֶר הָאט גִיגֶעסְן אַבִּיסְל הָאט עֶר זִיך בַּארָאטְן צוּ עֶסְן נָאך אַזוֹיא וִויא פִּיעֶר אֵייעֶר אִין וֶועט זַאט זַיין דַארְף עֶר זִיך וַואשְׁן אִין צוּ מַאכְן עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין מַאכְן הַמוֹצִיא אָבֶּער אַז עֶר וִויל עֶסְן וֵוייניגֶער וִויא פִּיעֶר אֵייעֶר זָאלל עֶר נִיט מַאכְן הַמוֹצִיא נָאר נָאך דֶעם עֶסְן זָאלל עֶר בֶּענְטְשְׁן.

(ח) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט הַמוֹצִיא אוֹיף גִיבֶּעקְס הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהְן נָאר עֶס אִיז גְלַייך דָאס עֶר זָאלל זִיך וַואשְׁן אִין עֶסְן בִּיז עֶר וֶועט זַאט זַיין אִין זָאלל בֶּענְטְשְׁן אִין אַז עֶר הָאט נִיט מֶעהר אִין אִיז נִיט זַאט זָאלל עֶר מַאכְן עַל הַמִחְיָה.

(ט) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט מְזוֹנוֹת אוֹיף גִיבֶּעקְס טָאהר עֶר נִיט עֶסְן עֶר זָאלל זַאט זַיין אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסְן בִּיז עֶר אִיז זַאט דַארְף עֶר בֶּענְטְשְׁן.

(י) טֵייג וָואס אִיז גִיקְנֶעטְן מִיט וַואסֶער אִין מֶען הָאט עֶס גִיפְּרֶעגִילְט אִין אֵייל אָדֶער אַנְדֶירֶע פֶּעטְטֶע זַאכְן אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה, אָבֶּער אַז מֶען הָאט* דִי פַּאן אָן גִישְׁמִירְט מִיט פֶּעטְטֶע זַאכְן מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא אִין נָאך דֶעם בֶּענְטְשְׁט מֶען אִין אַז דָאס טֵייג אִיז גִיקְנֶעטְן וֵוייעך אִין מֶען הָאט עֶס גִיפְּרֶעגִילְט אִין אֵייל אָדֶער אַנְדֶירִי פֶּעטִי זַאכְן מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז עֶר וִויל עֶס עֶסְן אוֹיף זַאט זַיין אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה.

(יא) טֵייג וָואס עֶס אִיז גִיקְנֶעטְן מִיט וַואסֶער שְׁטַארְק וֵוייעך וָואס מֶען גִיסְט עֶס אִין עֶס וֶוערְט אַלֵיין צוּ שְׁפְּרֵייט אַפִילוּ מֶען הָאט עֶס גִיבַּאקְן מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט עֶסְן אוֹיף זַאט זַיין אַפִילוּ זַייא זֶענֶען נָאר דִין אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען נִישְׁט עֶסְן צוּ זַאט נָאר אַז מֶען הָאט זִיך קוֹדֶם גִיוַואשְׁן צוּ בְּרוֹיט.

טֵייג

* מען האט נאר די

(יב) טייג גיקנעטין מיט וואסיר אז מען האט עס גיקאכט אין נאך דעם גיבאקין אז עס האט ניט קיין גישטאלט פון ברויט דהיינו לאקשין אבער הערעמזליך מאכט מען מזונות אין על המחיה אין אז עס האט אגישטאלט פון ברויט האט מען עס קודם ניט געקאכט אז עס איז ראוי געוועהן צו עסין אפילו פאר דעם באקין זאלל מען עס ניט עסין נאר אז מען האט זיך קודם גיוואשין צו ברויט אין אז מען האט נאר אויף געזאטין אין זידיג וואסיר וואס מיט דעם איז עס ניט ראוי געוועהן צו עסין דהיינו בייגיל פרעצין מאכט מען המוציא אין מען בענטשט אויף דיא בייגעל אין פרעצין אליין אפילו ער האט זיך נישט געוואשין צו ברויט.

(יג) טייג וואס מען האט עס גיבאקין אויף איין שפיז אין מען האט עס באשמירט מיט אייל אדיר מיט אייער, אדיר מען האט עס גיבאקין אויף דער זין מאכט מען מזונות אין אז מען וויל עסין אויף זאט זיין אין אספק ברכה, איבער דעם זאל מען זיך וואשין קודם צו ברויט.

(יד) אללע מין גיבעקס אז מען וויל עסין נאך דעם וויא מען האט זיך גיוואשין צו ברויט אין המוציא גימאכט, אז מען עסט צו זאט דארף מען ניט צו מאכין א ברכה אין אז מען עסט דאס גיבעקס פאר איין שפייז דארף מען אויך ניט מאכין קיין ברכה אבער אז מען עסט עס נאר פאר איין תענוג אז דאס גיבעקס איז גיקנעטין מיט האניק אדיר אנדירי משקה אין עס איז גיפילט מיט פירות אדיר אנדירי זיסע זאכין מאכט מען מזונות, אין קיין על המחיה דארף מען נישט מאכין, אין אנדיר גיבעקס זאלל מען ניט עסין נאר אז מען האט גימאכט מזונות פאר דעם וואשין אדיר מען מאכט מזונות אויף אזוי גיבעקס וואס מען מעג מאכין מזונות אין נאך דעם מעג מען עסין אנדער גיבעקס אויך.

(טו) לעקיך אין טארט מאכט מען מזונות אין אין מיטען

דֶער סְעוּדָה טָאר מֶען נִיט עֶסִין וֵוייל עֶס אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה נָאך אַז מֶען עֶסְט אַשִׁיעוּר וָואס מֶען בְּרויך צִי מַאכִין אַמוֹצִיא.

(יו) בֵּייגִיל אָדִיר קִיכֶעל וָואס אִיז גִיקְנֶעטִין מִיט רוֹב אֵייעֶר מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין אַז מֶען ווִיל זֵייא עֶסִין אִין דֶער סְעוּדָה פַּאר אֵיין שְׁפֵּייז דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אָבֶּער אַז מֶען ווִיל עֶסִין זֵייא פַּאר תַּעֲנוּג טָאר מֶען נִיט.

(יז) קִיפֶּעל, פִּיטֶער קִיכֶען, אָדִיר אַנְדֶערִי פִּיטֶער גִיבֶּעקְס אַז זֵייא זֶענִין גִיקְנֶעטִין אויף רוֹב וַואסִיר מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא, אִין אַז עֶס אִיז גִיקְנֶעטִין אויף רוֹב אַנְדִירֶע זַאכִין הָאט עֶס דֶעם דִין פִּין גִיבֶּעקְס אִין אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה מֶעג מֶען עֶסִין אָהן אַבְּרָכָה.

(יח) קְנִישֶׁעס (דָאלְקִין) אַז זֵייא זֶענִין גִיפִילְט מִיט קֶעז אָדִיר מִיט גְרִיזְוִין אָדִיר מִיט צִיבִּילִים אָדִיר מִיט קְרוּיט אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה. אִין אַז זֵייא זֶענִין גִיפִילְט מִיט פֵּירוֹת אִין מִיט הָאנִיג אִין מִיט צִיקֶער הָאט עֶס דֶעם דִין פִּין גִיבֶּעקְס, אִין אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה מֶעג מֶען אויף אַלֶע פֶעל עֶסִין אָן אַבְּרָכָה.

(יט) *פְלָאדִין אוּיס וֵוייצֶען טֵייג וָואס אִיז גִיקְנֶעטִין אוּיס רוֹב וַואסִיר אִין גִיפִילְט מִיט קֶעז אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה אִין אִין מִיטִין דֶער סְעוּדָה דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶר אִיז גִיפִילְט מִיט צִיקֶער אִין פֵּירוֹת הָאט עֶס דֶעם דִין פִּין שְׁטְרָאדִיל וָואס וֶועט שְׁטֵיין וַואטִיר.

(כ) שְׁטְרָאדִיל אַז עֶס אִיז גִיקְנֶעטִין אוּיס רוֹב וַואסִיר אִין גִיפִילְט מִיט פֵּירוֹת אִין זִיסֶע זַאכִין הָאט עֶס דֶעם דִין פִּין גִיבֶּעקְס אִין אַז מֶען ווִיל עֶסִין אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה פַּאר אֵיין תַּעֲנוּג נִיט פַאר אַשְׁפֵּייז טָאר מֶען נִיט עֶסִין אִין אַז עֶס אִיז גִיקְנֶעטִין מִיט רוֹב אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אָדִיר אֵייעֶר אִין ווִיל עֶס עֶסִין אִין מִיטִין דֶער סְעוּדָה פַּאר אַתַּעֲנוּג דַארְף מֶען מַאכִין מְזוֹנוֹת, אִין אַז מֶען ווִיל עֶסִין פַּאר אֵיין שְׁפֵּייז אִין דֶער סְעוּדָה דַארְף מֶען אויף אַלֶע פֶעל קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶס אִיז גֶעקְנֶעטֶען מִיט רוֹב

וואסיר

---

* פלאדן אנעקעכטס געפילט מיט ניס

וַואסִיר אוּן גִיפִילְט מִיט קְרוּיט אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה אוּן אַז מֶען עֶסְט אִין דֶער סְעוּדָה דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(כא) הוֹיזֶען בְּלָאזִין דָאס אִיז מֶען קְנֶעט טֵייג אוּם אֵייֶער אוּן מֶען וַואלְגֶערְט אוּם דִין אוּן מֶען צִישְׁנֵייד אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ אוּן מֶען פְּרֶעגִילְט אִין אַסַאךְ אֵייל מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אֲפִילוּ וֶוער עֶסְט אַסַאךְ בִּיז עֶר אִיז זַאט, אוּן אַז מֶען עֶסְט דָאס אִין דֶער סְעוּדָה מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת.

(כב) שְׁמַאלְץ קִיכְעֶן אַז עֶס אִיז גִיקְנֶעטִין אוּם רוֹב וַואסִיר מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא.

(כג)* נַאפְּלִיטְנִיקֶעס אָדִיר חְרֶעמְזְלִיךְ מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אֲפִילוּ עֶר הָאט גִיגֶעסִין בִּיז עֶר אִיז זַאט, אוּן אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(כד) גִיקָאכְטִי קְרֶעפְּלִיךְ מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אֲפִילוּ זֵייא זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוּם רוֹב וַואסִיר אֲפִילוּ מֶען עֶסְט בִּיז מֶען אִיז זַאט אֲפִילוּ מֶען הָאט זֵייא גִיפְּרֶעגִילְט אִין פִּיטֶער נָאךְ דֶעם קָאכִין נָאר אַז מֶען הָאט זֵייא גִיפְּרֶעגִילְט אִין אַבִּיסְל פִּיטֶער אִיז רֶעכְט מֶען זָאל מַחְמִיר זַיין נִישְׁט עֶסִין אַסַאךְ אוֹיף זַאט זַיין נָאר אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה, אוּן אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(כה) גִיבַּאקִינֶע קְרֶעפְּלִיךְ אַז זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוּם רוֹב הָאנִיק מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אוּן אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה טָאר מֶען זֵייא נִיט עֶסִין אוּן אַז זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוּם רוֹב וַואסִיר מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא.

(כו) אַלָאקְשִׁינִים קִיגְעל מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אוּן אַגִיבְּלֶע־בֶּערְטִין קִיגְעל אָדִיר אֵיין אַנְדִיר מִין וָואס אִיז גִימַאכְט אוּם נִיט גִיקָאכְט טֵייג אַז עֶר אִיז גִיפִילְט מִיט פֵּירוֹת הָאט עֶר דֶעם דִין פוּן גִיבֶּעקְס, אַז עֶר אִיז גִיפִילְט מִיט פְלֵייש אָדִיר גְרִינְצִין אוּן גִיקְנֶעטִין אוּם רוֹב וַואסִיר זָאל מֶען נִישְׁט עֶסִין נָאר אִין דֶער סְעוּדָה.

המן

* נאפליטניקעס - בלינצעם

(כז) הָמָן טַאשִׁין וָואס זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוֹיף וַואסִיר אִין גִיפִילְט מִיט פְלַאמִין אָדִיר פָּאוִוידִיל הָאבִּין דֶעם דִין פוּן גִיבֶּעקְס אִין מֶען מֶעג עֶסִין אִין דֶער סְעוּדָה אָן אַבְּרָכָה, אִין קְלֵיינֶע הָמָן טֶעשְׁלִיךְ וָואס זֶענִין גִיקְנֶעטִין אוֹיף אֵייֶער אִין גִיפִילְט מִיט פֵּירוֹת אַז מֶען עֶסְט אִין דֶער סְעוּדָה מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת נָאר אַז מֶען עֶסְט צוּ זַאט בְּרוֹיךְ מֶען נִיט צוּ מַאכִין מְזוֹנוֹת.

(כח) קוּגֶעלִיךְ מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אֲפִילוּ אַז מֶען עֶסְט זֵייא אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה.

(כט) אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין טֵייג אוֹיף וַואסִיר וָואס מֶען הָאט אִין עֶס גִיקָאכְט פֵּירוֹת אָדִיר עֶרְד עֶפִּיל אָדִיר רָאזְשִׁינְקֶעס הָאט עֶס דֶעם דִין פוּן בְּרוֹיט, אִין אַז עֶר הָאט גִיקְנֶעטִין אוֹיף רָאזִשִׁינְקֶעס וויין אָדִיר אוֹיף מֶעהְט אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה.

(ל) אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין טֵייג אוֹיף עֶרְד עֶפִּיל צִיבִּילֶע אָדִיר אוֹיף הָארְבִּיזֶעס אָדִיר אוֹיף זַאפְט פוּן אַנְדֶערֶע פֵּירוֹת אֲפִילוּ מֶען הָאט אַרַיין גִיטָאן אַבִּיסֶל וַואסִיר אַז דָאס הוֹיבּ פַּאבְּטִיקְיֵיט אִיז גִיוֶועזְן פוּן דִיא אַנְדִירֶע זַאכִין אִין וַויֶיער טֶעם פִילְט זִיךְ אִין דֶעם גִיבֶּעקְס עֶס אִיז בֶּעסִיר וִויא אוֹיף וַואסֶער אַלֵיין הָאט עֶס דֶעם דִין פוּן גִיבֶּעקְס אִין אַז עֶס אִיז אָרוֹב וַואסִיר הָאט עֶס דֶעם דִין פוּן בְּרוֹיט, אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועזְן עֶרְד עֶפִּיל אָרוֹב אַקֶעגִין דֶעם מֶעהְל אִין עֶס אִיז בֶּעסִיר וִויא מִיט מֶעהְל אַלֵיין הָאט עֶס דֶעם דִין פוּן גִיבֶּעקְס חָאטְשֶׁי מֶען הָאט עֶס גִיקְנֶעטִין אוֹיף וַואסִיר אִין אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועזְן בֶּעסִיר מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא.

(לא) וִויא עֶס אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה טָאר מֶען נִיט עֶסִין צַאדִין מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּ אַנְדִיר בְּרוֹיט אִין מֶען מַאכְט הַמּוֹצִיא אִין מֶען עֶסְט וִויא אַיין אֵיי גְרוֹיס אִין אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין בְּרוֹיט נָאר וִויא אַכְּזַיִת דָאס הֵייסְט וִויא אַהַאלְבּ הִינֶערִין אֵיי זָאל עֶר נִישְׁט מַאכִין אוֹיף דֶעם וַואשֶׁען אַבְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם נָאר הַמּוֹצִיא אָדִיר מֶען עֶסְט פוּן דֶעם מֶען זָאל זַאט זַיין מֶעג מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין זִיךְ וַואשִׁין אִין מַאכִין הַמּוֹצִיא אִין וִויא עֶס אִיז אַסָפֵק בְּרָכָה

אמיטען

אַמִיטֶען דֶער סְעוּדָה טָאר מֶען נִיט עֶסִין צֵאדִין עֶר עֶסְט פוּן דֶעם צִי זַאט וָואס דֶער דִין אִיז בֵּייא דֶעם אַז עֶר עֶסְט צִי זַאט בְּרוּיך עֶר אוֹיף דֶעם אַלֵיין צוּ מַאכֶען אַמוֹצִיא אִין אַז עֶר עֶסְט נִיט צִי זַאט אָדֶער דֶער דִין אִיז בֵּייא דֶעם אֲפִילוּ עֶר עֶסְט צִי זַאט מַאכְט עֶר נָאר מְזוֹנוֹת נִיט הַמוֹצִיא טָאר מֶען נִיט עֶסִין צֵאדִין מֶען הָאט גִימַאכְט מְזוֹנוֹת פַאר דֶעם וַואשִׁין, אָדִיר עֶר הָאט אֵיין זַאךְ וָואס דֶער דִין אִיז צוּ מַאכִין מְזוֹנוֹת אַמִיטֶען דֶער סְעוּדָה, אָדִיר עֶר הֶערְט מַאכִין מְזוֹנוֹת פוּן אֵיין אַנְדִירִין אִין הָאט אִין זִין יוֹצֵא צִי זַיין.

(לב) וִויא דֶער דִין אִיז צִי מַאכִין הַמוֹצִיא דַארְף עֶר זִיךְ וַואשִׁין אִין מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין דַארְף מֶען בֶּענְטְשִׁין.

(לג) אַז מֶען הָאט גִימַאכְט מְזוֹנוֹת אוֹיף גִיקֶעכְץ טָאר מֶען נִיט עֶסִין גִיבֶּעקְס צֵאדִין מֶען הָאט אִין זִין גִיהַאט בְּפֵירוּשׁ בְּשַׁעַת בְּרָכָה אוֹיף דֶעם גִיבֶּעקְס אוֹיךְ.

## שַׁעַר י' מֶעהְל שְׁפֵּייז אִין גְרָאפִּין אִין גַאנְצֶע תְּבוּאָה

(א) *גְרָאפִּין פוּן דִיא פִינְעף מִינֵי דָגָן דָאס אִיז וַוייטְץ, גֶערְשְׁטִין, קָארִין, הָאבִּיר, *אַלְאַק, אַז מֶען הָאט זֵייא גִיקָאכְט מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת.

(ב) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט גַאנְצֵי תְּבוּאָה פוּן דִיא פִינְעף מִינִים אִין זֶענִין נִיט צִיקְוֶועטְשְׁט גִיוָוארִין מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז מֶען הָאט גִיבְּרָאטִין וַוייץ מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין גֶערְשְׁטִין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז זֶענִין צִיקְוֶועטְשְׁט גִיוָוארִין אִין קָאכִין מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִחְיָה, אִין אוֹיף דֶער נָאךְ בְּרָכָה פוּן גַאנְצִיר תְּבוּאָה וָואס מֶען מַאכְט אֲדָמָה אִיז אָסְפֵק אִיבֶּער דֶעם זָאל עֶר נִיט עֶסִין אֲפִילוּ וֶוייניגִיר פוּן אַכְזַית נָאר אִין דֶער סְעוּדָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשִׁין צוּ בְּרוּיט אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אכזית

---

* גראפין - סיריעל *אללאק - א מין פון די פינף מינים

אכילת ניט אין דער סעודה זאל ער מאכין בורא נפשות.

(ג) אגיקעכץ פין מעהל פין פינעף אפילו עס איז שיטער מאכט מען מזונות נאר אז איז אזוי שיטער וואס מען קאן עס טרינקען מאכט מען שהכל.

(ד) גריס, אדער גערשטליך, אדיר *האבירגע גרייץ, אדער להאזי מאכט מען מזונות, אין אז מען האט גיקאכט אביסל גערשטליך אין אסאך וואסער אין זיין עיקר כוונה איז אויף דעם וואסיר צי איין זיפע זאל ער מאכין צום ערשטין אויף דעם וואסיר שהכל אין אויף דיא גערשטליך מזונות אבער אז מען האט גיקאכט גריס אין אסאך וואסיר אז דאס וואסיר איז גידעכט וואס איז ניט ראוי צי טרינקען מאכט מען מזונות אין אז עס איז ראוי צי טרינקען מאכט מען שהכל.

## שער יא רייז, הירש, *קאקאראץ, הרעטשקי

(א) רייז אדיר הירז (הירש) אז זיי זענין ניט ציקוועטשט גיווארין אין קאכין מאכט מען אדמה, אין אז עס איז גאר צי קוועטשט גיווארין מאכט מען שהכל אין אז ער האט גימאכט מזונות האט ער יוצא גיוועז, אין עס איז רעכט דאס מען זאל ניט עסין רייז אדיר הירז צאדין מען וואשט זיך קודם צי ברויט, אדיר ער זאל מאכין קודם מזונות אין שהכל איבער אנדירע זאכין אין ווען דיא רייז אדער הירז זענין ניט ציקוועטשט זאל ער מאכין קודם מזונות אין אדמה איבער אנדערע זאכין אין דיא נאך ברכה פין רייז אין הירז איז בורא נפשות אין אז ער האט גימאכט על המחיה האט ער יוצא גיוועז.

(ב) אז ער האט גימאכט סתם שהכל אויף איין אנדירע זאך אין נאך דעם וויל ער עסין רייז אדיר הירז טאר ער ניט עסין צאדין ער האט אין זין גיהאט בשעת ברכה בפירוש אויף זייא אויך, אין אז ניט זאל ער ארויס גייען אין ארייז קימען ער זאל ברויכין צי מאכין א ברכה וויא עס שטייט אין שער כ' אין מאכין

שהכל

---

*האבירגע גרייץ - אויטס *קאקאראץ - קארן

שֶׁהַכּל אָדיר עֶר זָאל מַאכין מְזוֹנוֹת אויף אֵיין אַנְדִירֶע זַאך נָאך דֶעם מֶעג עֶר עֶסין פּין זֵיי אָדִיר אַז עֶר הָאט רֵייז אִין הירש זָאל עֶר מַאכִין מְזוֹנוֹת אויף בֵּיידִי אין זָאל עֶסין אַבִּיסֶעל רֵייז אִין הירש צוזאמֶען אין זָאל נִיט מַפְסֶק זַיין צְווִישֶען זֵיי אִין אַז דִיא רֵייז אִיז מֶער חָשׁוּב פּין דֶער זַאך וָואס עֶר הָאט אויף עֶס גִימַאכְט שֶׁהַכּל זָאל עֶר אויף דֶער רֵייז מַאכִין אַשֶׁהַכּל.

(ג)*הרעטשקי (טַאטִירֶקע) אַז מֶען הָאט גִימַאכְט בְּרויט אָדיר אֵיין אַנְדִיר מַאכָל אוים דֶעם מֶעהל מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט גְרָאפִּין אַז זֵייא זֶענִין נִיט צִי קְוֶועטְשְׁט גִיוָארִין אִין קָאכִין מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז זֶענִין צִיקְוֶועטְשְׁט מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל אִין אַז דָאס רוֹב אִיז צִיקְוֶועטְשְׁט אָדִיר מֶען וֵוייסְט נִיט צִי אִיז דָאס רוֹב צִיקְוֶועטְשְׁט מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל, אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אֲדָמָה אֲפִילוּ אויף בְּרויט הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועזִין.

(ד)*מַאלַאי (טֶערְקִישֶׁע קָאקָארָאין) אַז מֶען הָאט גִיבַּאקִין בְּרויט אָדִיר אֵיין גִיקֶעכְץ אוים מֶעהל מַאכְט מֶען שֶׁהַכּל, אִין אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט גַאנְצִין מַאלַאי אָדִיר גְרָאפִּין מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז מֶען הָאט גִיבְּרָאטִין קֶערִינְדְלִיך אִין גִימַאכְט*קָאקָאשִׁים מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז מֶען הָאט גִיבְּרָאטִין אָדִיר גִיקָאכְט יוּנְגֶע קָאקוּרוּזֶעם מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז עֶר וִויל נָאך דֶעם אוים נַאגִין דִיא זַאפְט פּין דֶעם קָאטשַׁאן מַאכְט מֶען נָאך אַמָאהל שֶׁהַכּל.

## שַׁער י"ב דִינִים פּין צְווייא מִינִים

(א) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט אַגִיקֶעכְץ פּין צְווייא מִינִים אֵיין מִין פּין מֶעהל פּין דִיא פִּינְעף מִינֵי דָגָן וָואס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר י' אִין אֵיין אַנְדִיר מִין סַאי עֶס אִיז אוים גִימִישְׁט וָואס מֶען דֶערְקָאנְט נִיט יֶעדִירִים מִין סַאי מֶען דֶערְקָאנְט יֶעדִירִים מִין מַאכְט מֶען

מזונות

---

*הרעטשקי (טאטירקע) א מין סיריעל *מאלאי - קארן ברויט

*קאקאשוים - פאפקארן

מְזוֹנוֹת אוֹיף בֵּיידִי מִינִים אֲפִילוּ דָאס אַנְדֶערִי מִין אִיז גִיוֶועןְ מֶער פִּין דֶעם מִין דָגָן׃

(ב) אַז מֶען הָאט אַרִיין גִיטָאהן אַבִּיסְל מֶעהל פִּין אֵיינֶעם פִּין דִיא פִינֶעף מִינֵי דָגָן אִין גִיקֶעכְץ כְּדֵי עֶס זָאל אַרִיין גֶעבִּין אַטַעם מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת נָאר אַז עֶס אִיז שְׁטַארְק שִׁיטֶער וָואס מֶען קָאן טְרִינְקֶען מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז מֶען הָאט נִישְׁט גִינִימִין נָאר אַזאַפִּיל מֶעהל עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטִין אִינְאֵיינֶעם מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה וָואס עֶס קֶער צִי דֶעם גִיקֶעכְץ׃

(ג) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט אִינְאֵיינֶעם אַנְדִירֶע צְווייא מִינִים זָאלל מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר אוֹיף דֶעם מִין וָואס אִיז דָאס רוֹב אִין אַז דָאס אַנְדִירֶע מִין אִיז בֵּייא עֶהם דֶער עִיקָר זָאלל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִיבֶּער דֶעם עִיקָר אַלֵיין אִין אִיבֶּער דֶעם אַנְדִירִין מִין טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אֲפִילוּ עֶר וִויל אַרוֹיס נֶעמִין פִּין דֶעם אַנְדֶערִין מִין אַלֵיין אִין אַבְּרָכָה מַאכִין אִיז עֶס אַבְּרָכָה לְבַטָלָה נָאר אַז עֶר וִויל נִישְׁט עֶסִין נָאר פִּין אֵיין מִין אַלֵיין זָאלל עֶר אוֹיף דֶעם מִין אַבְּרָכָה מַאכִין׃

(ד)*טְשִׁיפְּקִילִיךְ אָדִיר פֶּערְפִּיל מִיט בָּאנְדְלִיךְ מַאכְט מֶען נָאר מְזוֹנוֹת, נָאר אַז עֶר וִויל נִיט עֶסִין נָר דִי בָּאנְדְלִיךְ אַלֵיין זָאל עֶר מַאכִין אוֹיף זֵייא אֲדָמָה, דֶער דִין אִיז אֲפִילוּ דִיא בָּאנְדְלִיךְ זֶענִין דָאס רוֹב אַזוֹיא אִיז דֶער עִיקָר לְהֲלָכָה נָאר עֶס אִיז גְלַייךְ נִזְהָר צִי זַיין מֶען זָאלל נִישְׁט עֶסִין טְשִׁיפְּקִילִיךְ מִיט בָּאנְדְלִיךְ נָאר אַז מֶען הָאט זִיךְ קוֹדֶם גִיוַואשִׁין צִי בְּרוֹיט אָדֶער מֶען זָאלל מַאכִין מְזוֹנוֹת אִיבֶּער דִיא טְשִׁיפְּקִילִיךְ אִין אִיבֶּער אֵיין אַנְדֶערִיר זַאךְ הָאֲדָמָה כְּדֵי מֶען זָאלל יוֹצֵא זַיין דִיא דֵעוֹת וָואס הַאלְטֶען אַז מֶען בְּרוֹיךְ אִיבֶּער טְשִׁיפְּקִילִיךְ מִיט בָּאנְדְלִיךְ צִי מַאכִין מְזוֹנוֹת אִין אֲדָמָה וַוייל מֶען דֶערְקֶענְט יֶעדֶער מִין בַּאזוּנְדֶער אִין דֶער וָואס קֶען זִיךְ נִיט וַואשִׁין צִי בְּרוֹיט אִין הָאט נִיט אֵיין זַאךְ וָואס עֶר זָאלל מַאכִין הָאֲדָמָה אִין וִויל מַאכִין צְווייא בְּרָכוֹת זָאל עֶר עַל כָּל פָּנִים נִזְהָר זַיין צִי מַאכִין קוֹדֶם הָאֲדָמָה אִיבֶּער דִיא

באנדליך

---

*טשיפקליך - טייג צושניטן אויף קליינע שטיקליך

בָּאנְדְלִיךְ אִין נָאךְ דֶעם מְזוֹנוֹת אוֹיף דִיא מְשִׁיפְּקִילִיךְ.

(ה) גֶערְשְׁטְלִיךְ אָדִיר לְהַאזִי מִיט בָּאנְדְלִיךְ מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אֲפִילוּ דִיא בָּאנְדְלִיךְ זֶענֶין דָאס רוֹב אַזוֹי וְוִיא אִין אוֹת ד'.

(ו) בֶּערִיקִים (צְווִיקֶעל) מִיט פְּלָאמִין מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין רֵייז מִיט רָאזְשִׁינְקִים מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, מֶען טָאר נִיט אַרוֹיס נֶעמִין דִיא פֵּרִי צוּ מַאכִין עֶץ נָאר אַז עֶר וְוִיל נִיט עֶסִין נָאר דִיא פֵּרִי אַלֵיין אִין פוּן דֶעם אַנְדִירִין מִין נִיט.

(ז) קִישְׁקִים גִיפִילְט מִיט מֶעהְל פוּן דִיא פִינְעף מִינֵי דָגָן אָדִיר פוּן בְּרוֹיט אָדִיר פוּן קִיכֶעל אָדִיר פוּן מַצָה מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת.

(ח) צִימֶעס (צִישְׁפֵּייז) פוּן צְווייא מִינִים אֵיין מִין עֶץ אִין אֵיין מִין אֲדָמָה מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה אוֹיף דֶעם מִין ווָאס אִיז דָאס רוֹב אִין אַז עֶר ווייסְט נִיט ווֶעלִיכִים אִיז דָאס רוֹב זָאלל עֶר מַאכִין אֲדָמָה, אִין אַז אֵיין מִין אִיז שֶׁהַכֹּל אִין אֵיין מִין עֶץ אָדִיר אֲדָמָה אִין ווייסְט גִישְׁט ווֶעלִיכִם עֶס אִיז דָאס רוֹב זָאלל עֶר מַאכִין שֶׁהַכֹּל.

(ט) הָאלִיפְּצִים דָאס אִיז קְרוֹיט גִיפִילְט מִיט פְלֵייש אָדִיר אַנְדִירִי זַאכִין אַז דָאס קְרוֹיט אִיז מֶער פוּן דֶעם גִיפִילִיכְץ, אָדֶר דָאס קְרוֹיט אִיז דֶער עִיקָר מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז דָאס גִיפִילִיכְץ אִיז מֶעהְר אָדִיר עֶר אִיז מְסוּפָק ווֶעלִיכִם עֶס אִיז דָאס רוֹב אַז עֶס אִיז בֵּייא עֶהם נִיט קֵיין עִיקָר אֵיינְס מֶעהר פוּן דֶעם אַנְדִירִין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(י) צִימָאלֶענֶע בְּשָׂמִים אוֹיס גִימִישְׁט מִיט צִיקֶער אַזוֹי וְוִיא מֶען מִישְׁט אוֹיס אִינְגְבֶּער מִיט צִיקֶער ווָאס מֶען רִיפְט מָאגִין פִּילְווֶער הֵייסִין דִיא בְּשָׂמִים דֶער עִיקָר אִין מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה ווָאס קֶער צוּ דִיא בְּשָׂמִים אֲפִילוּ דֶער צִיקֶער אִיז דָאס רוֹב ווייל מֶען לֵייגְט נָאר דֶעם צִיקֶער אַרֵיין עֶס זָאלל פַארְרֶעכְטִין דִיא בְּשָׂמִים אִין דֶער עִיקָר כַּוָונָה אִיז אוֹיף דִיא בְּשָׂמִים.

(יא) צְווייא מִינִים גִיקָאכְט אִינַאֵיינֶעם אִין אוֹיף דֶעם מִין ווָאס אִיז דֶער עִיקָר אָדִיר דָאס רוֹב דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין

זַייל ער האט שוין פְרִיעֶר גִימַאכְט דיא בְּרָכָה אויף איין אַנְדִירִיר זַאך דְהַיְינוּ ער וויל עֶסִין טְשִׁיפְּקִילִיך מִיט בָּאנְדְלִיך אִין ער האט פְרִיעֶר גִימַאכְט מְזוֹנוֹת אויף קִיכְל דַארְף ער אויף דיא טְשִׁיפְּקִילִיך מִיט בָּאנְדְלִיך קיין בְּרָכָה מַאכִין.

(יב) אַז מֶען האט אויסגִימִישְׁט מֶעהל פון דיא פִינְעף מִינֵי דָגָן וואס שְׁטֵייעֶן אִין שַׁעַר י׳ מִיט מֶעהל פון אַנְדִירִי מִינִים אִין האט גִיבַּאקִין בְּרוֹיט אַז עֶס איז גִיוֶועהן פון מִין דָגָן איין זֶעקְסְטֵייל דְהַיְינוּ פִינֶעף חֲלָקִים פון דֶעם אַנְדִירִין מִין אִין איין טֵייל פון מִין דָגָן אִין מֶען פִילְט אַטַעם פון מִין דָגָן מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא אִין אַז מֶען האט גִיגֶעסִין אַזוֹי פִיל וויא דְרַייא הִינֶערְנֶע אֵייעֶר אָהן אַהֶפְסֵק דַארְף מֶען בֶּענְטְשִׁין אַפִילוּ מֶען איז נִיט זַאט אִין אַז ער וויל עֶסִין וֵויינִיגֶער איז גְלֵייך נִזְהָר צוּ זַיין מֶען זָאלל זִיך וַואשִׁין קוֹדֶם צִיא אַנְדִיר בְּרוֹיט אִין אַז ער האט נִיט קיין אַנְדִיר בְּרוֹיט אִין האט גִיגֶעסִין וֵויינִיגֶער אָדִיר מֶען האט גִיזָאמְט אַסַאך מִיט דֶעם עֶסִין ער האט נִיט גִיגֶעסִין כְּסֵדֶר אַזוֹי פִיל וויא דְרַייא אֵייעֶר זָאלל ער מַאכִין עַל הַמִחְיָה אִין אַז ער איז זַאט פון דֶעם בְּרוֹיט זָאלל ער בֶּענְטְשִׁין אַפִילוּ אויף אַכְּזַיִת, אִין אַז עֶס איז גִיוֶוען וֵויינִיגֶער פון איין אַכְט טֵייל פון דֶעם מִין דָגָן אִין מֶען פִילְט אַטַעם פון מִין דָגָן מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא אִין נָאך דֶעם עֶסִין עַל הַמִחְיָה, אִין פון אַזֶעקְס טֵייל בִּיז איין אַכְט טֵייל זָאלל מֶען נִיט עֶסִין נָאר אַז מֶען וַואשְׁט זִיך קוֹדֶם צִי אַנְדִיר בְּרוֹיט אִין אַז מֶען פִילְט נִיט קיין טַעַם דָגָן מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אִין אַז עֶס איז גִיוֶועהן אַרוֹב פון מִין דָגָן אִין מֶען פִילְט דֶעם טַעַם פון דָגָן האט עֶס דֶעם דִין פון אַנְדִיר בְּרוֹיט פון מִינֵי דָגָן אַלֵיין.

(יג) אַז מֶען האט אויסגִימִישְׁט מֶעהל* פון אֵיינֶם פון דיא פִינֶעף מִינֵי דָגָן מִיט אַנְדִיר מֶעהל אִין מֶען האט גִימַאכְט איין גֶעקֶעכְץ דְהַיְינוּ זַאטִירְקֶע* אָדִיר קְרֶעפְּלִיך אָדִיר חְרֶעמְזְלִיך, אַז עֶס איז גִיוֶועהן אַזֶעקְס* טֵייל אָדִיר מֶער פון מִין דָגָן אִין מֶען

פִילְט

---

*אזוי פיעל ווי א כזית *זאטירקע - א מאכל פון מעהל מיט מילך און וואסער * אן אכט טייל

פִילט אַמָעם דָגָן מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין נָאך דֶעם עֶסִין עַל הַמִחְיָה אַפִילוּ אוֹיף אַכְזַיִת פוּן דֶעם מִישְׁלִינְג, אִין אַז עֶס אִיז גֶיוָועהן וֶוייניגֶער פוּן אֵיין אַכְט*טֵייל מִין דָגָן אִין מֶען פִילט אַמָעם פוּן מִין דָגָן מַאכְט מֶען פְרִיר מְזוֹנוֹת אִין נָאך דֶעם עֶסִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אִין פוּן *אַזְעכְצִיג טֵייל בִּיז אֵיין אַכְט טֵייל אִין פִילְט אַמָעם דָגָן זָאלל מֶען נִיט עֶסִין צַאדִין אִין דֶער סְעוּדָה, אִין אַז מֶען פִילְט נִיט קֵיין טַעַם דָגָן מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אִין אַז עֶס אִיז דָא אַרוֹב פוּן מִין דָגָן מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִחְיָה אוֹיף אַלֶע פֶעל.

(יד) אַז מֶען הָאט אוֹיסְגִימִישְׁט מֶעהל פוּן מִין דָגָן מִיט עֶרד עֶפִּיל (רִיבְּלִיך) אָדִיר מִיט הַארְבֶּעזְעם אִין מֶען הָאט פוּן דֶעם גִיבַּאקִין בְּרוֹיט אִיז דֶער דִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י"ב אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט פוּן דֶעם אֵיין גִיקֶעכְץ אַז מֶען פִילְט אַמָעם פוּן מִין דָגָן מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִיחְיָה*אַפִילוּ אוֹיף אַכְזַיִת אַפִילוּ עֶס אִיז גִיוֶועהן פוּן דֶעם אַנְדִירִין מִין אַסַאך מֶער אִין אַז מֶען פִילְט נִיט אַמָעם דָגָן מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן אַרוֹב פוּן מִין דָגָן מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אִין עַל הַמִחְיָה אוֹיף אַלֶע פֶעל.

## שַׁעַר יג וֶועלִיכֶע בְּרָכָה אִיז פְרִיֶער

(א) אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט עֶסִין צְווייא זַאכִין וָואס הָאבִּין אֵיין בְּרָכָה אַז אֵיין מִין אִיז פוּן דִי זִיבֶּען מִינִים דָאס אִיז ווייץ גֶערְשְׁטִין, וויין טְרַאבִּין, פַאגִין, מִילְגְרַאמִין, אֵיילְבִּירְטִין, טֵייטְלִין, זָאל עֶר קוֹדֶם אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם וָואס אִיז פוּן דִיא זִיבִּין מִינִים אִין אַז דָאס אַנְדִירֶע מִין הָאט עֶר יֶעצְט לִיבֶּערְשְׁט מֶעג עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף וֶועלִיכִין עֶר ווִיל, נָאר אַזוֹי וִויא עֶר אִיז זִיך נוֹהֵג אֵיין מָאהְל זָאל עֶר זִיך תָמִיד נוֹהֵג זֵיין, נִיט אֵיין מָאהְל אוֹיף דֶעם קוֹדֶם אִין אֵיין מָאהְל אוֹיף דֶעם קוֹדֶם, אִין אַז בֵּיידִי

וֶענִין

---

*א נאן טייל   *אן אכט טייל ביז א נאן טייל

*נאר ווייל עס איז דעות אז מען זאל מאכן בורא נפשות איבער דעם איז גלייך ניט צו עסן פון דעם צאדין אין מיטן דער סעודה

וענין ניט פון דיא זיבען מינים זאל ער אברכה מאכין אויף דעם וואס ער האט ליבערשט, אין אז איין מין איז גאנץ אין דאס אנדירע איז ניט גאנץ זאל ער אברכה מאכין איבער דעם וואס איז גאנץ חאטשי ער האט דאס אנדירע ליבערשט, אין אז דיא גאנצי פרי איז ניט פון דיא זיבען מינים אין די ניט גאנצי איז פון דיא זיבען מינים זאל ער אברכה מאכין אויף דעם וואס איז פון זיבען מינים צאדין ער האט ליבערשט דיא גאנצי פרי זאל אברכה מאכין אויף דער גאנציר פרי.

(ב) אז ער וויל עסין איין מין וואס מען מאכט עץ אין איין מין וואס מען מאכט אדמה זאל ער קודם מאכין עץ, נאר אז ער האט ליבערשט דאס מין וואס מען מאכט אדמה זאל ער מאכין קודם אדמה האטשי דאס מין וואס מען מאכט עץ איז פון דיא זיבין מינים אין אז ער האט ביידי גלאך ליב זאל ער אברכה מאכין קודם אויף דעם פון דיא זיבען מינים.

(ג) אז עס איז גיוועז פאר עס איין מין וואס מען מאכט שהכל אין איין מין וואס מען עץ אדיר אדמה זאל ער קודם מאכין עץ אדיר אדמה חאטשי דאס וואס מען מאכט שהכל האט ער ליבערשט אין איז פון דיא זיבען מינים.

(ד) אז ער וויל עסין צווייא מינים וואס זענין ביידי פון דיא זיבען מינים וועליכעס עס שטייט פריער אין פסוק זאל ער פריער אברכה מאכין, דער סדר איז אזוי ווייץ, איילבירטען, גערשטין, טייטלין, וויין טראבין, פאגין, מילגראמין, נאר הגפן אויף וויין איז פריער פון אללע מין פירות, אין המוציא אפילו אויף גערשטין ברויט אדיר האבירין ברויט איז פריער פון אללע ברכות.

(ה) אז ער וויל עסין ברויט וואס מען מאכט המוציא אין עס איז שוין צי טיש גיגרייט טאר מען פריער ניט מאכין קיין שום ברכה אויף קיין שום זאך, צאדין עס איז אזוי זאך וואס איז ניט דער סדר צי עסין אמיטען דער סעודה דהיינו איינגימאכין אדיר עס איז אספק ברכה אמיטען דער סעודה דהיינו לעקיך

מיט

מיט בראנפן, אדער זיין כוונה איז צו פטורן די זאך וואס ער װעט עסן אין דער סעודה וואס װעט זיין אויף עם אספק ברכה מעג מען אברכה מאכן פאר דעם וואשן.

(ו) המוציא אויף ווייצן ברויט איז פריער פון גערשטן אדער קארן ברויט און אז דאס ווייצע איז ניט גאנץ און דאס קארינע* איז גאנץ זאל ער לייגן דאס שטיק אינטער דעם גאנצן און זאל אברכה מאכן אויף בידע, און גערשטן ברויט איז פריער פון קארן אדער האבירן ברויט האטשי דאס גערשטענע איז גישט גאנץ און די אנדערע זענען גאנץ.

(ז) מזונות אויף אווייצן מאכל איז פריער פאר אלע ברכות חוץ פון המוציא, און מזונות אויף אווייצן מאכל איז פריער פון מזונות אויף אגערשטן מאכל, נאר אז דאס ווייצענע מאכל איז גיוועזן גימישט מיט אנדערע מינים און דאס גערשטענע מאכל איז גיוועזן ריין מאכט מען פריער אויף דעם גערשטענעם.

(ח) מזונות אויף גערשטן איז פריער פאר אלע ברכות חוץ פון המוציא און פון עץ אויף איילבירט, און מזונות אויף אנדערע מינים וואס זענען ניט פון ווייץ און גערשטן איז פריער פאר אלע ברכות חוץ פון המוציא און עץ אויף איילבירט און הגפן אויף וויין.

(ט) אז עס איז גיוועהן פאר עהם וויין און איין גיקעכץ פון גערשטן און איילבירטן, זאלל ער אראפנעהמען דעם וויין פון דעם טיש און זאלל קודם מאכן עץ אויף די איילבירטן און נאך דעם מזונות אויף גערשטן, און נאך דעם זאלל ער נעמן דעם וויין און מאכן הגפן.

(י) אז עס איז גיוועהן פאר עהם בראנפן און גיבעקס און איינגימאכץ, זאלל ער קודם מאכן מזונות און נאך דעם עץ אדער אדמה אויף דעם איינגימאכץ און נאך דעם שהכל אויף דעם בראנפן, נאר ווען מען מאכט קידוש זאל ער קודם קידוש מאכן און נאך דעם מזונות.

די א

* גערשטינע

(יא) דיא ברכה פון עסן און טרינקן איז פריער פון דער ברכה אויף בשמים.

(יב) דער דין פון קדימה איז נאר אז ער וויל עסן פון ביידי אבער אז ער וויל נאר פון איין מין עסן זאלל ער איבער דעם אברכה מאכין, און אפילו ער וויל עסן פון ביידי נאר מען האט איהם נאר איינם גיברענגט ברויך ער ניט צו ווארטין און זאלל אויף דעם אברכה מאכין.

---

## שער י"ד עיקר מיט טפל

(א) אז עס איז גיוועזן פאר עהם צווייא מיני מאכל און איינם איז גיוועזן בייא עהם דער עיקר און איינם אטפל צו יענם מאכט מען אברכה נאר אויף דעם עיקר, און אויף דעם טפל דארף מען קיין ברכה מאכין ניט דיא ערשטי ברכה ניט דיא נאך ברכה, סאי דער עיקר מיט דעם טפל זענין גיוועזן אויס גימישט, סאי יעדירים איז גיוועזן עקסטיר.

(ב) אז מען עסט אדער טרינקט אשארפע זאך וואס דאס איז בייא איהם דער עיקר און מען מוז פארבאסין עפים און דאס פארבאסין איז בייא איהם נישט חשוב און עס איז בייא איהם נאר אטפל אז דאס פארבאסין איז גיוועזן פאר עהם ווען ער האט אברכה גימאכט, אדיר ווען ער האט אברכה גימאכט אויף דעם עיקר האט ער אין זין גיהאט צו פארבאסין אפי' ער האט נישט אין זין גיהאט בפירוש ער זאלל דאס פארבאסין פאטרין מיט דער ברכה אפילו מען האט דאס פארבאסין דער נאך געברענגט דארף ער אויף דעם פארבאסין קיין ברכה מאכין

(ג) אז מען עסט אדיר מען טרינקט איין עיקר און דער נאך וויל ער עסין אדיר טרינקען אטפל און דער טפל איז נישט גיוועזן פאר עהם ווען ער האט אברכה גימאכט און ער האט אויך נישט אין זין גיהאט ווען ער האט אברכה גימאכט אויף

דעם

דעם עיקר אז ער וועט עסן אדער טרינקען אטפל אז מען האט דעם טפל געברענגט ווען ער האט שוין נישט געהאט פון דעם עיקר ברויך ער אויף דעם טפל אברכה צו מאכן אין אז ער האט נאך גיהאט פון דעם עיקר אז דער עיקר איז גיוועזן אמשקה אין דער טפל איין עסנווארק ברויך ער אויף דעם טפל אברכה מאכן אין אז דער טפל מיט דעם עיקר זענען גיוועזן עסן ווארק אדער משקאות איז אספק אויב ער ברויך אויף דעם טפל אברכה צו מאכן אין ווען עס איז אספק ברויך מען נישט אברכה צו מאכן נאר מען זאלל זיך ניט אריין לאזין אין אספק איז גלייך אין זין צו האבן בשעת ברכה צו עסן דעם טפל אין דער וואס איז איין געלאדינט בייא איין אנדערין צו עסן אפילו מען האט גיברענגט דעם טפל נאך דעם ווען מען האט שוין נישט גיהאט פון דעם עיקר ברויך ער אויף דעם טפל קיין ברכה צו מאכן וויל מן הסתם האט דער גאסט אין זין צו עסן וואס דער בעל הבית וועט ברענגען.

(ד) אז ער עסט דעם טפל פאר דעם עיקר דהיינו ער וויל טרינקען משקה אין וויל קודם עסן אזיסע זאך ער זאלל קענין טרינקען אין דיא זיסע זאך איז בייא עהם גאר נישט חשוב זאל ער מאכן אויף דער זיסער זאך שהכל אפילו עס איז אפרי אדער מזונות אין דער עיקר איז אפילו נישט שהכל נאר עס איז אדעה אז ווען דער עיקר איז ניט שהכל זאלל מען איבער דעם טפל נישט מאכן שהכל איבר דעם איז גלייך ווען דער עיקר איז נישט שהכל זאלל מען קודם אברכה מאכען אויף דעם עיקר.

(ה) אז ער עסט דעם טפל נאך דעם עיקר אין ער ברויך אויף דעם טפל אברכה צו מאכן דהיינו אויף דיא פינקטין וויא עס שטייט אין אות ב׳ אין אות ג׳ זאלל ער מאכין אויף דעם טפל אשהכל אפילו עס איז אפרי אדער מזונות נאר ער זאלל ניט פארבאטין קיין ברויט פון דיא פינעף מיני

דגן

דָגָן אִין אַז עֶר פַארְבַּאסְט אַזֶעלְכֶע זַאךְ פוּן דִי ה׳ מִינֵי דָגָן וָואס אִיז בַּיי אִים חָשׁוּב זָאלְל עֶר קוֹדֶם אַבְרָכָה מַאכְין אוֹיף דֶער זִיסֶער זַאךְ אִין נָאךְ דֶעם אוֹיף דֶער שַׁארְפֶער זַאךְ.

(ו) אַז מֶען טְרִינְקְט בְּרַאנְפְן אִין מֶען פַארְבַּאסְט לֶעקוּךְ אָדֶער אַנְדֶער גִיבֶּעקְס וָואס עֶס אִיז בַּיי עֶהם חָשׁוּב, זָאלְל עֶר קוֹדֶם מַאכְין מְזוֹנוֹת אוֹיף דֶעם גִיבֶּעקְס אִין נָאךְ דֶעם שֶׁהַכֹּל אוֹיף דֶעם בְּרַאנְפְן.

(ז) אַז מֶען וֵוייקְט אַשְׁטִיקֶל בְּרוֹיט אִין בְּרַאנְפְן אִין זַיין כַּוָונָה אִיז גָאר נִיט אוֹיף דֶעם בְּרוֹיט זָאלְל עֶר מַאכְין שֶׁהַכֹּל אִין אַז זַיין כַּוָונָה אִיז אוֹיף דֶעם בְּרוֹיט אוֹיךְ זָאלְל עֶר מַאכְין הַמּוֹצִיא, נָאר וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיף זִיךְ קַיין מֵבִין זַיין וָואס זַיין כַּוָונָה אִיז זָאלְל עֶר דָאס נִיט טָאהן.

(ח) אַז מֶען עֶסְט קַאפֶע מִיט גִיבֶּעקְס זָאלְל עֶר קוֹדֶם מַאכְין מְזוֹנוֹת אוֹיף דֶעם גִיבֶּעקְס אִין נָאךְ דֶעם שֶׁהַכֹּל אוֹיף דֶעם קַאפֶע, אִין אַז זַיין עִיקָר כַּוָונָה אִיז אוֹיף דֶעם גִיבֶּעקְס אִין דֶעם קַאפֶע טְרִינְקְט עֶר נָאר כְּדֵי עֶר זָאלְל קֶענֶען עֶסְן דָאס גִיבֶּעקְס דַארְף עֶר אוֹיף דֶעם קַאפֶע קַיין בְּרָכָה מַאכְין אִין אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צִי עֶר מֵיינְט דֶעם קַאפֶע צוּ טְרִינְקְן נָאר כְּדֵי עֶר זָאלְל קֶענֶען עֶסְן דָאס גִיבֶּעקְס, אָדֶער עֶר מֵיינְט דֶעם קַאפֶע אוֹיךְ, זָאלְל עֶר פְּרִיר מַאכְין שֶׁהַכֹּל אוֹיף דֶער קַאפֶע אִין דֶער נָאךְ מְזוֹנוֹת אוֹיף דֶעם גִיבֶּעקְס.

(ט) אַז מֶען הָאט גִילֵייגְט אֵיינְגִימַאכְץ* אוֹיף דִינֶע קִיכְלִיךְ אִין עֶסְט זֵייא בַּאזוּמֶין אַז זַיין דֵעָה אִיז נִיט גִיוֶועהן נָאר אוֹיף דֶעם אֵיינְגִימַאכְץ מַאכְט מֶען אַבְרָכָה נָאר אוֹיף דֶעם אֵיינְגִימַאכְץ, אִין אַז עֶר עֶסְט נָאךְ דֶעם דִי קִיכְלִיךְ אַלֵיין מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת, אִין אַז מֶען הָאט גִילֵייגְט אֵיינְגִימַאכְץ אוֹיף לֶעקִיכְלִיךְ אֲפִילוּ מֶען עֶסְט זֵייא בַּאזַאמֶען מַאכְט מֶען מְזוֹנוֹת אוֹיף דֶעם לֶעקוּךְ.

(י) אַז עֶר דַארְף אוֹיף דֶעם עִיקָר קַיין בְּרָכָה מַאכְין וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין דִיא וֶועלְכֶע בְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֵי זַאךְ

מע׳

---

*איינגימאכץ - (איינגיזאטנס) - גיקעכטע פרוכט

מֶעג ער דֶעם טָפֵל אויךְ עֶסִין אָהן אַבְּרָכָה.

(יא) דִיא זַיפּ פוּן דֶעם מַאֲכָל וָואס זֶענִין גִיקָאכְט אִינְאֵיינִים אִיז אַטָפֵל צִי דֶעם מַאֲכָל דַארְף מֶען נָאר מַאכִין אַבְּרָכָה אויף דֶעם מַאֲכָל אִין אויף דֶער זַיפּ דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אָבֶער אַז עֶס אִיז נִיט גִיקָאכְט אִינְאֵיינִים דְהַיְינוּ מֶען הָאט גִיקָאכְט פֶעְרְפִיל נָאךְ דֶעם הָאט מֶען אַרַיין גִיגָאסִין מִילֶעך אָדִיר זַיפּ פוּן פְלֵייש אַז זַיין כַּוָּונָה אִיז גִיוֶועזִין אויף בֵּיידִי מַאכְט מֶען אויף דִיא פֶערְפִיל מְזוֹנוֹת אִין דֶער נָאךְ אויף דֶער מִילִיךְ אָדִיר זַיפּ שֶׁהַכֹּל, אִין אַז זַיין כַּוָּונָה אִיז גִיוֶועזִין דֶער עִיקָר אויף דֶעם מַאֲכָל מַאכְט מֶען נָאר אויף דֶעם מַאֲכָל אִין אַז מֶען עֶסְט נָאךְ דֶעם דִיא זַיפּ אָדִיר דִיא מִילִיךְ אַלֵיין דַארְף מֶען מַאכִין שֶׁהַכֹּל.

---

## שַׁעַר ט״ו אֵיינְגִימַאכְץ (אֵיינְגִיזָאטִינְס)

(א) מַאראַנְצִין שֵׁיילִיכְץ אַז מֶען הָאט אֵיינְגִיזָאטִין אִין הָאנִיק אָדִיר צִיקֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט עֵץ אָדִיר אֲדָמָה הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועזִין.

(ב) טְרַאבִּין נִישְׁט גִיצֵייטִיגְטֶע אַז מֶען הָאט זֵייא אֵיינְגִיזָאטִין אִין הָאנִיק אָדִיר אִין צִיקֶער אִין זֶענִין נָאךְ נִיט אַזוֹי גְרוֹיס וְויא אַנְדִירֶע טְרַאבִּין מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז דִיא טְרַאבִּין זֶענֶען נִיט רָאוּי גִיוֶועזִין צִי עֶסִין רוֹיעֶרְהֵייט אֲפִילוּ בִּדוֹחַק מַאכְט מֶען נָאר שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט עֵץ הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועזִין.

(ג) פְלַאמִין נִיט גִיצֵייטִיגְטֶע אַז מֶען הָאט זֵייא אֵיינְגִיזָאטִין אִין הָאנִיק אָדִיר אִין צִיקֶער אַז מֶען הָאט זֵייא גִיקֶענְט עֶסִין רוֹיעֶר הֵייט זֵייא הָאבִּין שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבִּין רוֹיטְלִיךְ צִי וֶוערִין מַאכְט מֶען הָעץ אִין אַז זֶענִין נִיט רָאוּי גִיוֶועזִין צִי עֶסִין רוֹיעֶר הֵייט אֲפִילוּ בִּדוֹחַק מַאכְט מֶען אויף דֶעם אֵיינְגִימַאכְץ שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט עֵץ הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועזִין.

(ד) נִיס אַז זֵייא זֶענִין שׁוֹין גִיצֵייטִיגְט אַז מֶען הָאט זֵייא

אייגגיזאטין

אֵיינְגֵיזַאטְן אִין הָאנִיק אָדֶיר אִין צִיקֶער מַאכְט מֶען עֶץ אִין אַז זֵענֶען נָאךְ וֵוייךְ אִין גֶרִין גֶיוֶועהן מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט עֶץ הָאט מֶען יוֹצֵא גֶיוֶועהן.

(ה) אַגְרִישִׁין אֵיינְגֵימַאכְץ אַז דִיא אַגְרִישִׁין זֵענֶען רָאוּי גֶיוֶועהן צִי עֶסִין רוֹיעֶרְהַייט אֲפִילוּ נָאר בְּדוֹחֵק מַאכְט מֶען הָעֵץ אִין אַז זֵייא זֶענֶען נִיט רָאוּי גֶיוֶועהן צִי עֶסִין אֲפִילוּ בְּדוֹחֵק מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל צַאדִין אוֹיף דֶעם אוֹפָן וִויא עֶס שְׁטֵייט וֵוייטֶער אִין אוֹת ז׳ מַאכְט מֶען הָעֵץ.

(ו) וֵויינְקְסִיל[*] הָאבִּין דֶעם דִין פִין דֶער בְּרָכָה וִויא אַגְרִישִׁין וָאס עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ה׳.

(ז) אַלֶעֶ פֵּירוֹת פִין אַבּוֹים וָואס מֶען מַאכְט עֶץ גִיקָאכְטִירְהַייט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ב׳ אַז זֵייא זֶענֶען גִיפְּרֶעגִילְט אִין הָאנִיק אָדֶיר צִיקֶער מַאכְט מֶען אוֹיךְ עֶץ הָאטְשִׁי דֶער הָאנִיק אִיז גֶיוֶועזִין דָאס רוֹב, אִין דִיא פֵּירוֹת וָואס זֶענֶען נִיט גִיצַייטִיגְט וָואס זֶענֶען נִיט רָאוּי צִי עֶסִין רוֹיעֶרְהַייט אַז זֶענֶען גִיפְּרֶעגִילְט אִין הָאנִיק אָדֶיר צִיקֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל צַאדִין דָאס מִין וָואס דֶעם רוֹב אִיז מֶען גֶיוֵוינְטְלִיךְ צִי פְּרֶעגְלֶען אִין מֶען פְּלַאנְצְט דִיא בֵּיימֶיר אוֹיף דֶער דֵעָה צִי פְּרֶעגְלִין דִיא פֵּירוֹת מַאכְט מֶען עֶץ אֲפִילוּ זֵייא זֶענֶען נָאךְ נִיט גִיצַייטִיגְט אִין זֶענֶען נִיט רָאוּי צִי עֶסִין רוֹיעֶרְהַייט.

(ח) אַלֶעֶ פֵּירוֹת פִין דֶער עֶרְד אָדֶיר בְּלִימֶען וָואס וַואקְסִין אוֹיף גְרָאז וָואס דֶער דִין אִיז צִי מַאכִין אֲדָמָה גִיקָאכְטִירְהַייט אַז זֶענֶען גִיפְּרֶעגִילְט אִין הָאנִיק מַאכְט מֶען אוֹיךְ אֲדָמָה, אִין וָואס דֶער דִין אִיז צִי מַאכִין שֶׁהַכֹּל גִיקָאכְטִירְהַייט מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם אֵיינְגֵימַאכְץ אוֹיךְ שֶׁהַכֹּל, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אַלֶעס נֶעמִינְטְלִיךְ[*] אִין שַׁעַר ד׳.

(ט) אֶתְרוֹג אָדֶיר לִימוֹנִים, אָדֶיר מֵיידְלִיךְ אֵיינְגֵימַאכְץ מַאכְט מֶען עֶץ אַז זֵייא זֶענֶען רָאוּי גֶיוֶועהן צִי עֶסִין בְּדוֹחֵק רוֹיעֶרְהַייט אִין אַז נִישְׁט הָאבֶּען זֵייא דֶעם דִין פִין דֶער בְּרָכָה וִויא עֶס שטייט

---

[*] ווייקסיל - סויער טשערי [*] קארשין - טשערי [*] נעמינטליך - אויסגירעכנט

שְׁטֵייט אִין אוֹת ה׳ אִין אוֹת ו׳.

(י) בְּלִימֶען אָדִיר בְּלֶעטֶער פִין אֵיין בּוֹים וָואס עֶס וַואקְסְט אוֹיף עֶס נִיט קֵיין פֵּירוֹת מַאכְט מֶען עֵץ, אִין אַז וַואקְסְט אוֹיף עֶס פֵּירוֹת מַאכְט מֶען אֲדָמָה אוֹיף דִיא בְּלִימֶען אָדִיר בְּלֶעטֶער.

(יא) אַזוֹי אֵיינְגְּמַאכְץ וָואס גִיזֶמְטֶע מֶענְטְשִׁין עֶסְין עֶס נִיט ווייל עֶס אִיז נִיט גִיט אִין נִיט שְׁלֶעכְט צִי עֶסִין נָאר מֶען מַאכְט עֶס אוֹיף אַרְפוּאָה פַאר קְרַאנְקִי מֶענְשִׁין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(יב) אַז דִיא פֵּירוֹת פִין דֶעם אֵיינְגְּמַאכְץ זֶענִין צִיקְוֶועטְשְׁט גִיוָוארִין שְׁטַארְק וָואס עֶס דֶערְקָאנְט זִיך גָאר נִיט דִיא פְּרִי מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אִין אַז עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ אַבִּיסְל דִיא פְּרִי מַאכְט מֶען אַזוֹי וִויא אוֹיף דֶער פְּרִי.

(יג) אַז עֶר מַאכְט אַבְּרָכָה אוֹיף דֶעם אֵיינְגְּמַאכְץ מֶעג עֶר עֶסִין דֶעם סָאק* אוֹיךְ אָן אַבְּרָכָה, אִין אַז מֶען עֶסְט דֶעם סָאק אַלֵיין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(יד) אֵיינְגְּמַאכְץ פִין צְווֵייא מִינִים אֵיין מִין עֵץ אִין אֵיין מִין אֲדָמָה אַז זֶענִין גִיקָאכְט אִינְאֵיינִים אַז דָאס רוֹב אִיז עֵץ מַאכְט מֶען עֵץ אִין אַז דָאס רוֹב אִיז אֲדָמָה מַאכְט מֶען אֲדָמָה אִין אַז עֶר ווייסְט נִיט וֶועלִיכִים עֶס אִיז דָאס רוֹב מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז עֶר עֶסְט נָאר פִין אֵיין מִין אַלֵיין מַאכְט עֶר דִיא בְּרָכָה וָואס קֶער צִי דֶעם מִין.

(טו) אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צִי עֶס אִיז עֵץ צִי אֲדָמָה מַאכְט מֶען אֲדָמָה, אִין אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צִי עֶס אִיז עֵץ צִי אֲדָמָה צִי שֶׁהַכֹּל מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

(טז) אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין אַכְּזַיִת פִין דִיא פֵּירוֹת מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה וִויא עֶס וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר י״ז, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועזְן קֵיין כְּזַיִת פִין דִיא פֵּירוֹת אַלֵיין נָאר מִיט דֶעם סָאק מַאכְט מֶען נִיט קֵיין נָאךְ בְּרָכָה, אִין אַז עֶר הָאט גִיטְרִינְקֶען פִין דֶעם סָאק אַלֵיין מַאכְט מֶען נִיט קֵיין נָאךְ בְּרָכָה צַאדִין עֶס אִיז אַרְבִיעִית דָאס אִיז אֵיין דְרֵייצִיטִיל לִיטֶער אִין אַז עֶס

*סאק - א מין טעע

עס גיזעהן ווייניגער איז אספק ברכה און אז ער האט גיגעסין אנאנצי פרי און עס איז ניט גיזעהן קיין כזית איז אספק ברכה אויף דער נאך ברכה ·

(יז) אז מען עסט איינגימאכץ און מיטען דער סעודה דארף מען מאכין אברכה פאר דעם עסין אבער קיין נאך ברכה דארף מען ניט מאכין ·

## שער ט״ז דינים פון דער נאך ברכה

(א) אז מען עסט אכזית דאס איז וויא איין האלב היגרין אי מאכט מען איין נאך ברכה אבער אויף ווייניגער מאכט מען ניט און אפילו מען האט גיגעסין אכזית נאר מען האט זיך גיזאמט מעהר וויא איין מיט מיט דעם כזית איז אספק אויב מען ברויך צו מאכין אנאך ברכה איבער דעם ברייך מען נזהר צו זיין מען זאלל עסין אכזית און איין מינוט ·

(ב) אז מען האט גיטרינקען משקה אפילו בראנפין ארביעית דאס איז וויא איין אי מיט אהאלבין דאס איז איין דרייטיטעל ליטער דארף מען מאכין איין נאך ברכה, אבער אויף ווייניגער דארף מען ניט מאכין נאר וויל אמייל זאגין דאס מען דארף מאכין אנאך ברכה אויף וויא אכזית איבער דעם זאל מען ניט טרינקען נאר אדיר ווייניגער ווי אכזית אדיר אדרייטיטל ליטער, און אז ער האט גיטרינקען ארביעית אויף איין מאהל זאלל ער מאכין אנאך ברכה און אז ניט מאהר מען קיין נאך ברכה מאכין וויל עס איז אספק איבער דעם איז גלייך מען זאלל טרינקען אויף איין מאהל מען זאלל זיך ניט אריין לאזין אין אספק, און אז מען טרינקט הייסי משקה איז רעכט מען זאלל לאזין ארביעית קיל ווערין מען זאלל קענין טרינקען אויף איין מאהל ·

(ג) אללע מין עסין וואריך זענין זיך מצטרף צו איין כזית און אז ער האט גיגעסין אהאלבין כזית פון דעם מין וואס מען

מאכט מען בורא נפשות און אהאלבן כזית פון דעם מין וואס מען מאכט על המחיה אדיר על העץ מאכט מען בורא נפשות, אבער משקה אפילו זיפ פון דעם מאכל איז זיך ניט מצטרף צו דעם עסן ווארק.

(ד) אמאכל וואס האט גיהאט אכזית און נאך דעם איז עס איינגישרימפען גיווארן און האט ניט גיהאט אכזית בשעת דעם עסן דארף מען ניט מאכן קיין נאך ברכה, אבער אז עס איז ווייטיר אויף גיגאנגן פאר דעם עסן און האט גיהאט אכזית דארף מען מאכן אנאך ברכה.

(ה) אמאכל אדיר אפרי וואס איז אנגיבלאזן גיווארן איז מען משער אכזית וויא עס איז גיוועזן פריער, אבער ברויט איז מען משער אכזית וויא עס איז נאך דעם באקן נאר דער הלל איז זיך ניט מצטרף צו איין כזית און אז דאס גיבעקס איז שטארק אהן גיבלאזן איז מען משער אכזית אהן דעם אהן גיבלאזונקייט.

(ו) אז מען עסט איין גאנצי פרי דהיינו איין טרויב אבער איין באנדיל און עס איז ניט דא קיין כזית איז אספק צו מען זאלל מאכן אנאך ברכה, און אז ער האט גיגעסן אגאנצי פלאם און האט אוועק גיווארפן דאס קערינדיל הייסט עס נישט קיין גאנצי פרי.

(ז) און דעם שיעור כזית איז דעות אז עס איז אביסעל ווייניגער וויא איין דריטעל הינערן איי איבער דעם זאלל מען נזהר זיין מען זאלל זיך ניט אריין לאזן אין אספק ברכה, אדיר מען זאלל עסן אסאך ווייניגער וויא אדריטעל איי מען זאלל אוודאי ניט ברויכן צו מאכן אנאך ברכה אדיר מען זאלל עסן דיא אהאלב הינירן איי מען זאלל אוודאי ברויכן צו מאכען אנאך ברכה און בדיעבד אז מען האט גיגעסן ווייניגער וויא אכזית* און ער האט ניט מעהר ברויך מען ניט צו מאכן אנאך ברכה.

(ח) אז מען האט גיגעסן פירות פון אבוים אדיר פון דער

ערד

*ווייניגער ווי א האלב הינערן איי

עֶרְד אָדִיר אַזָאלְכֵי זַאכִין וָואס וַואקְסִין נִישְׁט פוּן דֶער עֶרְד מַאכְט מֶען בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת. נָאר אוֹיף דִיא פֵּירוֹת פוּן דִיא זִיבֶּען מִינִים וָואס שְׁטֵייעֶן אִין פָּסוּק דָאס אִיז וויין טְרוֹיבִּין, פַאגִין, מִילְגְרוֹימִין, אֵיילְבִּירְטִין, טֵייטְלִין, מַאכְט מֶען עַל הָעֵץ, אִין אוֹיף גְרוֹיסֵי רָאזשִׁינְקִים מַאכְט מֶען אוֹיךְ עַל הָעֵץ אָבֶּער אוֹיף קְלֵיינֵי רָאזשִׁינְקִים וָואס זֶענִין אָהְן קֶערְנִיר מַאכְט מֶען בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

(ט) אַז מֶען טְרִינְקְט אַרְבִּיעִית וויין מַאכְט מֶען עַל הַגֶּפֶן.

(י) אַז מֶען עֶסְט מֶעהְל שְׁפֵּייז אָדִיר גְרַאפִּין אָדִיר גִיבֶּעקְס פוּן דִיא פִינְעף מִינֵי דָגָן דָאס אִיז ווייץ, קָארִין, גֶערְשְׁטִין, הָאבֶּער, אַלַאקְ, אַז מֶען עֶסְט פוּן דִיא זַאכִין אַכְּזַיִת מַאכְט מֶען עַל הַמִּחְיָה.

(יא) אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין אַזַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכִין עַל הַמִּחְיָה אִין פֵּירוֹת פוּן דִיא זִיבֶּען מִינִים אִין מֶען הָאט גִיטְרִינְקֶען וויין מַאכְט מֶען אוֹיף אַלֶע דְרֵייא אִינְאֵיינִים עַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וְעַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הָאָרֶץ* וְעַל פְּרִי הָאָרֶץ, אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען עַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה וִויא עֶס שְׁטֵייט ווייטֶער אִין מֶען לָאסְט אוֹיס אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע אִינְאֵיינִים, וְנוֹדֶה לְךָ עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמִּחְיָה וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הַפֵּירוֹת בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמִּחְיָה וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הַפֵּירוֹת, אִין אוֹיף צְווייא פוּן דִיא דְרֵייא זַאכִין מַאכְט מֶען אוֹיף צְווייא אִינְאֵיינִים דְהַיְינוּ אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין מִינֵי מְזוֹנוֹת אִין גִיטְרִינְקֶען וויין הֵייבְּט מֶען אָהְן עַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וְעַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה אִין וִויא ווייטֶער שְׁטֵייט אִין מֶען לָאסְט אוֹיס וְנוֹדֶה לְךָ עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמִּחְיָה וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמִּחְיָה וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן, אִין אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין פֵּירוֹת פוּן דִיא זִיבֶּען מִינִים אִין גִיטְרִינְקֶען וויין הֵייבְּט מֶען אָהְן עַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הָעֵץ וְעַל פְּרִי הָעֵץ וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה אִין וִויא ווייטֶער שְׁטֵייט אִין מֶען לָאסְט אוֹיס

---

*ועל העץ ועל פרי העץ.

אוּים וְנוֹדֶה לְךָ עַל הָאָרֶץ וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הַפֵּירוֹת בָּרוּךְ אַתָּה ד' עַל הָאָרֶץ וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הַפֵּירוֹת.

(יב) אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין פֵּירוֹת פֿוּן דִיא זִיבֶּען מִינִים דְהַיְינוּ וַויין טְרַאבִּין אִין מֶען הָאט גִיגֶעסִין פֵּירוֹת פֿוּן דִיא אַנְדִירִי מִינִים דְהַיְינוּ עֶפִּיל אָדִיר פְלַאמִין מַאכְט מֶען נָאר עַל הָעֵץ, אִין קֵיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכִין, אָבֶּער אַז מֶען הָאט גִיטְרִינְקִין וַויין אִין מֶען הָאט גִיגֶעסִין עֶפִּיל אָבֶּער אֵיין אַנְדִיר מִין דַארְף מֶען מַאכִין עַל הַגֶּפֶן אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

(יג) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין טְרַאבִּין אִין גִיטְרִינְקִין וַויין מַאכְט מֶען עַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן, וְעַל הָעֵץ וְעַל פְּרִי הָעֵץ אִין אַז עֶר הָאט נָאר גִימַאכְט עַל הַגֶּפֶן אִין הָאט אִין זִין גִיהַאט צִי פַּאטְרִין דִיא טְרוֹיבִּין אוֹיךְ הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִימַאכְט נָאר עַל הָעֵץ אִין הָאט אִין זִין גִיהַאט צִי פַּטִירִין דֶעם וַויין הָאט עֶר נִיט יוֹצֵא גִיוֶועהן נָאר עֶס אִיז דֵעוֹת אַז עֶר הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהן אִיבֶּער דֶעם זָאלל עֶר נָאךְ טְרִינְקֶען אַרְבִּיעִית וַויין אִין מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגֶּפֶן אִין עַל הַגֶּפֶן אִין אַז נִיט זָאלל עֶר נִיט מַאכִין עַל הַגֶּפֶן.

(יד) וַויין פֿוּן נִישְׁט גִיצַייטִיגְטֶע טְרַאבִּין אִיז אַסְפֵק אוֹיף דֶער בְּרָכָה צִי מֶען זָאלל מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת צִי עַל הַגֶּפֶן אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען נִיט טְרִינְקֶען קֵיין רְבִיעִית צַאדִין מֶען טְרִינְקְט קוֹדֶם אַרְבִּיעִית גִיטִין וַויין אִין נָאךְ דֶעם זָאלל מֶען טְרִינְקֶען פֿוּן דֶעם אִין מַאכִין עַל הַגֶּפֶן.

(טו) אוֹיף דֶעם וַויין וָואס דֶער דִין אִיז צִי מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגֶּפֶן וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ג' מַאכְט מֶען נָאךְ דֶעם עַל הַגֶּפֶן אִין אוֹיף וֶועלִיכִין מֶען מַאכְט שֶׁהַכֹּל מַאכְט מֶען דֶער נָאךְ בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אִין אוֹיף וֶועלִיכִין עֶס אִיז אַסְפֵק זָאלל עֶר נִישְׁט טְרִינְקִין אַרְבִּיעִית צַאדִין עֶר טְרִינְקְט קוֹדֶם אַרְבִּיעִית גִיטֶען וַויין.

(טז) וַויין וָואס אִיז נִיט פֿוּן טְרַאבִּין נָאר מִיט שְׁפֶּעצִיוּם* גִימַאכְט, הָאטְשׁ עֶר הָאט אַטֶעם פֿוּן וַויין טָאר מֶען נִיט מַאכִין

הגפן

*שפעציום - ספוּוסעם

הַגֶפֶן נאָר שֶׁהַכֹּל אין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אין וויא עס איז שְׁבִיה פֿון דעם וויין דאַרף מען פֿרעגין פֿאַר דער בְּרָכָה וואָס איין וויין דאָס איז מען זאָלל ניט מאַכין אַבְּרָכָה לְבַטָלָה.

(יז) וויין וואָס ער איז צו גאָסין מיט וואַסיר אָדיר מיט באָרקיט (זויער וואַסיר) אָדיר מיט מעהט* אָדיר אַנדירע מַשְׁקֶה איז אַסָפֵק צו מען זאָלל מאַכין עַל הַגֶפֶן איבּער דעם בּרויט מען נִזְהָר צו זיין מען זאָל קוֹדֶם טרינקין אַרְבִּיעִית רייניס וויין אין מען זאָלל מאַכין עַל הַגֶפֶן.

(יח) אויף גרויפּין פֿין דיא פֿינעף מִינֵי דָגָן אָדיר גערשטליך אָדיר גְרִיס מאַכט עַל הַמִחְיָה, אין אַז מען האָט גיגעסין גאַנצי קערינדליך פֿין דיא פֿינעף מִינֵי דָגָן איז איין סָפֵק אויף דער נאָך בְּרָכָה איבּער דעם זאָלל מען ניט עסין קיין גאַנצי קערינדליך נאָר אין מיטען דער סְעוּדָה אין. אַז מען האָט גיגעסין אַבִּיסָל זאָל ער מאַכין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

(יט) אַגִיקעכין וואָס איז אַריין גימישט פֿין דיא פֿינעף מִינֵי דָגָן וואָס דער דין איז צו מאַכין מְזוֹנוֹת דְהַיְינוּ מען האָט אויס גימישט ווייצין מעהל מיט מאַלְייען מעהל אין מען האָט גימאַכט אַזאַטירקע אָדיר הֶרעמזליך אָדיר איין אַנדיר מַאֲכָל מאַכט מען נאָך דעם עסין עַל הַמִחְיָה אין פֿערפֿיל אָדיר טשיפּקיליך מיט באַנדליך מאַכט מען אויך עַל הַמִחְיָה, אין דער וואָס ער מאַכט אויף טשיפּקיליך אָדיר פֿערפֿיל מיט באַנדליך צְווייא בְּרָכוֹת דְהַיְינוּ הָאֲדָמָה אין מְזוֹנוֹת זאָלל ער עסין אָדיר טרינקין עקסטיר איין זאַך וואָס ער זאָלל בּרויכין צו מאַכין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת:*

(כ) אויף רייז אין הירש מאַכט מען בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אין אַז מען האָט גימאַכט עַל הַמִחְיָה האָט מען יוֹצֵא גיוועהן,

(כא) אַז מען האָט גימאַכט עַל הָעֵץ אויף אַזוי פְּרִי וואָס וואַקסט אויף אַבּוים אין מען דאַרף מאַכין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת האָט מען יוֹצֵא גיוועהן אָבּער אַז מען האָט גימאַכט בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אויף אַזוי פְּרִי וואָס מען דאַרף מאַכין עַל הָעֵץ

איז

---

*מעהט - מעד זשום פון האניג   *בורא נפשות אויך

אִיז אַסָפֵק אויב מֶען הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהן אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען הָאט אַזַאךְ וָואס מֶען בְּרויךְ צוּ מַאכִין עַל הָעֵץ אִיז גְלֵייךְ מֶען זָאלל עֶסִין אִין מֶען זָאלל מַאכִין קוֹדֶם הָעֵץ אִין דֶער נָאךְ עַל הָעֵץ אִין אַז מֶען הָאט נִיט זָאלל מֶען נִיט מַאכִין עַל הָעֵץ.

(כב) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַזַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכִין עַל הַמִחְיָה אִין אַזַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת זָאל עֶר קוֹדֶם מַאכִין עַל הַמִחְיָה אִין נָאךְ דֶעם בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

(כג) אַז מֶען הָאט גִימַאכְט בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אויף אַזוֹי זַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכִין עַל הַמִחְיָה אָדֶיר עַל הָעֵץ אָדִיר עַל הַגֶפֶן אִיז אַסָפֵק אויב מֶען הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהן אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען טִיעֶן וויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת כ״א, אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט עַל הַמִחְיָה אויף אַזוֹי זַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת הָאט עֶר נִיט יוֹצֵא גִיוֶועןְ.

(כד) אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צִי עֶר זָאלל מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת צִי עַל הַמִחְיָה זָאלל עֶר גָאר נִיט מַאכִין נָאר אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אֶפְּרִי פֿוּן אַבּוֹים אִין אִיז מְסוּפָּק צִי עֶר זָאלל מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת צִי עַל הָעֵץ זָאלל עֶר מַאכִין עַל הָעֵץ.

(כה) אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין פַאר דֶער סְעוּדָה אֵיין גִיקֶעכְץ וָואס מֶען דַארְף מַאכִין עַל הַמִחְיָה דַארְף מֶען מַאכִין עַל הַמִחְיָה פַאר דֶעם וַואשִׁין אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט דַארְף עֶר מַאכִין אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה אִין אַפִילוּ עֶר הָאט גִיבֶּענְטשְׁט דַארְף עֶר מַאכִין עַל הַמִחְיָה נָאךְ דֶעם בֶּענְטשִׁין, צַאדִין עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט צוּ פַּטְרִין דָאס גִיקֶעכְץ מִיט דֶעם בֶּענְטשִׁין בְּרויךְ עֶר נִיט צוּ מַאכִין עַל הַמִחְיָה וַוייל עֶס אִיז דֵעוֹת אַז מֶען הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהן אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין גִיבֶּעקְס פַאר דֶער סְעוּדָה דַארְף עֶר נִיט מַאכִין עַל הַמִחְיָה נָאר עֶס אִיז רֶעכְט דָאס עֶר זָאלל מַאכִין עַל הַמִחְיָה אִין זָאלל אַרוֹיס גֵיין עֶר זָאל מַפְסִיק זֵיין אַבִּיסְל.

(כו) אַז מֶען טְרִינְקְט וֵויין פַאר דֶער סְעוּדָה אִין וויל זִיךְ

תיכף

תִּיכֶּף וַואשִׁין דַארְף עֶר נִיט מַאכִין עַל הַגֶּפֶן, נָאר אַז מֶען מַאכְט הַבְדָלָה אוֹיף וֵויין דַארְף מֶען מַאכִין עַל הַגֶּפֶן חָאטְשֶׁע עֶר ווִיל זִיך תֵּיכֶּף וַואשִׁין אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט דַארְף עֶר מַאכִין אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִימַאכְט בִּיז נָאך דֶעם בֶּענְטשִׁין אַז עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם בֶּענְטשִׁין אוֹיף דֶעם וֵויין אוֹיך הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן אִין אַז נִיט נִיט, אִין אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט טְרִינְקִין וֵויין אִין דֶער סְעוּדָה אוֹיך דַארְף עֶר נִיט מַאכִין עַל הַגֶּפֶן נִישְׁט פַאר דֶעם וַואשִׁין נִישְׁט דֶער נָאך.

(כז) אַז מֶען טְרִינְקְט אַנְדֶירֶע מַשְׁקֶה פַאר דֶער סְעוּדָה אִין מֶען הָאט גִיטְרִינְקֶען אַרְבִּיעִית אַז זַיין דֵעה אִיז גִיוֶועהן עֶר זָאלל דָארְך דֶער מַשְׁקֶה אַפִּיטִיט בַּאקִימֶען צִי עֶסִין דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אִין אַז נִיט דַארְף עֶר מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיך דֶערְמַאנְט אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה אָדֶיר נָאך דֶעם בֶּענְטשִׁין, אִין עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאלל נִישְׁט טְרִינְקֶען פַאר דֶעם וַואשִׁין נָאר וֵוינִיגֶער פֿוּן אַכְזַיִת.

(כח) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין פֵּירוֹת אָדֶיר אֵיין אַנְדֶיר מַאֲכָל פַאר דֶער סְעוּדָה אִין הָאט גִיגֶעסִין אַכְזַיִת אִין עֶר ווִיל אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה אוֹיך עֶסִין פֿוּן דִיא פֵּירוֹת אָדֶיר פֿוּן דֶעם מַאֲכָל אַז עֶר וֶועט נִיט אַבְּרָכָה גִימַאכְט פַאר דֶער סְעוּדָה וֶועט עֶר גִיבְּרוֹיכְט אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה אַבְּרָכָה צִי מַאכִין דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין נָאך בְּרָכָה אוֹיף דִיא פֵּירוֹת אָדֶיר אוֹיף דֶעם מַאֲכָל נִישְׁט פַאר דֶעם וַואשִׁין נִיט דֶער נָאך אִין אַז עֶר עֶסְט נִיט אִין מִיטֶען דֶער סְעוּדָה פֿוּן דִיא פֵּירוֹת אָדֶיר פֿוּן דֶעם מַאֲכָל אָדֶיר מֶען בְּרוֹיךְ אַוַודַאי נִיט צִי מַאכִין אַבְּרָכָה אִין מִיטִין דֶער סְעוּדָה אוֹיף זֵייא אִיז דֶער דִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת כז.

(כט) אַז עֶר הָאט גִיטְרִינְקִין וֵויין אִין אַנְדֶירִי מַשְׁקֶה דַארְף עֶר נִישְׁט מַאכִין קֵיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת נָאר עַל הַגֶּפֶן, אַז עֶר הָאט אָבֶּער גִיטְרִינְקִין קוֹדֶם אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אִין נָאך דֶעם וֵויין דַארְף

עֶר

עֶר מַאכְין עַל הַגֶפֶן אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

(ל) אַז עֶר עֶסְט אַיין עִיקָר מִיט אַטָפֵל מַאכְט מֶען נָאר דִיא נָאךְ בְּרָכָה אוֹיף דֶעם עִיקָר אִין אוֹיף דֶעם טָפֵל דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכִין נָאר אַז אִין דֶעם עִיקָר אִיז נִישְׁט גִיוֶועהְן קַיין כְּזַיִת אִין אִין דֶעם טָפֵל אִיז גִיוֶועהְן אַכְּזַיִת מַאכְט מֶען דִיא נָאךְ בְּרָכָה אוֹיף דֶעם טָפֵל.

(לא) אַז מֶען טְרִינְקְט וַואסִיר אִין מֶען אִיז נִישְׁט דַארְשְׁטִיג גִיוֶועהְן מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אִין אוֹיף אַנְדִירֶע מַשְׁקֶה אַז מֶען הָאט גִיטְרִינְקְין כְּשִׁיעוּר חָאטְשֶׁי מֶען אִיז נִישְׁט דַארְשְׁטִיק גִיוֶועהְן דַארְף מֶען מַאכִין אַנָאךְ בְּרָכָה.

(לב) אַז מֶען הָאט גִיקָאכְט פֵּירוֹת פוּן דִיא זִיבְּעֶן מִינִים וָואס שְׁטֵייעֶן אִין אוֹת ה׳ אִין מֶען הָאט גִיטְרִינְקְין דִיא זוּפּ אַלֵיין אִיז אַסָפֵק אוֹיף דֶער נָאךְ בְּרָכָה צִי מֶען זָאלל מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת צִי עַל הָעֵץ אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען עֶסִין אַכְּזַיִת פוּן דִיא פֵּירוֹת אִין אַכְּזַיִת פוּן אַמִין וָואס מֶען מַאכְט בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אִין זָאלל מַאכִין אִי עַל הָעֵץ אִי בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אִין אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין דִיא פֵּירוֹת פַאר דֶער זוּפּ אִיז קַיין סָפֵק אַז מֶען בְּרוֹיךְ נָאר צוּ מַאכִין עַל הָעֵץ אוֹיף דִיא פֵּירוֹת אִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת נִיט.

(לג) אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגֶען וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסִין דַארְף עֶר קַיין נָאךְ בְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶר הָאט אַיינְגִישְׁלִינְגִין דִיא זַאפְּט חָאטְשֶׁי עֶר הָאט אַרוֹיס גִישְׁפִּיגִין דֶעם מַמָשׁ דַארְף עֶר מַאכִין אַנָאךְ בְּרָכָה אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין פוּן דִיא זַאפְּט אַזוֹי וִויא אַכְּזַיִת, אִין אַז עֶר הָאט אוֹיס גִיבְּרָאכִין דָאס מַאֲכָל דַארְף עֶר קַיין נָאךְ בְּרָכָה מַאכִין.

(לד) אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִימַאכְט קַיין נָאךְ בְּרָכָה בִּיז עֶר אִיז הִינְגִירִיג גִיוָוארִין נָאךְ דֶעם מַאֲכָל אָדִיר עֶר אִיז דַארְשְׁטִיג גִיוָוארִין נָאךְ דֶער מַשְׁקֶה טָאר עֶר שׁוֹין נִיט מַאכִין קַיין נָאךְ בְּרָכָה אִין אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק אָדִיר עֶר הָאט נִיט גִיגֶעסִין אָדֶער גִיטְרִינְקְעֶן נָאר אַבִּיסֶעל אִין עֶר הָאט נִישְׁט בַּאלְד אַנָאךְ בְּרָכָה

גימאכט

גִמַאכְט זָאלל עֶר נָאךְ עֶסִין אָדִיר טְרֶינְקִין אַשִׁיעוּר אִין אַבְּרָכָה מַאכִין לוֹיט דִיא פִּינְקְטִין וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר וֶוען עֶר בְּרוֹיךְ אַבְּרָכָה מַאכִין אִין זָאל מַאכִין אַנָאךְ בְּרָכָה (עיין שער י״ז אות י״ד)

(לה) אַז עֶר וִויל נָאךְ עֶסִין אָדִיר טְרִינְקִין תֵּיכֶף זָאלל עֶר קֵיין נָאךְ בְּרָכָה מַאכִין אַז עֶר וִויל אָבֶּער נִיט תֵּיכֶף עֶסִין נָאר שְׁפֶּעטִיר, זָאלל עֶר מַאכִין אַנָאךְ בְּרָכָה אִין וֶוען עֶר וֶועט עֶסִין וֶועט עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה.

(לו) דֶער נוּסַח פִּין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת מִיט טֵייטְשׁ (בָּרוּךְ אַתָּה) גִילוֹיבְּט בִּיסְט דִיא (ד׳) גָאט (אֱלֹהֵינוּ) אִינְזֶער גָאט (מֶלֶךְ הָעוֹלָם) דֶער מֶלֶךְ פִּין דֶער וֶועלְט (בּוֹרֵא) עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין (נְפָשׁוֹת רַבּוֹת) אַסַאךְ נְפָשׁוֹת (וְחֶסְרוֹנָם) אִין וָואס עֶס פֶּעהלְט זֵייא, דָאס אִיז אַזָאלִיכֶע זַאכִין וָואס מֶען קָאן זִיךְ נִיט בַּאגֵיין אָהן זֵייא דְהַיְינוּ בְּרוֹיט אִין וַואסִיר הָאט עֶר בַּאשַׁאפִין, אִין דִיא זָאלְסְט זֵיין גִילוֹיבְּט (עַל כָּל מַה שֶּׁבָּרָאתָ) אוֹיף אַלְדִינְג וָואס הָאסְט בַּאשַׁאפִין (לְהַחֲיוֹת בָּהֶם) צִי מְחַיֶה זֵיין מִיט זֵייא (נֶפֶשׁ כָּל חַי) דָאס נֶפֶשׁ פִּין אַלֶע לֶעבִּינְדִיגֶע דָאס אִיז אַזָאלְכֶע זַאכִין וָואס זֶענִין נָאר פַאר תַּעֲנוּג (בָּרוּךְ חַי הָעוֹלָמִים) אִין גִילוֹיבְּט אִיז דֶער וָואס אִיז דָאס לֶעבִּין פִּין אַלֶע וֶועלְטִין.

(לז) דֶער נוּסַח מִיט דֶער טֵייטְשׁ פִּין עַל הַמִּחְיָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (עַל הַמִּחְיָה) אוֹיף דֶעם דֶערְנֶערָאנְג (וְעַל הַכַּלְכָּלָה) אִין אוֹיף דֶער שְׁפֵּייז (וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה) אִין אוֹיף דִיא פְרָאכְט פִּין דֶעם פֶעלְד (וְעַל אֶרֶץ חֶמְדָה) אִין אוֹיף דֶעם גְלִיסְטִיגֶען לַאנְד (טוֹבָה וּרְחָבָה) וָואס זִיא אִיז גִיט אִין בְּרֵייט (שֶׁרָצִיתָ) וָואס דִיא הָאסְט גִיוָואלְט (וְהִנְחַלְתָּ) אִין דִיא הָאסְט גִימַאכְט אַרְבִּין (לַאֲבוֹתֵינוּ) צִי אִינְזֶערֶע עֶלְטִירִין (לֶאֱכוֹל מִפִּרְיָהּ) צִי עֶסִין פִּין אִיהְרֶע פֵּירוֹת (וְלִשְׂבּוֹעַ מִטּוּבָהּ) אִין אָהן צִיזֶעטִין פִּין אִיהר גִיטְס (רַחֵם נָא) דֶערְבַּארִים דִיךְ שׁוֹין (ד׳ אֱלֹהֵינוּ) גָאט אִינְזֶער גָאט (עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ) אוֹיף דֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ) אִין אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם דֵיין שְׁטָאט (וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן

כבודך

כְּבוֹדֶךָ) און אויף דיין שטאט ציון וואס דיין כָּבוֹד האט דארט גערוט (וְעַל מִזְבְּחֶךָ) און אויף דיין מִזְבֵּחַ (וְעַל הֵיכָלֶךָ) און אויף דיין בית המקדש (וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ) און בויא די הייליגע שטאט ירושלים (בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ) וויא צום געשווינדסטן אין אינזערע טעג (וְהַעֲלֵנוּ) און זאלסט אונז ארויף ברענגען (לְתוֹכָהּ) אין איהר (וְשַׂמְּחֵנוּ) און זאלסט אונז דערפרייען (בְּבִנְיָנָהּ) מיט איהר בויען (וְנֹאכַל) און מיר זאלען עסען (מִפִּרְיָהּ) פון איהר פראכט (וְנִשְׂבַּע) און מיר זאלען זאט זיין (מִטּוּבָהּ) פון איהר גוטס (וּנְבָרֶכְךָ) און מיר זאלען דיך לויבען (עָלֶיהָ) אויף איהר (בִּקְדוּשָּׁה) מיט הייליגקייט (וּבְטָהֳרָה) און מיט ריינקייט (כִּי אַתָּה ד׳) ווארין דיא גאט (טוֹב) ביסט גוט (וּמֵטִיב לַכֹּל) און טהוסט גוטס צו אללע (וְנוֹדֶה לְּךָ) און וועלען לויבען צו דיר (עַל הָאָרֶץ) אויף דעם לאנד (וְעַל הַמִּחְיָה) און אויף דעם דערנעהרונג (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳) געלויבט ביסטו גאט (עַל הָאָרֶץ) אויף דעם לאנד (וְעַל הַמִּחְיָה) און אויף דעם דערנעהרונג (וְעַל הַכַּלְכָּלָה און אויף דער שפייז.

(לח) דער נוסח מיט דער טייטש פון עַל הַגֶּפֶן בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (עַל הַגֶּפֶן) אויף דעם וויינשטאק (וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן) און אויף דיא פירות פון דעם וויינשטאק, וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה און וויא עס שטייט ווייטער אין אות ל״ז ביז וְנוֹדֶה לְּךָ עַל הָאָרֶץ, און נאך דעם זאגט מען (וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן) און אויף דיא פירות פון דעם וויין שטאק בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (עַל הָאָרֶץ) אויף דעם לאנד(וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן)און אויף דיא פירות פון דעם וויין שטאק.

(לט) דער נוסח מיט דער טייטש פון עַל הָעֵץ בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (עַל הָעֵץ) אויף דעם בוים (וְעַל פְּרִי הָעֵץ) און אויף דיא פירות פון דעם בוים וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה און וויא עס שטייט ווייטער אין אות ל״ג ביז וְנוֹדֶה לְּךָ עַל הָאָרֶץ און נאך דעם זאגט מען (וְעַל הַפֵּירוֹת) און אויף דיא פירות (בָּרוּךְ

אתה

אתה ד׳ על הארץ ועל הפירות) געלויבט ביסט דוא גאט אויף דעם לאנד און אויף דיא פירות.

## שער יז דינים פון בענטשן

(א) אז מען עסט אכזית ברויט פון דיא פינף מיני דגן דאס איז אזויא וויא איין האלב הינערן איי און דער חלל איז זיך ניט מצרף*. און מען האט ניט גיזוימט מיט דעם כזית עסן נאר איין מינוט דארף מען בענטשן, און אז ער האט גיגעסן ווייניגער פון אכזית דארף מען ניט בענטשן אבער אז ער האט גיזוימט מיט דעם כזית עסן מעהר וויא איין מינוט איז אספק איבער דעם ברויך מען נזהר צו זיין מען זאל עסן אכזית אין איין מינוט.

(ב) בשעת בענטשן זאל מען זיך זעצן און זאל זיך ניט אנלענין נאר ער זאל זיצען מיט מורא, און אז ער האט גיגעסן גייענדיג מעג ער בענטשן גייענדיג, און מען טאר ניט טוען קיין שום זאך בשעת בענטשן, און זאל זיך אהן טוען דעם היט און דעם קאפטין (בעקישע) אדיר דעם ראק וואס ער גייט מיט עהם אויף דער גאס, און מען טאהר ניט מפסיק זיין אין דעם בענטשן אפילו מיט איין ווארט אפילו אויף לשון קודש און אז ער האט מפסיק גיוועהן במזיד, איז דא א דעה אז מען דארף נאך אמאהל בענטשן.

(ג) מען דארף בענטשן הויעך דאס ער זאל הערין דיא ווערטיר און זאל ארויס זאגין דיא ווערטיר ריין און אז ער האט גיבענטשט שטיל האט ער יוצא גיוועהן, אבער אז ער האט נאר מהרהר גיוועהן איז ער ניט יוצא צאדין ער איז גיווען איין אונס ער האט ניט גיקאנט אנדירשט און אז דער אונס איז אוועק און ער האט נאך נישט פאר דייעט דאס עסן ברויך ער צו בענטשן און זאל ארויס זאגין דיא ווערטיר.*

(ד) מען דארף בענטשן בכוונה דאס איז מען זאל וויסן

וואס

---

*דער חלל איז זיך ניט מצרף - די הוילקייט ווערט נישט גירעכנט

*נאר אז ער האט ניט געגעסן צו זאט דארף ער נישט בענטשן

וואס מען זאגט, און ווער עס בענטשט מיט כוונה איז נישט שולט אין עהם קיין שום צארין און זיין פרנסה וועט עהם זיין אנגעבריים ברוח ובכבוד אללע זייני יאהרין.

(ה) אז ער איז מסופק צי ער האט געבענטשט אז ער איז זאט דארף ער צו בענטשן נאר אז ער איז דארשטיק זאלל ער קודם טרינקען און אז ער איז ניט זאט זאל ער ניט בענטשן אויף אספק, און אין אשה אז זיא איז מסופק צי זיא האט געבענטשט זאלל זיא ניט בענטשן אויף אספק, נאר אז עס איז דא אכילת ברויט זאלל מען עסן אכזית און בענטשן.

(ו) אז ער איז מסופק צי ער האט געגעסן אכזית ברויט צי ווייניגער, אדער ער איז מסופק צי מען דארף בענטשן אויף דעם ברויט וואס ער האט געגעסן זאל ער ניט בענטשן ביז ער וועט עסן אכזית ברויט און אז ניט איז אשאלה.

(ז) ווען מען ברויך אויף אספק צו בענטשן ברויך מען צי זאגן דיא ברכה פון הטוב והמטיב אז ער ווייסט דאס ער האט געזאגט דיא דרייא ברכות פון דעם בענטשן נאר ער איז מסופק צי ער האט געזאגט דיא ברכה פון הטוב והמטיב זאלל ער ניט זאגן אויף אספק.

(ח) אז ער איז אנשלאפן גווארן אין מיטן בענטשן און ער ווייסט ניט וויא ער האלט אז ער איז זאט געוועהן זאלל ער אנהייבן פון אנהייב און אז ער ווייסט בייא וועלכער ברכה ער האלט דארף ער נישט אנהייבן פון אנהייב נאר פון דער ברכה, און אז ער איז נישט זאט געוועהן אדער איין אשה דארף אויך אללע מאל נישט אנהייבן פון אנהייב נאר מען זאלל זאגן דיא ברכה וואס מען ווייסט זיכער דאס מען האט זיא ניט געזאגט.

(ט) אז ער האט ניט געזאגט על בריתך שחתמת בבשרנו אדער ועל תורתך שלמדתנו אדער ועל מלכות בית דוד משיחך דארף מען אנהייבן פון אנהייב דעם בענטשן און ווייבער אפילו

דיא

זייא הָאבִּין נִיט גִיזָאגְט עַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ הָאבִּין זייא יוצא גִיוֶועהן.

(י) מֶען דַארְף בֶּענְטשִׁין אויף דֶעם אָרְט וָואס מֶען הָאט גִיגֶעסִין אִין אַז עֶר הָאט מְשַׁנֶּה מָקוֹם גִיוֶועהן וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר כ׳.

(יא) וֶוער עֶס אִיז שִׁיכּוֹר מֶעג בֶּענְטשִׁין נָאר עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאלל בֶּענְטשִׁין אֵיידֶער מֶען וֶוערְט שִׁיכּוֹר, אִין אַז עֶר אִיז גָאר שְׁטַארְק שִׁיכּוֹר דְהַיְינוּ עֶר וֵוייסְט נִיט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט עֶהם טָאהר עֶר נִישְׁט בֶּענְטשִׁין אִין אֲפִילוּ עֶר הָאט גִיבֶּענְטשְׁט הָאט עֶר נִיט יוצא גִיוֶועהן.

(יב) וַוייבֶּער אִין קִינְדֶער זֶענִין מְחוּיָב צִי בֶּענְטשִׁין, אִין אַז זייא קֶענִין נִיט זֶענִין זייא מְחוּיָב צִי הֶערִין וויא אֵיין אַנְדִירֶער בֶּענְטשְׁט אִין זָאלְלִין נָאךְ זָאגִין וָוארְט בֵּייא וָוארְט אִין אַז זייא הָאבִּין נָאר נִיט צִי גִיהֶערְט הָאבִּין זייא יוצא גִיוֶועהן וויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י״ז.

(יג) אַז עֶר הָאט גִיבֶּענְטשְׁט אִין שְׁטֵיב אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גִיפִינֶען צוֹאָה דַארְף עֶר נִיט נָאךְ אַמָאהל בֶּענְטשִׁין אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִיבֶּענְטשְׁט בֵּייא דֶער שְׁטֵיב דָארְט וויא דֶער סֵדֶר אִיז צִי זַיין צוֹאָה אִין הָאט גִיפִינִין צוֹאָה אִיז אַסָפֵק צִי עֶר הָאט יוצא גִיוֶועהן אִיבֶּער דֶעם זָאלל עֶר זִיךְ נָאךְ אַמָאהל וַואשִׁין אִין עֶסִין אַכְּזַיִת בְּרוֹיט אִין בֶּענְטשִׁין אִין אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט אַכְּזַיִת בְּרוֹיט אֲפִילוּ עֶר הָאט פְרִיעֶר גִיגֶעסִין צִי זַאט זָאלל עֶר נִיט נָאךְ אַמָאהל בֶּענְטשִׁין אִין אַז עֶר הָאט גִפִינִין הַשְׁתָּנָה נָאךְ דֶעם בֶּענְטשִׁין אִיז נִיט קֵיין סָפֵק אַז עֶר בְּרוֹיךְ נִישְׁט נָאךְ אַמָאהל צִי בֶּענְשִׁין.

(יד) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין צִי זַאט אִין הָאט נִיט גִיבֶּענְטשְׁט בִּיז עֶר אִיז וַוייטֶער הֶינְגֶירִיג גִיוָוארִין טָאר עֶר שׁוֹין נִיט בֶּענְטשִׁין צַאדִין עֶר עֶסְט אַכְּזַיִת בְּרוֹיט פַאר דֶעם בֶּענְשִׁין אִין אַז עֶר אִיז בִּשְׁעַת עֶסִין אויךְ נִיט זַאט גִיוֶועהן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין שָׁעָה

מִיט

בּיִם אַפִּיפְטִיל פוּן דֶעם עֶסִין טָאר מֶען אויךְ נִיט בֶּענְטְשִׁין גָאר עֶס אִיז דֵעוֹת אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיט אַשָׁעָה מִיט אַפִּיפְטִיל פוּן דֶעם עֶסִין טָאר עֶר אויךְ נִישְׁט בֶּענְטְשִׁין אִיבֶּער דֶעם כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִיט אַרַיין לָאזִין אִין אַסָפֵק אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיט גִיוֶועהן אַשָׁעָה אִין אַפִּיפְטִיל זָאלל עֶר נִיט בֶּענְטְשִׁין;*

(טו) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין פַארְשִׁימֶעלְט בְּרוֹיט וָואס דֶער דִין אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכִין קֵיין הַמּוֹצִיא נָאר שֶׁהַכֹּל זָאל עֶר נִיט בֶּענְטְשִׁין נָאר מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אִין וֶוען דֶער דִין אִיז אַז עֶר זָאלל פְרִיעֶר גָאר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ז׳ אוֹת כ׳ זָאלל עֶר קֵיין נָאךְ בְּרָכָה אויךְ נִיט מַאכִין.

(יז) וֶוער עֶס קֶען נִיט בֶּענְטְשִׁין זָאל עֶר אוֹיס הֶערִין דָאס בֶּענְטְשִׁין פוּן אֵיין אַנְדִירִין יְעדִירִים וָוארְט נָאר עֶס אִיז בֶּעסֶר דָאס מֶען זָאלל נָאךְ זָאגִין יֶעדִירִים וָוארְט אִין מִיט הֶערִין אַלֵיין אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא צְוַאדִין זִייא הָאבִּין בֵּיידֵי גִיגֶעסִין בֵּייא אֵיין טִישׁ אִין דֶער וָואס הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט הָאט מְכַוֵּין גִיוֶועהן מוֹצִיא צוּ זַיין מִיט דֶעם בֶּענְטְשִׁין דֶעם אַנְדֶערִין אִין יֶענִיר הָאט אִין זִין גִיהַאט יוֹצֵא צוּ זַיין.

(יז) שַׁבָּת זָאגְט מֶען רְצֵה פַאר וּבְנֵה אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין אִין הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט גִיזָאגְט דֶעם שֵׁם פוּן דֶער בְּרָכָה זָאלל עֶר זָאגִין רְצֵה אִין וּבְנֵה, אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט דֶעם שֵׁם זָאל עֶר אוֹיס לָאזִין דִיא בְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם זָאלל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁנָּתַן שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה לְאוֹת וְלִבְרִית בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת, דָאס אִיז טַייטְשׁ (שֶׁנָּתַן שַׁבָּתוֹת) וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין שַׁבָּתִים לִמְנוּחָה צוּ אֵיין רוּאִינְג (לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) צוּ זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (בְּאַהֲבָה) מִיט לִיבְּשַׁאפְט (לְאוֹת וְלִבְרִית) צוּ אֵיין צֵייכִין אִין צוּ אֵיין זִיכִירְהֵייט (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת) גִילוֹיבְּט בִּיסְט דוּא גָאט וָואס הָאט הֵיילִיג גִימַאכְט דֶעם שַׁבָּת אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט דֶירְמַאנְט בִּיז עֶר הָאט

אנגיהויבין

---

*ניט בענטשן ביז ער עסט א כזית

אנגיהויבן דיא ברכה פון הטוב והמטיב אדיר נאך דעם בענטשן זאלל ער אנהייבן דאס בענטשן פון אנהייב. דער דין איז נאר ביא דער ערשטיר סעודה פון אויך דער נאכט אין פון אינדער פריא אבער אז ער האט נאך אמאהל גיגעסן ביא נאכט אדיר באטאג אדיר ביא דער דריטער סעודה דאס איז שלוש סעודות אז ער האט פארגעסן רצה אין האט שוין אנגיהייבן דיא ברכה פון הטוב דארף ער ניט נאך אמאהל בענטשין אין אז ער האט זיך דערמאנט איידיר ער האט אנגיהייבן דיא ברכה פון הטוב והמטיב זאלל מען זאגין ברוך שנתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית, אין ניט מעדה, אין נאך דעם אלל ער זאגין דיא ברכה פון הטוב והמטיב.

(יה) יום טוב זאגט מען יעלה ויבא פאר ובנה אין אז ער האט פארגעסן אז ער האט זיך דירמאנט איידיר ער האט גיזאגט דעם שם פון דער ברכה פון ובנה זאלל ער זאגין יעלה ויבא אין אז ער האט שוין גיזאגט דעם שם זאלל ער אויסלאזין דיא ברכה אין זאלל זאגין ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם אשר נתן ימים טובים לישראל לששון ולשמחה את יום חג (המצות) (השבועות) (הסוכות) הזה ברוך אתה ד׳ מקדש ישראל והזמנים דאס איז טייטש (אשר נתן) וואס ער האט גיגעבן (ימים טובים לישראל) דיא ימים טובים צו יודין (לששון ולשמחה) צו פריי (ברוך אתה ד׳) גילויבט ביסט דיא גאט (מקדש ישראל והזמנים) וואס ער היילגט יודין מיט דיא ימים טובים, אין אז ער האט זיך ניט דערמאנט ביז ער האט אנגיהויבן דיא ברכה פון הטוב והמטיב זאלל ער אנהייבן פון אנהייב צו בענטשין, אין אז ער האט גיגעסן צווייא סעודות ביא נאכט אדיר באטאג אין האט פארגעסן יעלה ויבא ביא דער אנדירר סעודה דארף ער ניט נאך אמאהל בענטשין, אין אז ער האט זיך דערמאנט איידיר ער האט אנגיהויבן דיא ברכה פון הטוב והמטיב זאלל ער זאגין אשר נתן אין זאלל נישט מזכיר זיין דעם שם.

ראש

(יט) ראש הַשָּׁנָה זָאגְט מֶען יַעֲלֶה וְיָבֹא, אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אִין הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב זָאל עֶר זָאגְן בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל אֶת יוֹם הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנְט בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב דַארְף עֶר נִיט אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייבּ.

(כ) ראש חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יַעֲלֶה וְיָבֹא אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אִין הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב זָאל עֶר זָאגְן בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן רָאשֵׁי חֳדָשִׁים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לְזִכָּרוֹן, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט דֶערְמַאנְט בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב דַארְף עֶר נִיט אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייבּ, אִין נָאךְ הָרַחֲמָן זָאל עֶר אוֹיךְ נִיט זָאגְן יַעֲלֶה וְיָבֹא.

(כא) חוֹל הַמּוֹעֵד זָאגְט מֶען אוֹיךְ יַעֲלֶה וְיָבֹא. אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אִין הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב זָאל עֶר זָאגְן בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל אֶת יוֹם חַג (הַמַּצּוֹת) (הַסֻּכּוֹת) הַזֶּה אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אִיז פַארְפַאלְן.

(כב) יוֹם טוֹב אִין שַׁבָּת זָאגְט מֶען פְרִיעֶר רְצֵה אִין דֶער נָאךְ יַעֲלֶה וְיָבֹא, אִין אַז עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶיזָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא זָאל עֶר נָאךְ דֶעם זָאגְן רְצֵה אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן בֵּיידֶע אִין הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב זָאל עֶר זָאגְן בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר נָתַן שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה לְאוֹת וְלִבְרִית וְיָמִים טוֹבִים לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אֶת יוֹם חַג (הַמַּצּוֹת) (הַשָּׁבוּעוֹת) (הַסֻּכּוֹת) הַזֶּה בָּרוּךְ אַתָּה ד' מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים, אִין אַז עֶר הָאט נָאר רְצֵה פַארְגֶעסְן זָאל עֶר זָאגְן דִיא בְּרָכָה וָואס מֶען זָאגְט שַׁבָּת וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י"ז אִין אַז עֶר

הָאט

הָאט נָאר יַעֲלֶה וְיָבֹא פַארְגֶעסְן זָאל עֶר זָאגְן דִּיא בְּרָכָה וָואס מֶען זָאגְט יוֹם טוֹב וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י״ח, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט דֶּערְמַאנְט בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִּיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אֲפִילוּ עֶר הָאט נִיט פַארְגֶעסְן נָאר אֵיינֶם זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן דָאס בֶּענְטשְׁן פוּן אָנְהֵייבּ אָן זָאל זָאגְן רְצֵה אוּן יַעֲלֶה וְיָבֹא.

(כג) רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדֶער חוֹל הַמּוֹעֵד אָדֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז עֶס גִיפַאלְט אִין שַׁבָּת אוּן הָאט פַארְגֶעסְן רְצֵה אוּן יַעֲלֶה וְיָבֹא אוּן הָאט זִיךְ דֶּערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִּיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב זָאגְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר נָתַן שַׁבָּת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לְאוֹת וְלִבְרִית (אִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ) חֳדָשִׁים לְזִכָּרוֹן (אִין חוֹל הַמּוֹעֵד) יָמִים טוֹבִים לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת (אִין חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח) (אִין חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת) הַסּוּכּוֹת הַזֶּה (אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה) יָמִים טוֹבִים לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אֶת יוֹם הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה, בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת אוּן אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט רְצֵה אוּן נִיט יַעֲלֶה וְיָבֹא אִיז דֶּער דִּין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י״ט כ׳ כ״א, אוּן אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן רְצֵה אוּן הָאט זִיךְ נִיט דֶּערְמַאנְט בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִּיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב הֵייבְּט מֶען אָן דָאס בֶּענְטשְׁן פוּן אָנְהֵייבּ אוּן מֶען זָאגְט רְצֵה אוּן יַעֲלֶה וְיָבֹא אוּן אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט רְצֵה אוּן נִיט יַעֲלֶה וְיָבֹא אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִּיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אִיז פַארְפַאלְן.

(כד) אַז אֵיין קְרַאנְקֶער הָאט גֶעגֶעסְן אִין יוֹם כִּפּוּר זָאל עֶר זָאגְן יַעֲלֶה וְיָבֹא בַּייא דֶעם בֶּענְטשְׁן אוּן אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן דַארְף עֶר נִיט נָאךְ אַמָאהל בֶּענְטשְׁן אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶּערְמַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִּיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב זָאל עֶר זָאגְן בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן יָמִים קְדוֹשִׁים לְיִשְׂרָאֵל אֶת יוֹם הַכִּפּוּרִים הַזֶּה.

(כה) וִויא דֶער דִּין אִיז מֶען זָאל זָאגְן דִּיא בְּרָכָה אֲשֶׁר

נתן

נָתַן מִיט דֶעם שֵׁם דְהַיְינוּ שַׁבָּת אָדִיר יוֹם טוֹב אַז עֶר קֶען נִישְׁט דִיא בְּרָכָה זָאלל עֶר אָנְהֵייבִּין דָאס בֶּענְטשִׁין פוּן אָנְהֵייב.

(כו) אַז דִיא סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת אָדִיר יוֹם טוֹב הָאט זִיךְ גִיצוֹגִין בִּיז נַאכְט זָאלל עֶר זָאגִין רְצֵה אָדִיר יַעֲלֶה וְיָבֹא אִין אַז עֶר הָאט גִידַאוִוינְט מַעֲרִב פַאר דֶעם בֶּענְטשִׁין זָאלל עֶר נִיט זָאגִין רְצֵה אָדִיר יַעֲלֶה וְיָבֹא.

(כז) אַז עֶס גֶעפַאלְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדִיר יוֹם טוֹב זוּנְטִיג אִין דִיא סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת הָאט זִיךְ גִיצוֹיגִין בִּיז נַאכְט אַז עֶר הָאט נִיט גִיגֶעסִין פוּן וֶוען עֶס אִיז נַאכְט גִיוָוארִין זָאלל עֶר זָאגִין רְצֵה אִין נִיט יַעֲלֶה וְיָבֹא אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַכְּזַיִת בְּרוֹיט פוּן וֶוען עֶס אִיז נַאכְט זָאלל עֶר זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא אִין נִיט רְצֵה נָאר עֶס אִיז בֶּעסִיר עֶר זָאלל נִיט עֶסִין פוּן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט צַאדִין עֶר אִיז מְסוּפָּק אַז עֶר הָאט פַארְצֶערְט דָאס עֶסִין.

(כח) אַז דִיא סְעוּדָה פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הָאט זִיךְ גִיצוֹיגִין בִּיז נַאכְט וָואס אִיז נִיט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאלל עֶר נִיט זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא נָאר אַז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אִין שַׁבָּת זָאלל עֶר זָאגִין רְצֵה אִין יַעֲלֶה וְיָבֹא אֲפִילוּ בַּאנַאכְט.

(כט) חֲנוּכָּה אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג פוּן פּוּרִים זָאגְט מֶען עַל הַנִיסִים פַאר עַל הַכֹּל אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין אִיז פַאר־פַאלִין נָאר סוֹף דֶעם בֶּענְטשִׁין זָאלל עֶר זָאגִין הָרַחֲמָן הוּא יַעֲשֶׂה לָנוּ נִיסִים כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶה בִּימֵי וכו׳, דִיא נַאכְט פוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים זָאגְט מֶען נִיט עַל הַנִיסִים צַאדִין עֶר הָאט אָנְגִיהוֹבִּין צוּ עֶסִין בַּאטָאג אָבֶּער אַז עֶר הָאט דֶעם אַכְטִין טָאג פוּן חֲנוּכָּה אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ עֶסִין בַּאטָאג אִין דִיא סְעוּדָה הָאט זִיךְ גִיצוֹיגִין בִּיז נַאכְט זָאגְט מֶען נִיט עַל הַנִיסִים, אִין אַז דֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג חֲנוּכָּה אָדִיר פּוּרִים אִיז גִיוֶועהִן זוּנְטִיג אִין דִיא סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת הָאט זִיךְ גִיצוֹיגִין בִּיז נַאכְט אִיז נִיט קֵיין הִילוּק סַאי עֶר הָאט גִיגֶעסִין בַּאנַאכְט אָדִיר נִיט זָאגְט עֶר נָאר רְצֵה נִיט עַל הַנִיסִים.

מען

(ל) מען טאר ניט בענטשן און דאווענן מיט קיין שום אנדיר לשון נאר בלשון הקודש וויא חז"ל האבן מתקן געוועזן און אפילו ער פארשטייט ניט דיא טייטש האט ער יוצא געוועזן נאר לכתחילה זאל ער על כל פנים פארשטיין דאס ענין דרך כלל און עס איז נאך בעסיר מען זאל לערנין דיא טייטש פון דעם בענטשן דאס מען זאל פארשטיין יעדעם ווארט ·

## דיא טייטש איז אזויא

(ברוך אתה ד') גילויבט ביסט דיא גאט (אלהינו) אינזער גאט (מלך העולם) דער קעניג פון דער וועלט (הזן) וואס ער שפייזט (את העולם כלו) דיא גאנצי וועלט (בטובו) מיט זיין גיטקייט (בחן) מיט חן (ובחסד) און מיט גינאד, (וברחמים) און מיט דערבארימקייט (הוא נותן לחם) ער גיט ברויט (לכל בשר) צו אללע באשעפעניש (כי לעולם חסדו) וואס אויף אייביג איז זיין חסד (ובטובו הגדול) און מיט זיין גרויס גיטקייט (תמיד לא חסר לנו) האט תמיד ניט געפעהלט אונז (ועל יחסר לנו מזון לעולם ועד) און עס זאל אונז נישט פעהלין קיין שפייז אייביג (בעבור שמו הגדול) וועגין זיין גרויסין נאמין (כי הוא אל) ווארין ער איז אגאט (זן ומפרנס לכל) וואס ער שפייזט יעדירין (ומטיב לכל) און טוט גוטס יעדירין (ומכין מזון) און גרייט אהן שפייז (לכל בריותיו אשר ברא) צו אללע באשעפיניש וואס האט באשאפין (ברוך אתה ד') גילויבט ביסט דיא גאט (הזן את הכל) וואס שפייזט יעדירין ·

(נודה לך ד' אלהינו) מיר לויבין צו דיר גאט אינזער גאט (על שהנחלת לאבותינו) וואס דיא האסט גימאכט ארבין אינזערי עלטירין (ארץ חמדה) דאס גליסטיגע לאנד (טובה) דאס גיטע (ורחבה) און דאס ברייטע (ועל שהוצאתנו) און אויף וואס דיא האסט אינז אויס גיצויגין (ד' אלהינו) גאט אינזער גאט (מארץ מצרים) פון דעם לאנד מצרים (ופדיתנו) און האסט אינז אויס

גילייזט

גילייזט (מבית עבדים) פון דעם הויז וואס מיר זענען געוועזן קנעכט (ועל בריתך) און אויף דעם ברית פון מילה (שחתמת בבשרנו) וואס דיא האסט געחתמט אין אינזערי לייבער (ועל תורתך שלמדתנו) און אויף דיין תורה וואס האסט אינז געלערנט (ועל חקיך שהודעתנו) און אויף דייני חוקים וואס האסט אינז געמאכט וויסן (ועל חיים) און אויף דעם לעבן (חן וחסד שחוננתנו) און אויף דעם חן און חסד וואס האסט אינז געלייטזעליגט (ועל אכילת מזון) און אויף דעם עסן דיא שפייז (שאתה זן ומפרנס אותנו תמיד) וואס דיא שפייזט אינז תמיד (בכל יום) אללע טאג (ובכל עת) און אללע צייט (ובכל שעה) און אללע שעה.

(ועל הכל און אויף אלדינג (ה' אלהינו) גאט אינזער גאט (אנחנו מודים לך) מיר טוען דאנקן צו דיר (ומברכים אותך) און מיר לויבן דיך (יתברך שמך) עס זאלל געלויבט זיין דיין נאמן (בפי כל חי) און מאהל פון אללע באשעפניש (תמיד לעולם ועד) תמיד אויף אביג (ככתוב) וויא עס שטייט אין דער תורה (ואכלת ושבעת) דיא זאלסט עסן* ביז דיא וועסט זאט זיין (וברכת את ה' אלהיך) דיא זאלסט לויבן גאט דיין גאט (על הארץ הטובה) אויף דעם גוטען לאנד (אשר נתן לך) וואס ער האט דיר געגעבן (ברוך אתה ה') געלויבט ביסט דיא גאט (על הארץ) אויף דעם לאנד (ועל המזון) און אויף דעם שפייז.

(רחם נא ה' אלהינו) דערבארימדיך איך בעט דיך גאט אינזער גאט (על ישראל עמך) אויף דיין פאלק ישראל (ועל ירושלים עירך) און אויף ירושלים דיין שטאט (ועל ציון משכן כבודך) און אויף דער שטאט ציון וואס דיין שכינה האט דארט גירוט (ועל מלכות בית דוד משיחך) און אויף מלכות בית דוד דיין משיח (ועל הבית הגדול והקדוש) און אויף דעם בית המקדש (שנקרא שמך עליו) וואס דיין נאמן איז גירופן געווארין אויף עהם (אלהינו) אינזער גאט (אבינו) אינזער פאטער (רוענו) אינזער שפייזער (זונינו) שפייז אינז (פרנסינו) גיב אינז פרנסה (וכלכלנו)

אין

---

*אז דו וועסט עסן

אִין גִיבּ אִינְזֶער בַּאדֶערְפִינִישׁ (וְהַרְוִיחֵנוּ) אִין מִיר זָאלִין מַרְוִיחַ זַיין אִין אַלֶעם (וְהַרְוַח לָנוּ) אִין זָאלְסְט אִינְז דִירְבְּרַייטִירִין (ד׳ אֱלֹהֵינוּ) גָאט אִינְזֶער גָאט (מְהֵרָה) גִיךְ (מִכָּל צָרוֹתֵינוּ) פוּן אַלֶע צָרוֹת (וְנָא) אִין מִיר בֶּעטִין דִיךְ (אַל תַּצְרִיכֵנוּ) זָאלְסְט אִינְז נִיט מַאכִין דַארְפִין (ד׳ אֱלֹהֵינוּ) גָאט אִינְזֶער גָאט (לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם) נִיט צוּ קַיין גָאבּ פוּן מֶענְטשִׁין (וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם) אִין נִיט צוּ זֵייעֶר לַייעֶן (כִּי אִם לְיָדְךָ) נָאר צוּ דַיין הַאנְד (הַמְּלֵאָה) וָואס זִיא אִיז פִיל מִיט אַלֶעם גִיטְס (הַפְּתוּחָה) וָואס זִיא אִיז אָפִין (הַקְּדוֹשָׁה) וָואס זִיא אִיז הֵיילִיג (וְהָרְחָבָה) וָואס זִי אִיז בְּרֵייט (שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ) מִיר זָאלִין נִיט שֶׁעמִין (וְלֹא נִכָּלֵם) אִין מִיר זָאלִין נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין (לְעוֹלָם וָעֶד) אוֹיף אֵייבִּיג.

(וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם) אִין בּוֹיא יְרוּשָׁלַיִם (עִיר הַקֹּדֶשׁ) דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאט (בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ) גִיךְ אִין אִינְזֶערֶע טֶעג (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳) גִילוֹיבְּט בִּיסְט דִיא גָאט (בּוֹנֵה בְרַחֲמָיו) וָואס עֶר בּוֹיט מִיט דֶערְבַּארִימְקַייט (יְרוּשָׁלָיִם אָמֵן).

בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (הָאֵל) דֶער גָאט (אָבִינוּ) אִינְזֶער פָאטִיר (מַלְכֵּנוּ) אִינְזֶער מֶלֶךְ (אַדִּירֵנוּ) אִינְזֶער שְׁטַארְקִיר (בּוֹרְאֵנוּ) אִינְזֶער בַּאשֶׁעפִיר (גּוֹאֲלֵנוּ) אִינְזֶער אוֹיסְלֵייזִיר (יוֹצְרֵנוּ) וָואס עֶר הָאט אִינְז בַּאשַׁאפִין (קְדוֹשֵׁנוּ) אִינְזֶער הֵיילִיגֶער (קְדוֹשׁ יַעֲקֹב) דֶער יוּדִישֶׁער הֵיילִיגֶער (רוֹעֵנוּ) אִינְזֶער שְׁפַּאזִיר (רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל) דֶער שְׁפַּאזִיר פוּן יוּדִין (הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב) דֶער גִיטֶער קֶענִיג (וְהַמֵּטִיב לַכֹּל) אִין טוּט גִיטְס מִיט יֶעדִירִין (שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם) וָואס אִין אַלֶע טֶעג (הוּא הֵיטִיב) עֶר הָאט גִיטְס גִיטָאהן (הוּא מֵטִיב) עֶר טוּט גִיטְס (הוּא יֵיטִיב לָנוּ) עֶר זָאלל גִיטְס טָאהן אִינְז (הוּא גְמָלָנוּ) עֶר הָאט גוֹמֵל חֶסֶד גִיוֶועהן (הוּא גוֹמְלֵנוּ) עֶר אִיז גוֹמֵל חֶסֶד (הוּא יִגְמְלֵנוּ) עֶר זָאלל גוֹמֵל חֶסֶד זַיין אִינְז (הוּא יִגְמוֹל בַּעֲדֵינוּ) עֶר זָאלל גוֹמֵל חֶסֶד זַיין פוּן וֶוענִין אִינְז (לָעַד) אוֹיף אֵייבִּיג (לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים) צוּ חֵן אִין חֶסֶד אִין צוּ בַּארִימְקַייט (וּלְרֶוַח) עֶס זָאלל אִינְז בְּרֵייט זַיין (הַצָּלָה) עֶר

זאלל

זאלל איניץ מציל זיין (והצלחה) ער זאלל געבין הצלחה (ברכה
וישועה נחמה פרנסה וכלכלה ורחמים וחיים ושלום וכל טוב
ומכל טוב) אין פון אללעם גיטען (לעולם אל יחסרנו) אויף
אייביג זאלל ער איניץ ניט מאכין פעהלין (הרחמן) דער דער
בארימיגער (הוא ימלוך עלינו) ער זאלל קיניגען אויף איניץ
(לעולם ועד) אויף אייביג (הרחמן) דער דירבארימיגער (הוא
יתברך) זאלל גילובט זיין (בשמים ובארץ אויף דעם הימעל אין
אויף דער ערד (הרחמן הוא ישתבח) זאלל זיין גילויבט (לדור
דורים) אויף אייביק (ויתפאר בנו) ער זאל זיך בארימין מיט
איניץ (לעד ולנצח נצחים) אויף אייביג (ויתהדר בנו) אין ער
זאלל באשיינט ווערין מיט איניץ (לעד ולעולמי עולמים) אויף
אייביג אין אללע וועלטין (הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד) זאלל
איניץ געבין פרנסה בכבוד (הרחמן הוא ישבור עולנו) זאלל
ציברעכין אינזער יאכט (מעל צוארנו) פון אינזער האלז (והוא
יוליכנו) אין ער זאלל אינז פירען (קוממיות) היפערדיק (לארצינו)
צי אינזער לאנד (הרחמן הוא ישלח לנו) זאל איניץ שיקען
(ברכה מרובה) פיעל ברכה (בבית הזה) אין דער שטיב (ועל
שלחן זה) אין אויף דעם טיש (שאכלנו עליו) וואס מיר האבין
אויף עהם גיגעסין (הרחמן הוא ישלח לנו) ער זאלל איניץ שיקען
את אליהו הנביא זכור לטוב (ויבשר לנו בשורות טובות) ער
זאלל איניץ זאגין בשורות (ישועות ונחמות) (הרחמן הוא יברך
אותי ואת אשתי) זאל בענטשין מיך מיט מיין ווייב (אין אשה
זאגט) (אותי ואת בעלי) מיך אין מיין מאן (ואת ביתי) אין מיין
הויזגיזינד.

## שער יח דינים פון מזומן בענטשין

(א) דרייא מענטשין אז זייא עסין בייא איין טיש אדיר
אויף איין טישטיך זאלין זייא בענטשין מזומן אבער אז זייא
האבין נישט גיגעסין בייא איין טיש אין ניט אויף איין טישטיך
דארפין

דארפֿן זייא ניט בענטשן מזומן.

(ב) אז דרייא מענטשן האבן גיגעסן אויף פע"ד אין האבן גיזאגט מיר וועלן עסן אין האבן זיך גישטעלט אין גיגעסן אפילו זייא זענען ניט ארא פֿיניאנגען דארפֿן זייא בענטשן מזומן אין אז ניט.

(ג) אז דרייא מענטשן זענען גיפֿארן אין אוואגן אין האבן גיזאגט מיר וועלן עסן אין האבן גיגעסן פֿארגרייק איז אספֿק צי זייא זאלן בענטשן מזומן אבער אז דער וואגן איז גישטאנען ביז זייא האבן גיגעסן דארפֿן זייא בענטשן מיט מזומן, אז זייא האבן גיגעסן אויף איין טישטוך* אין אז זייא זענען גיפֿארן אויף דער שיף דארפֿן זייא בענטשן מזומן אז זייא האבן גיגעסן אין איין חדר אין זייא האבען געזאגט מיר וועלן עסן.

(ד) אז דרייא מענטשן האבן גיגעסן אין פֿעלד פֿאר־שפרייט אפילו זייא עסן אין איין צייט אין פֿון איין ברויט וייל זייא האבן ניט קובע מקום גיוועהן זאלן עסן אינאיינים דארפֿן זייא ניט בענטשן מזומן אין אז זייא האבן גיגעסן גיווענדיק דארפֿן זייא ניט בענטשן מזומן צאדין זייא האבן זיך גישטעלט אין האבן גיזאגט מיר וועלן עסן.

(ה) אז מען האט גיגעסן בייא איין גוי מעג מען בענטשן מזומן נאר עס איז בעסער זייא זאלן ניט עסן בייא איין טיש כדי זייא זאלן ניט דארפֿן בענטשן מזומן.

(ו) אז זייא האבן ניט אנגיהויבן צו עסן אויף אייןמאהל אין ניט אויפֿגיהערט אויף אייןמאל דארפֿן זייא ניט צו בענטשן מזומן, אבער אז צוויא האבן גיגעסן אינאיינים חאטשי דער דריטער איז גיקומען ווען זייא האבן אויף גיהערט זענען זייא מחויב צו בענטשן מזומן אז דער דריטער האט גיגעסן אכזית.

(ז) אז צווייא האבן גיגעסן נאך דעם איז גיקומען איינער זאלן זייא עם געבן אכזית צו עסן אדער צו טרינקען ארביעית משקה אין זאלן בענטשן מזומן אז ער האט גיגעסן אדער גיטרינקען

---

* אפילו ניט אויף איין טישטוך

גיטרינקן ביא דעם טיש וויא זייא האבין גיגעסין אין מיט וואסיר איז ער זיך אויך מצטרף נאר עס איז בעסיר מען זאלל ערהם ניט געבין צו טרינקען קיין וואסיר אין אז דיא צווייא קאנין שוין ניט עסין קיין שום זאך אדיר זייא האבין זיך גיוואשין מים אחרונים אדיר דער דריטער האט גימאכט אין נאך ברכה אידיר זייא האבין גיבענטשט קענין זייא ניט בענטשין מזומן נאר עס איז אמצוה אז זייא האבין זיך גיוואשין מים אחרונים זאלין זיך נאך אמאהל וואשין צו דעם ברויט אין זאלין מאכין אמוציא אין עסין אכזית אין זאלין געבין דעם דריטען צו עסין אדיר צו טרינקען כדי זאלין בענטשין מזומן.

(ה) אז צווייא ווילין בענטשין אין איינער עסט נאך קאנין דיא צווייא מזומן בענטשין אין דער דריטער מיז נאך זאגין אין זאלל אויסהערין ביז הזן את הכל אבער אז איינער וויל בענטשין אין צווייא עסין נאך מיז ער ווארטין אין אפילו ער הייבט אהן דארפין זייא ניט נאך זאגין צאדין זייא זענין שוין פארטיג מיט דעם עסין מיזין זייא נאך זאגין.

(ט) אז דרייא האבין גיגעסין אין איינער פון זייא האט מפסיק גיוועזין אין מיטען עסין אין האט נאך גיזאגט דיא צווייא וואס האבין גיבענטשט מזומן אין נאך דעם איז גיקומען אנדירי צווייא אין האבין גיגעסין ביא דעם טיש איינאיינים דארפין [illegible] מזומן בענטשין.

(י) אז דרייא מענטשין האבין גיגעסין אין איינער פון זייא האט גיבענטשט אהן מזומן מעגין דיא צווייא בענטשין מזומן מיט דעם דריטין, אבער אז צווייא האבין גיבענטשט אהן מזומן קאן דער דריטער ניט בענטשין מזומן מיט זייא אין אז איינער פון דיא דרייא האט גיבענטשט מזומן מיט אנדירי קאנין דיא צווייא ניט בענטשין מזומן, אין אז עס איז גיוועזין פיר מענטשין אין צווייא האבין גיבענטשט פאר זיך אהן מזומן קאנין דיא צווייא

אנדירי

אַנְדִירִי בֶּענְטְשִׁין מְזוּמָן מִיט אֵיינִים פִּין דִיא צְווייא וָואס הָאבִּין גִיבֶּענְטְשְׁט.

(יא) דֶער סֵדֶר פִּין מְזוּמָן בֶּענְטְשִׁין אִיז אַזוֹי דֶער וָואס בֶּענְטְשְׁט מְזוּמָן זָאגְט (רַבּוֹתַי מִיר וֶועלִין בֶּענְטְשִׁין) דִיא אַנְדִירִי זָאגִין (יְהִי שֵׁם ד׳ מְבוֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם) דָאס אִיז טַייטְשׁ עֶס זָאלל זַיין דֶער נָאמִין פִּין גָאט גִילוֹיבְּט פִּין יֶעצְט בִּיז אֵייבִּיג, נָאךְ דֶעם זָאגְט עֶר (בִּרְשׁוּת וכו׳) (נְבָרֵךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלוֹ) מִיר זָאלִין לוֹיבִּין דֶעם וָואס מִיר הָאבִּין גִיגֶעסִין פִּין זַיינִים, דָאס אִיז גָאט וָואס אַלֶעס אִיז זַיין, נָאךְ דֶעם זָאגִין זֵייא (בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ) גִילוֹיבְּט אִיז דֶער וָואס מִיר הָאבִּין גִיגֶעסִין פִּין זַיינִים אִין מִיט זַיין גִיטְס לֶעבִּין מִיר, נָאךְ דֶעם זָאגְט עֶר (בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ) (בָּרוּךְ הוּא) גִילוֹיבְּט אִיז עֶר (וּבָרוּךְ שְׁמוֹ) אִין גִילוֹיבְּט אִיז זַיין נָאמִין.

(יב) אַז צֶעהִן מֶענְטְשִׁין עֶסִין בֵּייא אֵיין טִישׁ אָדִיר אוֹיךְ אֵיין טִישְׁטִיךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען מְזוּמָן מִיט דֶעם שֵׁם עֶר זָאגְט (בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלוֹ) אִין זֵייא זָאגִין (בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ) אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט עֶר אוֹיךְ אַזוֹי, אִין אַז עֶר הָאט נִיט מַזְכִּיר גִיוֶועהְן דֶעם שֵׁם אַז זֵייא הָאבִּין נָאךְ נִישְׁט גִיעֶנְפִירְט זָאל עֶר נָאךְ אַמָאהל זָאגִין מִיט דֶעם שֵׁם אִין אַז זֵייא הָאבִּין שׁוֹין גִיעֶנְפִירְט דַארְף עֶר נִיט אָנְהֵייבִּין נָאךְ אַמָאהל.

(יג) אַז זִיבְּעֶן הָאבִּין גִיגֶעסִין בְּרוֹיט אִין דְרֵייא הָאבִּין גִיגֶעסִין אַכִּזַיִת פִּין אֵיין אַנְדִיר מַאֲכָל אָדִיר זֵייא הָאבִּין גִיטְרִינְקִין צִי אַרְבִּיעִית מַשְׁקֶה בֵּייא דֶעם טִישׁ אִין זֵייא הָאבִּין נָאךְ קֵיין נָאךְ בְּרָכָה גִימַאכְט זֶענִין זֵייא זִיךְ מְצָרֵף צִי בֶּענְטְשִׁין מְזוּמָן מִיט דֶעם שֵׁם נָאר עֶס מִיז בֶּענְטְשִׁין מְזוּמָן דֶער וָואס הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט אִין אַז נָאךְ דֶעם ווִיא זֵייא הָאבִּין זִיךְ גִיוַואשִׁין מַיִם אַחֲרוֹנִים אִיז צִי גִיקִימִין אַנְדִירִי זֶענִין זֵייא זִיךְ נִיט מְצָרֵף.

(יד) פִּין דְרֵייא בִּיז זֶעקְס אַז הָאבִּין גִיגֶעסִין אִינְאֵיינִים מִיזִין זֵייא בֶּענְטְשִׁין מִיט מְזוּמָן אִינְאֵיינִים אִין פִּין זֶעקְס בִּיז

צֶעהִן

צֶעהְן מֶעגְן זִיךְ טֵיילְן דְרֵייא זָאלְן בַּאזוּנְדֶער בֶּענְטשְׁין מְזוּמָן אִין דִיא אִיבְּרִיגֶע זָאלְן אוֹיךְ עֶקְסְטֶיר בֶּענְטשְׁין מְזוּמָן, אִין צֶעהְן טָאהְרִין זִיךְ נִיט צוּ טֵיילְן, בִּיז צְוָואנְצִיג אִין צְוָואנְצִיג מֶעגְן זִיךְ צוּ טֵיילְן אַז יֶעדִירִי חַבְרוּתָא זָאלְל בֶּענְטשְׁין עֶקְסְטֶיר מִיט מְנְיָן, אִין אַז אַסַאךְ עֶסְן אִינְאֵיינִים אִין דִיא עֶקְסְטֶי קָאנִין נִיט הֶערִין דָאס מְזוּמָן בֶּענְטשְׁין אָדִיר אַטֵייל דַארְפִין גִינֵייטִיג גֵיין צוּ אֵיין דָבָר מִצְוָה מֶעגְן זִיךְ דְרֵייא אָפְּטֵיילִין אִין בֶּענְטשְׁין בִּמְזוּמָן עֶקְסְטִיר.

(טו) דְרֵייא קָאנְין בֶּענְטשְׁין מְזוּמָן חָאטְשֶׁי אֵיינֶער פוּן זֵייא זִיצְט נִיט בֵּייא דֶעם טִישׁ בִּשְׁעַת בֶּענְטשְׁין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסְן מִיט זֵייא בֵּייא אֵיין טִישׁ אִין עֶר אִיז אוֹיךְ יוֹצֵא אָבֶּער צוּ בֶּענְטשְׁין מִיט מִנְיָן טָאר מֶען נִיט צַאדִין עֶס זִיצְן צֶעהְן בֵּייא דֶעם טִישׁ.

(יו) אַקְלֵיינֶער אַז עֶר אִיז אַלְט דְרֵייצֶעהְן יָאהר מִיט אֵיין טָאג אַפִּילוּ מֶען וֵוייסְט נִיט צִי עֶר הָאט סִימָנִים דִיא צְווֵייא הָאר פוּן הִינְטִין מֶעג מֶען אִיהם מְצָרֵף זַיין צוּ מְזוּמָן אִין צוּ מִנְיָן נָאר אַז מֶען וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין צְווֵייא הָאר פוּן הִינְטִין אָדִיר דִיא צְווֵייא הָאר זֶענְין פוּן פַאר דִיא דְרֵייצֶעהְן יָאהר קֶען מֶען אִיהם נִיט מְצָרֵף זַיין.

(יז) אַטוֹיבֶּער וָואס הֶערְט נִיט אִין רֶעט נִיט אִיז זִיךְ נִישְׁט מְצָרֵף אָבֶּער אַז עֶר רֶעדְט חָאטְשֶׁי עֶר הֶערְט נִיט אִיז זִיךְ מְצָרֵף אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אִין אִיז זִיךְ מְכַוֵּין צוּ דֶעם בֶּענְטשְׁין אִין בֵּייא בִּמְזוּמָן פוּן דְרֵייא מוּז עֶר נָאךְ זָאגְן אוֹיךְ.

(יח) אַשׁוֹטֶה אַז עֶר אִיז נִיט קֵיין שׁוֹטֶה גָמוּר אִין פֶער־שְׁטֵייט אִין אִיז זִיךְ מְכַוֵּין צוּ דֶעם מְזוּמָן אִיז זִיךְ מְצָרֵף, אָבֶּער־אַז עֶר אִיז אַשׁוֹטֶה גָמוּר דְהַיְינוּ וָואס מֶען גִיט אִיהם פֶערְלִירְט עֶר וְכַיּוֹצֵא אִיז עֶר זִיךְ נִיט מְצָרֵף.

(יט) וֵוייבִּיר זֶענְין זִיךְ נִיט מְצָרֵף נָאר אַז דְרֵייא מַאנְזְבִּילִין בֶּענְטשְׁין מְזוּמָן דַארְפִין זֵייא נָאךְ זָאגִין, אִין אַז דְרֵייא וֵוייבִּיר עֶסְן עֶקְסְטִיר אִינְאֵיינִים מֶעגְן זֵייא בֶּענְטשְׁין מְזוּמָן אָבֶּער דֶעם

שם

שם טאהרין זיא נישט מזכיר זיין אפילו עס איז דא צעהן ווייבער.

(כ) ווער עס האט גיגעסין איין זאך וואס מען טאהר ניט דהיינו טריפות אפילו אזאך וואס עס איז נאר אסור מדרבנן אדיר גזל איז זיך ניט מצרף צו מזומן נאר אז ער האט גיגעסין ברויט פון איין גוי אבעקיר איז זיך מצרף אז ער איז ניט נזהר פון דעם ברויט און ער זאלל בענטשין מזומן ניט דיא אנדירי וואס זענין נזהר.

(כא) אז צווייא האבין גיגעסין פלייש און אייגער מילך זאלל מזומן בענטשין דער וואס האט גיגעסין מילך, אבער אז עס איז גיוועהן מנין אדיר מזומן אהן דעם וואס האט גיגעסין מילך מעג בענטשין ווער עס וויל, און אז אייגער האט גיגעסין זאך קעז אדיר ברינזע ערדי אדיר הארבין קעז איז ער זיך ניט מצרף מיט דיא וואס האבין גיגעסין פלייש, און אז אייגער האט גיגעסין פלייש און דיא נאהן טעג בייא אסעודת מצוה איז זיך ניט מצרף מיט דיא וואס האבין גיגעסין מילך אז זיא האבין ניט גיטארט עסין פלייש, און אזוי איז דער דין אויך מצרף זיין צו מנין.

(כב) אז אייגער האט גיגעסין און דערהיים און איז גיגאנגין אויף איין אנדיר ארט אז ער האט ניט גיגעסין דארט קיין כזית ברויט נאר איין אנדיר מאכל אדיר משקה איז ער זיך מצרף צו מזומן נאר ער טאהר ניט בענטשין מזומן און אז ער האט גאר ניט גיגעסין דארט טאר ער בשום אופן ניט בענטשין מזומן און איז זיך ניט מצרף צו מזומן.

(כג) מען דארף מזומן בענטשין אויף איין כוס וויין און אז עס איז ניט דא קיין וויין מעג מען נעמין אכוס אנדירי משקה דהיינו ביער מעט בראנפין אבער ניט קיין וואסיר בארשט קוואס אדיר אנדירע גימיינע משקה זאלל מען ניט נעמין צו דעם בענטשין, און נאך דעם בענטשין זאלל ער אברכה מאכן און

טרינקען

טְרִינְקִין אַרְבִיעִית פִּין דֶעם כּוֹס אִין זָאלל מַאכִין אֵיין נָאךְ בְּרָכָה אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִטְרִינְקִין נָאר אֵיין רוֹב רְבִיעִית זָאלל עֶר נִיט מַאכִין קֵיין נָאךְ בְּרָכָה, אִין אַז עֶר קָאן נִיט טְרִינְקִין קֵיין רְבִיעִית זָאלל עֶר גֶעבִּין דָאס כּוֹס אֵיין אַנְדִירִין עֶר זָאלל אַבְּרָכָה מַאכִין אִין טְרִינְקֶען אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין מַשְׁקֶה מֶעג מֶען מְזוּמָן בֶּענְטשִׁין אָהן אַכּוֹס.

## שַׁער יט דִינִים פִּין אַטָעוּת אִין אַסָפֵק

(א) אַז עֶר הָאט גִינִימֶען אַכּוֹס מַשְׁקֶה וָואס מֶען דַארְף מַאכִין שֶׁהַכֹּל אִין חָאט גִיוָואלְט מַאכִין שֶׁהַכֹּל אִין הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועהן אִין הָאט גִימַאכְט הַגָּפֶן אַז עֶר הָאט זִיךְ דִירְמַאנְט תֵּיכֶף וָואס עֶר הָאט נִיט גִיקָאנְט זָאגִין דְרַייא וֶוערְטִיר אִין דֶער צַייט זָאלל עֶר זָאגִין שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִיזָאגְט תֵּיכֶף שֶׁהַכֹּל זָאלל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד אִין אָנְהֵייבִּין דִיא בְּרָכָה פִּין אָנְהֵייבּ, אִין בְּדִיעֶבֶד אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל הָאט עֶר אוֹיךְ יוֹצֵא גִיוֶועהן.

(ב) אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט טְרִינְקֶען וויין אִין הָאט גִימַאכְט עַל הַגֶּפֶן* אוֹיף אַכּוֹס וָואס עֶר הָאט גִימֵיינְט דָאס עֶס אִיז וויין אִין נָאךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוָואר גִיוָוארִין דָאס עֶס אִיז אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אַז זֵיין דֵעָה אִיז גִיוֶועהן בִּשְׁעַת בְּרָכָה צִי טְרִינְקֶען נָאךְ וויין חוּץ דֶעם כּוֹס אִין עֶס אִיז גִיוֶועהן וויין אִין דֶעם חֶדֶר זָאלל עֶר תֵּיכֶף נֶעמִין וויין אִין טְרִינְקִין, אָבֶּער אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶועהן מִיט רֵייד אֵיידֶער עֶר הָאט גִטְרִינְקִין וויין אָדִיר אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועהן קֵיין וויין אִין דֶעם חֶדֶר אָדִיר וֶוען עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט הָאט עֶר נִישְׁט אִין זִין גִיהַאט צִי טְרִינְקֶען נָאךְ וויין דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל אֵיין בְּרָכָה צִי מַאכֶען אוֹיף דֶעם וויין וָואס עֶר וִויל טְרִינְקִין.

(ג) אַז עֶר הָאט גִיבְּרוֹיכְט צִי מַאכִין דִיא בְּרָכָה פּוֹקֵחַ עוֹרִים

* בורא פרי הגפן

עורים אין האט זיך טועה געוועהן אין האט גיזאגט מלביש ערומים אין האט זיך תיכף דירמאנט אין האט גיזאגט פוקח עורים איז אספק אויף וועליכיר ברכה ער האט יוצא געוועהן זאלל ער מהדר זיין ביידי ברכות אדיר ער זאלל הערין ביידי ברכות אין זאלל מכוין זיין יוצא זיין, אבער אז ער האט גיזאגט בכונה מלביש ערומים נאר וייל ער האט זיך דירמאנט דאס ער דארף צו זאגין פוקח עורים פריר האט ער תיכף גיזאגט פוקח עורים האט ער יוצא געוועהן מיט מלביש ערומים אין זאל נאך אמאהל מאכין פוקח עורים.

(ד) אז בשעת הבדלה האט ער גיוואלט זאגין בורא מיני בשמים אין האט זיך טועה געוועהן אין האט גיזאגט בורא מאורי האש אין האט זיך דירמאנט תיכף אין האט גיזאגט בורא מיני בשמים האט ער יוצא געוועהן אויף די בשמים אין זאל שמעקין אין נאך דעם זאלל ער מאכין בורא מאורי האש, אין אז ער האט פון תחילת גיזאגט בכונה בורא מאורי האש נאר וייל ער האט זיך דירמאנט דאס ער האט גידארפט קודם מאכין בורא מיני בשמים האט ער תיכף גיזאגט בורא מיני בשמים האט ער יוצא געוועהן מיט בורא מאורי האש אין אויף די בשמים זאל ער נאך אמאהל מאכין אברכה.

(ה) אז ער האט גיוואלט עסין אפרי פון אבוים אין האט זיך טועה געוועהן אין האט גימאכט אדמה האט ער יוצא געוועהן אין אז ער האט זיך תיכף וויא אין אות א' דירמאנט זאלל ער זאגין בורא פרי העץ אבער אז ער האט זיך ניט תיכף דירמאנט זאלל ער ניט זאגין בורא פרי העץ, אין אז ער האט גימאכט עץ אויף אפרי פון דער ערד האט ער ניט יוצא געוועהן.

(ו) אז ער האט אברכה גימאכט אין פאר דעם עסין האט ער זיך דירמאנט דאס ער האט נאך קיין הבדלה גימאכט אדיר ער איז אין אתענית זאלל ער עסין ווייניגער פון אכזית אין אז ער האט זיך דירמאנט אז דאס איז אתענית פון די פיר תעניתים

דהיינו

דהיינו שבעה עשר בתמוז, תשעה באב צום גדליה, עשרה בטבת טאהר מען ניט עסין אין ער זאלל זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אין אז נאך דער המוציא האט ער זיך דערמאנט אז דאס ברויט איז פון איין גוי מעג ער עסין אכזית, אבער אז ער האט זיך דירמאנט דאס דיא זאך איז איין איסור טאר ער ניט עסין נאר ער זאלל זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

(ז) אז ער האט גימאכט שהכל אויף אלדינג האט ער יוצא גיוועהן, אין אז ער האט גימאכט מזונות אויף אלדינג חוץ פון וואסיר אין זאלץ האט ער יוצא גיוועהן.

(ח) אז ער איז מסופק צי ער דארף מאכין דיא ברכה צי ניטט זאלל ער ניטט מאכין, נאר אז דער ספק איז דארך דער ערשטער ברכה וואס ער האט גימאכט אויף אזאליכי זאכין וואס מען מאכט אויף זייא בורא נפשות איז אתקנה ער זאלל ארוים גיין אין אריין קימען כדי עס זאלל זיין אהפסק וויא עס שטייט ווייטער אין שער כ׳ אין מאכין דיא ברכה, אין אז דער ספק איז אויף דער נאך ברכה צי ער האט שוין גימאכט אדיר צי ער האט גיגעסין איז אתקנה ער זאלל נאך עסין פון דעם מין בשיעור.

(ט) אז מען איז מסופק וואס פיר איין ברכה מען זאלל מאכין, זאלל מען מאכין שהכל, אין אז מען קאן עס עסין אין דער סעודה איז בעסיר, אין אז ער איז מסופק צי ער זאלל מאכין עץ צי אדמה זאלל ער מאכין אדמה, נאר אז ער איז מסופק מחמת ער האט ניט גילערינט טאר ער ניט עסין ביז ער זאלל גיין צו אתלמיד חכם ער זאלל עהם זאגין וואס פיר איין ברכה ער זאלל מאכין אין אז ער גייט נישט אין מאכט איין שהכל הייסט ער אבור וואס אונזערע חכמים האבין עהם גישאלטין.

( ) אז ער האט אנגיהויבין צו זאגין ברוך אתה ד׳, אין האט זיך דירמאנט דאס ער דארף ניט מאכין דיא ברכה זאלל

עֶר זָאגִין לַמְדֵנוּ חוּקֶיךָ אָבֶּער אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט אֱלֹהֵינוּ זָאלל עֶר נִיט זָאגִין לַמְדֵנוּ חוּקֶיךָ נָאר אַז עֶר הָאט אֵיין אַנְדֶערֶע זַאךְ צִי מַאכִין אוֹיף עֶהם אַבְּרָכָה זָאלל עֶר אוּים לָאזִין דִיא בְּרָכָה אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ, אִין אַז נִיט זָאלל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד ׃

## שַׁעַר כ דִינִים פִין מְשַׁנֶה מָקוֹם אִין מִיטִין עֶסִין

(א) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט הַמוֹצִיא מָאהר מֶען נִישְׁט אַוֶועק פִין דֶעם אָרְט בִּיז עֶר וֶועט בֶּענְטשִׁין מָאמִיר וֶועט עֶר פַארְגֶעסִין צִירִיק צִי קִימֶען צִי בֶּענְטשִׁין צַאדִין וֶועגִין אַמִצְוָה וָואס אַז עֶר וֶועט נִיט טָאהן יֶעצְט וֶועט עֶר זִיא אָהנְוֶוערִין, אִין אַז עֶר וִויל גֵיין אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט עֶסִין אַז עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט בְּשַׁעַת הַמוֹצִיא צִי גֵיין מֶעג עֶר אִין זָאלל עֶסִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין אָרְט אַכְּזַיִת בְּרוֹיט, אִין אַז עֶר וִויל אַרוֹיס אִין זָאלל תֵּיכֶּף צִירִיק קִימֶען מֶעג עֶר ׃

(ב) אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט הַמוֹצִיא אִין אִיז גִיגַאנְגִין אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט אִין וִויל דָארְטִין עֶסִין אָדִיר עֶר אִיז צִירִיק אוֹיף זַיין אָרְט אִין וִויל נָאךְ עֶסִין דַארְף עֶר נִישְׁט מַאכִין הַמוֹצִיא צַאדִין עֶר הָאט מֵסִיחַ דַעַת גִיוֶועהן זָאלל עֶר מַאכִין הַמוֹצִיא אִין זָאלל נִישְׁט בֶּענְטשִׁין בִּיז נָאךְ דֶעם אַנְדִירִין עֶסִין, אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין וֵוייִנִיגֶער פִין אַכְּזַיִת בְּרוֹיט אִין אִיז אַרוֹיס אִין צִירִיק גִיקִימֶען אָדִיר אִיז גִיגַאנְגִין אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט דַארְף עֶר מַאכִין הַמוֹצִיא אַז עֶר וִויל עֶסִין ׃

(ג) וֶוער עֶס הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט הַמוֹצִיא אִין אִיז אַוֶועק אִין הָאט נִישְׁט גִיבֶּענְטשְׁט אַז עֶר הָאט צִי עֶסִין אַכְּזַיִת בְּרוֹיט אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין אָרְט זָאלל עֶר עֶסִין אִין בֶּענְטשִׁין אִין אַז נִיט דַארְף עֶר זִיךְ אִימְקֶערִין אוֹיף זַיין אָרְט בֶּענְטשִׁין, אִין אַז עֶר דַארְף גֵיין אִין וֶועג אִין דִיא חַבְרוּתָא וִויל נִיט וַוארְטִין, אַז עֶר אִיז אַרוֹיס אִימְגֶערִין דַארְף עֶר זִיךְ נִיט אִימְקֶערִין נָאר זָאל

בענטשין

בְּעֶנְטְשִׁין דָארְט אָבֶּער אַז עֶר אִיז מִיט וִוילֶען גֶערִין אַרוֹיס גִיט גִיבֶּעֶנְטְשְׁט דַארְף עֶר זִיךְ אִימֶּקְרִין נָאר אַז עֶר אִיז שׁוֹין וַואט פוּן זַיין אָרְט דָאס בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אִימֶּקֶעדִין וֶועט פַארְצֶערְט וֶוערִין דָאס עֶסִין זָאלל עֶר בֶּעֶנְטְשִׁין תֵּיכֶּף אוֹיף דֶעם אָרְט.

(ד) דִיא זַאכִין וָואס מֶען דַארְף מַאכִין אוֹיף זַייא עַל הַמִחְיָה אָדִיר עַל הָעֵץ אָדִיר עַל הַגֶּפֶן דַארְף מֶען לְכַתְּחִילָה מַאכִין דִיא נָאךְ בְּרָכָה אוֹיף דֶעם אָרְט וְויא עֶר הָאט גִיגֶעסִין אֲפִילוּ עֶר וִויל גֵיין נָאךְ עֶסִין אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט זָאל עֶר דָארְט מַאכִין דִי עֶרְשְׁטִי בְּרָכָה אִין אַזֶוער הָאט נִישְׁט גִימַאכְט קֵיין נָאךְ בְּרָכָה אִין אִיז אַוֶועק דַארְף עֶר זִיךְ נִיט אִימֶּקֶערִין נָאר זָאלל מַאכִין דִיא נָאךְ בְּרָכָה דָארְט וְויא עֶר אִיז, אִין אַז עֶר וִויל עֶסִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין אָרְט פוּן דֶעם מִין דַארְף עֶר נִישְׁט מַאכִין דִיא עֶרְשְׁטִי בְּרָכָה אִין דֶער נָאךְ זָאלל עֶר מַאכִין אֵיין נָאךְ בְּרָכָה.

(ה) דִיא זַאכִין וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף זַייא בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכִין אוֹיף דֶעם אָרְט וְויא מֶען עֶסְט נָאר אַז עֶר וִויל גֵיין עֶסִין פוּן דֶעם מִין אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט דַארְף עֶר נִישְׁט מַאכִין קֵיין נָאךְ בְּרָכָה נָאר אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין אָרְט דַארְף עֶר מַאכִין דִיא עֶרְשְׁטִי בְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין דִיא נָאךְ בְּרָכָה, אִין אַז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין אָרְט אִין הָאט נִיט גִימַאכְט קֵיין נָאךְ בְּרָכָה דַארְף עֶר זִיךְ נִיט אִימֶּקֶערִין אִין זָאלל מַאכִין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת וְויא עֶר אִיז, אִין אַז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטִיבּ וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסִין אִין אִיז תֵּיכֶּף צִירִיק גִיקוּמֶען אִין וִויל נָאךְ עֶסִין פוּן דֶעם מִין דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין אַבְּרָכָה חָאטְשִׁי עֶר הָאט קֵיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת נִיט גִימַאכְט אִין זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶועזִין נָאךְ צִי עֶסִין אִין אֲפִילוּ עֶר הָאט גִיהַאלְטִין דָאס עֶסִין וַוארְק אִין דִיא הֶענְד, נָאר אַז עֶר אִיז גִיגַאנְגִין עֶסִינְדִיק דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין מִיט אַנְדֶערֶע אִינְאֵיינִים אִין וֶוען עֶר אִיז צִירִיק

גיקומען

געקומען האט ער נאך געטראפין די אנדערע ביים טיש דארף ער ניט מאכין קיין ברכה, און אז ער האט קובע געווען אויף די זאכין וואס מען איז זיך אויף זיא קובע געווען דהיינו בער, מעט, און איז ארויס אויף דער גאס ער זאל תיכף צוריק דארף ער ניט מאכין קיין ברכה.

(י) צוויא חדרים וואס זענין אין איין שטוב אז זיין דאגט איז געווען בשעת ברכה צו גיין אין אנדערן חדר האבין זיא דעם דין פון איין חדר און אז זיין דעה איז ניט געווען האבין זיא דעם דין צוויא שטיבער.

(ז) אז מען זעהט פון דעם אנדערן ארט דאס ערשטע ארט וואס ער האט א ברכה געמאכט הייסט ניט משנה מקום געווען אפילו ער זעהט עס דארך דעם פענצטער אפילו ער זעהט נאר א ביסל פון דעם ערשטין ארט איז אזוי וויא איין ארט.

(ח) וועגסלאט מעגין עסין געענדיק און צום פערטיגין זאלין זיא זיך אנידער זעצין, און אז זיא האבין אויף געהערט צו עסין און זענין וואטיר געגאנגין און ווילען נאך עסין אז זיא האבין געגעסין ברויט וואס מען מאכט המוציא דארפין זיא ווייטער המוציא מאכין און אז זיא האבין געגעסין אנאלידי זאכין וואס די נאך ברכה איז על המחיה אדער על העץ אדער על הגפן און זיא ווילין נאך עסין ברויט זיא אויך ניט צו מאכין די ערשטע ברכה וויא עס שטייט אין אות ד׳ אבער אז זיא האבין געגעסין אנדערי זאכין וואס די נאך ברכה איז בורא נפשות און זיא זענין אוועק פון דעם ארט וואס זיא האבין געגעסין אזוי ווייט דאס מען זעהט שוין ניט דאס ערשטע ארט וויא עס שטייט אין אות ז׳ דארפין זיא נאך אמאהל א ברכה מאכין.

(ט) אז מען האט געגעסין אין פעלד וואס עס איז ניטשט דא קיין מחיצות און איז געגאנגין אויף איין אנדער ארט וואס ער זעהט ניט פון דארט דאס ערשטע ארט הייסט דאס משנה

מקום

מָקוֹם גְיֶוועהן אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא מְחִיצוֹת הֵייסְט נִיט מְשַׁנֶה מָקוֹם גְיֶוועהן ׃

(י) אַז מֶען אִיז גְוֶועהן אִין אַגָארְטִין אִין הָאט גְגֶעסִין פֵּירוֹת פוּן אֵיין בּוֹים אִין נָאךְ דֶעם ווִיל עֶר עֶסִין פֵּירוֹת פוּן אֵיין אַנְדִירִין בּוֹים אַז זַיין דֵעה אִיז נִיט גְוֶועהן בְּשַׁעַת בְּרָכָה אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין בּוֹים דַארְף עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז זַיין דֵעה אִיז גְוֶועהן צוּ עֶסִין פוּן דִיא אַנְדִירֶע בֵּיימֶר אוֹיךְ דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צְוַאדִין דֶער גָארְטִין אִיז נִיט אַרוּם גְיצֵוימְט אִין דֶער אַנְדִירֶער בּוֹים אִיז ווַייט וָואס עֶר זֶעהט נִיט פוּן דָארְט דָאס דָאס אָרְט וָואס עֶר הָאט אַבְּרָכָה גְמַאכְט דַארְף עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר קוּמְט אִין אֵיין אַנְדִירִין גָארְטִין דַארְף עֶר אוֹיף אַלֶע פֶעל אַבְּרָכָה מַאכִין ׃

---

## שַׁעַר כ״א דִינִים פוּן דֶער סְעוּדָה ׃

(א) אַז מֶען הָאט גְגֶעסִין בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט הַמוֹצִיא אִין ווִיל עֶסִין אַזָאלִיכִי זַאכִין וָואס אִיז דֶער סֵדֶר צוּ עֶסִין זֵייא מִיט בְּרוֹיט דְהַיְינוּ פְלֵייש, פִישׁ, אֵייעֶר, גְרִין וַוארְג, קֶעז, מִילִיךְ, הֶערִינְג, יאהךְ, אָדִיר אַזָאלִיכִי זַאכִין וָואס מַאכִין אַפֵּיטִיט צוּם עֶסִין, אָדִיר אַזוֹינֶע זַאכִין וָואס עֶס אִיז אֵיין שְׁפֵּייז מֶען עֶסְט עֶס כְּדֵי מֶען זָאל זַאט זַיין, דַארְף מֶען אוֹיף זֵייא קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אֲפִילוּ מֶען עֶסְט זֵייא אָהן בְּרוֹיט, אָבֶּער אַז מֶען עֶסְט אַזָאלִיכִי זַאכִין וָואס אִיז נִיט דֶער סֵדֶר צוּ עֶסִין מִיט בְּרוֹיט, אִין עֶס אִיז נִיט צוּ מַאכִין אַפֵּיטִיט אִין מֶען עֶסְט עֶס נִיט אוֹיף זַאט זַיין נָאר פַאר תַּעֲנוּג אָדִיר צוּ פַאר דֵייעֶן דָאס עֶסִין דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין אֲפִילוּ זֵייא זֶענִין גְוֶועהן אוֹיף דֶעם טִישׁ בְּשַׁעַת מֶען הָאט גְמַאכְט הַמוֹצִיא ׃

(ב) אַז מֶען עֶסְט פֵּירוֹת אִין מִיטִין דֶער סְעוּדָה אָהן בְּרוֹיט אֲפִילוּ זֵייא זֶענִין גְיקָאכְט מִיט פְלֵייש דַארְף מֶען מַאכִין אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט גְגֶעסִין מִיט בְּרוֹיט דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין

אין

אין אז ער האט גיגעסין אין אנהייב מיט ברויט אין נאך דעם אהן ברויט איז אספק איבער דעם זאלל ער עסין אין אנהייב אהן ברויט אין זאלל מאכין אברכה אדיר ער זאלל עסין פאר דעם וואשין פירות ווייניגער פון אכזית, אין אז ער האט ניט צי עסין מיט ברויט נאר פירות זאלל ער עסין פון אנהייב אביסל מיט ברויט אהן אברכה אין נאך דעם מעג ער עסין אפילו אהן ברויט.

(ג) עפיל פלאדין אין מיטין דער סעודה טאהר מען קיין ברכה מאכין איבער דיא פירות אפילו מען נעמט זייא ארויס פון דעם פלאדין.

(ד) בעריקים (צוויקעל) מיט פלאמין אדיר רייז מיט ראזשינקים אין דער סעודה טאהר מען קיין ברכה מאכין אויף* פירות אפילו מען נעמט זייא ארויס פון דעם צימעס* צאדין ער וויל ניט עסין פון דעם צימעס נאר דיא פירות אליין, אדיר דיא פלאמין אין דיא ראזשינקים זענין דאס רוב ברויך ער אברכה צי מאכין אויף דיא פירות.

(ה) אז מען האט אברכה גימאכט אויף פירות אין דער סעודה אין נאך דעם וויא ער האט זייא אויף גיגעסין האט מען גיברענגט נאך פירות אדיר ער איז גיגאנגין אויף איין אנדיר ארט אין וויל עסין נאך פירות דארף ער קיין ברכה מאכין נאר אז ער האט אין זין גיהאט ער זאל שוין ניט עסין מעהר פירות אין נאך דעם האט ער זיך בארא‌טין צי עסין נאך, אדיר מען מען האט עם גיברענגט פירות וואס זענין מעהר חשוב פון דיא ערשטי דארף ער מאכין אברכה וויא עם שטייט אין שער א׳ אות כב.

(ו) אז מען האט אברכה גימאכט אויף פירות פאר דער סעודה אין מען האט נישט גימאכט קיין ברכה אחרונה דארף מען קיין ברכה מאכין אויף דיא פירות אין דער סעודה נאר אז מען איז ארויס פאר דער סעודה דארף מען אברכה מאכין

אויף

---

*אויף דיא פירות *צימעס - צושפייז

אויף דיא פירות אין דער סעודה אבער אז ער האט גיגעסין פון דיא פירות אין דער סעודה אין דיר נאך איז ער ארויס גינאנגין דארף מען קיין ברכה מאכין, און וועגין דער נאך ברכה פון פירות וואס מען עסט פאר דער סעודה שטייט אין שער יז.

(ז) גיקאכטי פירות אז מען עסט מיט פלייש דהיינו אגרישין אדיר פאווידיל אפילו אהן ברויט דארף מען קיין ברכה מאכין אויף זייא.

(ח) שאלאטין אדיר איגערקים (איטארקין) אדיר אנדיר גרין ווארק אז מען עסט זייא רויער הייט אין דער סעודה אהן ברויט דארף מען אברכה מאכין, אבער גיזייערטי אבער גיקאכטי דארף מען קיין ברכה מאכין, אין אז מען עסט זייא מיט פלייש דארף מען אויף אללע פעלל קיין ברכה מאכין וייל זייא זענין אטפל צים פלייש.

(ט) קרויט, בעריקים (צוויקיל), באנדליך, אז מען עסט אין דער סעודה דארף מען קיין ברכה מאכין, אין אז מען עסט ארבים אהן ברויט איז אספק אין אז מען עסט דיא ארבים אין אנהייב אין צים סוף מיט ברויט ברויך מען אודאי ניט אברכה צו מאכין.

(י) גיבעקם אדיר שטראדיל אין דער סעודה שטייט דער דין אין שער ט'.

(יא) אויף וויין דארף מען מאכין אברכה אין דער סעודה נאר אז ער האט גימאכט אברכה אויף וויין פאר דער סעודה אפילו ער האט קידוש גימאכט דארף מען קיין ברכה מאכין אין דער סעודה, אבער אז ער האט הבדלה גימאכט פאר דער סעודה אויף וויין איז אספק צו ער דארף מאכין אברכה אויף דעם וויין וואס טרינקט אין דער סעודה, איבער דעם זאלל מען מאכין על הגפן נאך דער הבדלה אז ער האט געטרינקען ארביעית, אין זאלל אברכה מאכין אויף דעם וויין וואס ער טרינקט אין דער סעודה אדיר ער זאלל אין זין האבין ווען ער

מאכט

מאכט הבדלה דאס ער זאלל מיט דער ברכה ניט פטרין דעם וויין וואס ער וועט טרינקן אין מיטען דער סעודה און אז ער האט ניט גימאכט על הגפן פאר דעם וואשין און האט ניט אין זין גיהאט ווען ער האט הבדלה גימאכט ער זאלל ניט פטרין דעם וויין פון דער סעודה און וויל טרינקן וויין אין מיטען דער סעודה זאלל ער ניט קיין ברכה מאכין.

(יב) אז מען טרינקט וואסיר אדיר אנדירי משקה אין דער סעודה דארף מען נישט קיין ברכה מאכין, און אז מען טרינקט בראנפין צו מאכין זיך איין אפיטיט דארף מען נישט מאכין קיין ברכה און אז זיין כוונה איז צו פארדייען דאס עסין אדיר וויל ער האט עהם ליב דארף מען מאכין אברכה, און אז מען האט אברכה גימאכט אויף וויין דארף מען קיין ברכה מאכין אויף אנדירע משקה און עס איז רעכט מען זאל טרינקין פאר דער סעודה אביסל וויין אדיר אביסל אנדירע משקה וויניגער פון אכזית נאך דעם דארף מען שוין ניט מאכין אברכה אויף קיין שום משקה אין דער סעודה.

(יג) אז מען טרינקט שווארצין קאפע אדיר טייע אין דער סעודה אדיר פאר דעם בענטשין כדי עס זאלל פארצערין דאס עסין דארף מען מאכין אשהכל נאר עס איז גלייך מען זאלל אברכה מאכין אויף אשטיקעל ציקער און אויך צו עסין פאר דעם שווארצין קאפע אדיר פאר דיא טייע נאר אז מען האט געטרינקין וויין דארף מען קיין ברכה מאכין אויף דעם קאפע אדיר אויף דיא טייא.

(יד) אז מען עסט ציקער אדיר האניק אין דער סעודה אהן ברויט דארף מען אברכה מאכין נאר אז ער עסט כדי ער זאלל קאנין טרינקין אמשקה וואס ער ברויך אויף דער משקה ניט אברכה צו מאכין אדיר ער פאר באסט נאך דעם טרינקין דארף ער קיין ברכה מאכין.

(טו) אז מען האט עהם גישיקט פון איין אנדיר ארט עסין

וואָרק אין דער סעודה איז דעות אויב מען ברויך א ברכה צו מאכין אפילו אויף אזאליכי זאכין וואס דער סדר איז צו עסין מיט ברויט וויא עס שטייט אין אות א׳ נאר דיא וועלט איז אין דעם ניט נזהר ווייל מן הסתם איז דיא דעה פון אמענטש אויף אללעס וואס מען ברענגט איהם אין דער סעודה צו עסין נאר אז ער האָט אין זין געהאט ניט צו עסין פון איין אנדיר אָרט דאַרף ער א ברכה מאכין נאר אז ער עסט עס מיט ברויט דאַרף ער קיין ברכה מאכין.

(טז) אז ער וויל ניט עסין קיין ברויט נאר ער עסט אכזית כדי ער זאָלל פטרין אנדירע מאכלים איז אספק צו עס פטורט איבער דעם איז בעסיר ער זאָלל ניט עסין קיין ברויט נאר ער זאָלל א ברכה מאכין אויף דיא מאכלים, נאר שבת און יום טוב פטורט ער דיא אנדירי מאכלים אפילו מיט אכזית ברויט האָטשי ער דאַרף ניט עסין קיין ברויט ווייל ער איז מחויב צו עסין ברויט.

(יז) אפילו אויף דיא זאכין וואס מען דאַרף א ברכה מאכין אין דער סעודה דאָס איז נאר דיא ערשטי ברכה אָבער קיין נאָך ברכה דאַרף מען ניט מאכין.

---

## שער כב אז זיין מחשבה איז ניט צו עסין מעהר

(א) אז ער האָט זיך געוואַשין מיט מים אחרונים אָדיר ער האָט גענומין דאָס כוס אין דיא הענד צו בענטשין מאָר ער ניט עסין אָדיר טרינקין ביז ער וועט בענטשין, און אז ער וויל עסין אָדיר טרינקין דאַרף ער נאָך אמאהל א ברכה מאכין און נאָך דעם עסין זאָלל ער מאכין אנאָך ברכה, און אז ער וויל עסין ברויט זאָלל ער זיך וואַשין און ניט מאכין על נטילת ידים און מאכין המוציא, און פאַר דעם בענטשין זאָל ער זיך נאָך אמאל וואַשין מיט מים אחרונים.

(ב) אז נאָך דעם עסין האָט ער געזאָגט מיר וועלין בענטשין

אין

## אַז זַיין מַחֲשָׁבָה אִיז נִיט צֻי עֶסִין מֶעהר

אִין הָאט זִיךְ נִיט גִיוַואשִׁין מִיט מַיִם אַחֲרוֹנִים, אִיז אַסָפֵק צֻי עֶר מֶעג עֶסִין אָהן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר דַארְף גֵייטִיג עֶסִין זָאלל עֶר עֶסִין אָהן אַבְּרָכָה, אָבֶּער אַז עֶר וִויל טְרִינְקֶען דַארְף עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה נָאר קֵיין נָאךְ בְּרָכָה דַארְף עֶר נִיט מַאכִין אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אִין דָארְף דֶעם אַנְדִירִין עֶסִין אִיז עֶר דַארְשְׁטִיק גִיוָארִין דַארְף עֶר אוֹיף דֶעם טְרִינְקִין קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז בְּשָׁעַת עֶר הָאט גִיזָאגְט הָאט עֶר אִין זִין גִיהַאט נָאךְ צֻי עֶסִין אִין טְרִינְקִין דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז אֵיין אַנְדִירִיר אִיז גִיזֶעסִין בֵּייא דֶעם טִישׁ מִיט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת אִין דֶער אַנְדִירִיר הָאט גִיזָאגְט מִיר וֶועלִין בֶּענְטְשִׁין מֶעג עֶר נָאךְ טְרִינְקִין אִין אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גִיזָאגְט מִיר וֶועלִין בֶּענְטְשִׁין טָאהרִין זֵייא נִיט טְרִינְקִין נָאר אַז זֵייא הָאבִּין נִיט מַסְכִּים גִיוֶועהן מֶעגִין זֵייא טְרִינְקֶען אִין דֶער בַּעַל הַבַּיִת טָאהר נִישְׁט אִין אַז בְּשָׁעַת דֶער אַנְדִירִיר הָאט גִיזָאגְט הָאט עֶר אִין זִין גִיהַאט בְּפֵירוּשׁ עֶר זָאלל שׁוֹין מֶעהר נִיט עֶסִין אַפִילוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֶועט וֶועלִין, טָאהר עֶר נִיט טְרִינְקִין אָהן אַבְּרָכָה.

(ג) אַז נָאךְ דֶעם עֶסִין הָאט עֶר אִין זִין גִיהַאט דָאס עֶר זָאל יֶעצְט נִיט עֶסִין מֶער, אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ בַּארַאטִין עֶר זָאלל נָאךְ עֶסִין דַארְף עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה חָאטְשִׁי עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט קֵיין נָאךְ בְּרָכָה פְרִיעֶר, נָאר אַז עֶר הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין צֻי בְּרוֹיט אִין הָאט נִיט גִיבֶּענְטְשְׁט דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה צֻאדִין עֶר הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין מִיט מַיִם אַחֲרוֹנִים אָדִיר עֶר הָאט גִיזָאגְט מִיר וֶועלִין בֶּענְטְשִׁין וִויא דֶער דִין שְׁטֵייט אִין אוֹת א' אִין אוֹת ב', נָאר אַז נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט דָאס עֶר זָאלל מֶעהר נִיט עֶסִין אִיז עֶר אַוֶועק פוּן דֶעם אָרְט אִין נָאךְ דֶעם וִויל עֶר וַואטִיר עֶסִין דַארְף עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין חָאטְשִׁי עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִיבֶּענְטְשְׁט.

(ד) אַז מֶען הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין דָאס בְּרוֹיט בֵּייא דֶער

### אַז זַיין מַחְשָׁבָה אִיז נִיט צוּ עֶסְן מֶעהר

סְעוּדָה אִין מֶען הָאט גִישִׁיקְט בְּרֶענְגִין בְּרוֹיט פוּן אֵיין אַנְדִיר אָרְט דַארְף מֶען נָאךְ אַמָאהל הַמוֹצִיא, נָאר אַז זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶועהן בִּשְׁעַת הַמוֹצִיא* דָאס עֶר זָאלל נָאךְ שִׁיקֶען נָאךְ בְּרוֹיט אַדִיר עֶר מִיט אַזוֵי אַסַאךְ מָאהל דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר הָאט גִיבְּרֶענְגְט בְּרוֹיט פוּן דֶער שְׁטִיבּ אֲפִילוּ פוּן אֵיין אַנְדִיר חֵדֶר דַארְף עֶר אוֹיף אַלֶע פַעל קֵיין הַמוֹצִיא מַאכִין.

(ה) אַז מֶען הָאט עֶהם אֵיינְגִילָאדִינְט צוּ עֶסִין פֵּירוֹת דַארְף עֶר נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר אוֹיף דִיא עֶרְשְׁטֵי פֵּירוֹת, נָאר אַז עֶר הָאט אֵינְזִין גִיהַאט דָאס עֶר זָאל שׁוֹין מֶער נִיט עֶסִין אֲפִילוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֶועט עֶהם נָאךְ גֶעבִּין, אִין נָאךְ דֶעם וַויל עֶר נָאךְ עֶסִין דַארְף עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ו) אַז אֵיינֶער אִיז גִיקוּמֶען וִויא מֶען עֶסְט אִין טְרִינְקְט אִין מֶען הָאט עֶהם גִיגֶעבִּין אַכּוֹס וֵויין צוּ טְרִינְקִין אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען עֶהם נָאךְ גִיגֶעבִּין אֵיין כּוֹס דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל אַבְּרָכָה מַאכִין, נָאר וִויא דֶער מִנְהָג אִיז אַז מֶען גִיט דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אַסַאךְ כּוֹסוֹת דַארְף עֶר נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין כּוֹס, אָבֶּער דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זִיצֶען בֵּייא דֶער סְעוּדָה דַארְפִין נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין כּוֹס, צַאדִין עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט דָאס עֶר זָאלל נִיט טְרִינְקִין נָאר דָאס כּוֹס אִין נָאךְ דֶעם וַויל עֶר נָאךְ טְרִינְקִין דַארְף עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ז) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אַכּוֹס מַשְׁקֶה אִין הָאט אִין זִין גִיהַאט בִּשְׁעַת בְּרָכָה דָאס עֶר זָאלל מֶעהר נִישְׁט טְרִינְקֶען אִין נָאךְ דֶעם וַויל עֶר נָאךְ טְרִינְקֶען דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר אַז דַארְף דֶעם עֶסִין אִיז עֶר דַארְשְׁטִיק גִעוָוארִין אִין וַויל נָאךְ טְרִינְקֶען דַארְף עֶר נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכִין.

(ח) אֵיין שַׁמָשׁ דַארְף אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף אֵיעֶדִירִין כּוֹס וואס

---

* מאכן המוציא

## אַז זַיין מַחֲשָׁבָה אִיז נִיט צוּ עֶסְן מֶעהר

וָואס מֶען גִיט עֶהם צַאדְרִין עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט בִּשְׁעַת בְּרָכָה אוֹיף אַלֶע כּוֹסוֹת וָואס מֶען וֶועט עֶהם גֶעבִּין.

(ט) אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועזִין נָאר אַבִּיסֶל מַשְׁקֶה אִין שְׁטוּב אִין בִּשְׁעַת בְּרָכָה הָאט עֶר נִישְׁט אִין זִין גִיהַאט צוּ שִׁיקֶען נָאךְ אַנְדִירִי מַשְׁקֶה אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִישִׁיקְט נָאךְ אַנְדֶערִי מַשְׁקֶה אָדִיר מֶען הָאט עֶהם גִישִׁיקְט מַשְׁקֶה פִין אֵיין אַנְדִיר אָרְט דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר בַּייא אַגְרוֹיסִיר סְעוּדָה דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(י) אֲפִילוּ וֶוען עֶר דַארְף מַאכִין נָאךְ אָמָאהר אַבְּרָכָה, דַארְף עֶר נִיט מַאכִין נָאר דִיא עֶרְשְׁטִי בְּרָכָה אָבֶּער דִיא נָאךְ בְּרָכָה דַארְף עֶר נִישְׁט מַאכִין נָאר נָאךְ דֶעם אַנְדִירִין עֶסִין.

## שַׁעַר כג דִינִים פִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב

(א) אַז צְוֶוייא אָדִיר מֶעהר טְרִינְקִין וויין אִין דֶער וַויין אִיז בְּשׁוּתְּפוּת זַייא הָאבִּין אַלֶע אַחֵלֶק אִין דֶעם וַויין, אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִיבְּרֶענְגְט אַנְדִיר מִין וויין בִּיז עֶס אִיז נָאךְ גִיוֶועזִין פִין דֶעם עֶרְשְׁטִין וַויין, אֲפִילוּ מֶען ווייסְט נִיט אַז דֶער אַנְדִירִיר וַויין אִיז בֶּעסִיר אַז מֶען ווייסְט נִיט דָאס עֶר אִיז אַרְגִיר אִין זַייא זֶענִין בְּשׁוּתְּפוּת אִין דֶעם אַנְדֶערִין וַויין אוֹיךְ דַארְף מֶען מַאכִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין וַויין (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב) דָאס אִיז טַייטְשׁ (הַטּוֹב) וָואס עֶר טוּט גוּטְץ מִיר (וְהַמֵּטִיב) אִין טוּט גוּטְס מִיט אַנְדִירֶע אִין אַז דֶער וַויין אִיז נִיט בְּשׁוּתְּפוּת מַאכְט מֶען נִישְׁט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב צַאדְרִין מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִיא פְלַאשׁ אוֹיף דֶעם טִישׁ אִין דִיא אַנְדִירֶע הָאבִּין אוֹיךְ רְשׁוּת צוּ נֶעמִין פִין עֶהם, אִין אַז אֵיינֶער אַלֵיין טְרִינְקְט מַאכְט מֶען נִיט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

(ב) אַז מֶען הָאט גִיטְרִינְקִין אַלְטִין וַויין אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִיבְּרֶענְגְט נַייעס וויין מַאכְט מֶען נִיט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב צַאדְרִין

מען

מֶען ווייסְט אַז דֶער נַייעֶר וויין אִיז אַזוֹי גוּט וויא דֶער אַלְטִיר.

(ג) אַז דֶער עֶרְשְׁטִיר וויין אִיז וַויִיס אִין דֶער אַנְדִירִיר אִיז רוֹיט מַאכְט מֶען נִיט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב צַאדִין מֶען ווייסְט אַז דֶער רוֹיטֶער וויין אִיז בֶּעסִיר פִון דֶעם וַויִיסִין, אִין אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער וויין אִיז רוֹיט אִין דֶער אַנְדֶערִיר אִיז וַויִיס מַאכְט מֶען הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב חָאטְשֵׁי דֶער ווייסִיר וויין אִיז אַרְגִיר אִין אַז דֶער ווייסֶער אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ טְרִינְקֶען נָאר בְּדוֹחַק מַאכְט מֶען נִישְׁט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

(ד) אַז עֶר זִיצְט בַּייא דֶעם טִישׁ מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדִיר אִין טְרִינְקִין וויין דַארְף מֶען מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין וויין.

(ה) אַז פִון דֶעם עֶרְשְׁטִין וויין הָאט נִישְׁט גִיטְרִינְקִין נָאר אֵיינִיר, אָדִיר פִון דֶעם אַנְדִירִין וויין ווִיל נִיט טְרִינְקֶען נָאר אֵיינִיר אָדִיר פְרִיר הָאט יֶעדִירִיר גִיטְרִינְקִין פִון זַיין וויין אִין דִיר נָאךְ הָאט אֵיינִיר גִיגֶעבִּין דֶעם אַנְדִירִין פִון זַיין וויין צוּ טְרִינְקִין אָדִיר עֶר הָאט אַרוֹיף גִילֵייגְט אוֹיף דֶעם טִישׁ דֶעם וויין אִיז אַסְפֵק צוּ מֶען זָאלל מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען נִישְׁט מַאכִין.

(ו) אַז צְוֵוייא טְרִינְקֶען וויין יֶעדִירִיר אִין זַיין חֶדֶר חָאטְשֵׁי דֶער וויין אִיז בְּשׁוּתְּפוּת אִין מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט אַנְדִירִין וויין דַארְף מֶען נִיט מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

(ז) אַז מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט צְוֵוייא מִינִים וויין אוֹיף דֶעם טִישׁ זָאלל מֶען מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אוֹיף דֶעם בֶּעסִירִין אִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין זָאלל מֶען נִיט מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אִין אַז מֶען הָאט גִימַאכְט אוֹיף דֶעם גִימֵיינִירִין הַגָּפֶן זָאלל מֶען מַאכִין אוֹיף דֶעם בֶּעסִירִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אִין אַז מֶען ווייסְט נִיט וועֶלִיכִיר אִיז בֶּעסִיר זָאלל מֶען אַרָאפּ נֶעמִין פִון דֶעם טִישׁ אֵיין מִין וויין אִין מֶען זָאלל קוֹדֶם מַאכִין הַגָּפֶן אוֹיף דֶעם וואס אִיז אוֹיף דֶעם

טִישׁ

מִיש אִין נָאךְ דֶעם זָאל מֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם אַנְדִירִין אִין מַאכִין הַטוֹב וְהַמֵטוֹב.

(ח) אֵיין מִין וַויין וָואס מֶען הָאט עֶהם גִילֵייגְט אִין צְוֵוייא פֶּעסִיר פַאר דִיא פֶערְצִיג טֶעג פוּן דֶער לֵעז הָאט עֶס דֶעם דִין פוּן צְווייא מִינִים אָבֶּער אַז מֶען הָאט עֶהם גִילֵייגְט אִין דִיא פֶּעסִיר נָאךְ דִיא פֶערְצִיג טֶעג פוּן דֶער לֵעז הֵייסְט דָאס אֵיין מִין וַויין.

(ט) בֵּייא דִיא סֵדֶר נֶעכְט פוּן פֶּסַח אַז מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט אַנְדִירִין וַויין אוֹיף דֶעם טִיש צִי דֶעם אַנְדִירִין כּוֹס זָאלל עֶר מַאכִין הַטוֹב וְהַמֵטוֹב אִין הַגָפֶן אִין אַז מֶען הָאט גִיבְּרֶענְגְט צִי דֶער סְעוּדָה צְוֵוייא מִינִים וַויין אִיז רֶעכְט דָאס עֶר זָאלל לָאזִין אֵיין מִין צִי דֶעם בֶּענְטְשִׁין אִין אִיז יוֹצֵא מִיט דֶער בְּרָכָה הַטוֹב וְהַמֵטוֹב פוּן דֶעם בֶּענְטְשִׁין.

(י) אַז מֶען הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט אוֹיף אַנְדִיר מִין וַויין דַארְף נִיט מַאכִין הַטוֹב וְהַמֵטִיב אוֹיף דֶעם וַויין, אִין וִויא עֶס אִיז אַסָפֵק צִי מֶען זָאל מַאכִין הַטוֹב וְהַמֵטִיב אִיז רֶעכְט מֶען זָאל עֶס נֶעמִין צִי דֶעם בֶּענְטְשִׁין.

(יא) אַז מֶען הָאט אוּים גִימִישְׁט דֶעם אַנְדֶערִין וַויין מִיט דֶעם עֶרְשְׁטִין וַויין אַז דָאס רוֹב אִיז פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין מַאכְט מֶען נִישְׁט הַטוֹב וְהַמֵטִיב צַאדִין עֶר אִיז בֶּעסִיר גִיוָוארִין אִין אַז דָאס רוֹב אִיז פוּן דֶעם אַנְדֶערִין וַויין מַאכְט מֶען הַטוֹב וְהַמֵטִיב.

(יב) אַז אַסאךְ מֶענְטְשִׁין זֶענִין גִיזֶעסִין בֵּייא אַסוּדָה אִין זֵייא דַארְפִין מַאכִין הַטוֹב וְהַמֵטִיב זָאלל יֶעדִירִיר מַאכִין דִיא בְּרָכָה, אָבֶּער אַז זֵייא הָאבִין נִיט גִיגֶעסִין נָאר גִיטְרִינְקִין זָאל אֵיינֶער מַאכִין דִיא בְּרָכָה הוֹיעךְ אִין אַלֶע זָאלִין נָאךְ זָאגִין אָמֵן אִין זָאלִין מְכַוֵין זַיין יוֹצֵא זַיין.

(יג) אַז מֶען הָאט גִימַאכְט הַטוֹב וְהַמֵטִיב אִין נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִיבְּרֶענְגְט נָאךְ אַנְדִירִין וַויין זָאלל מֶען נָאךְ אַמָאהל

מאכין

מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב נָאר אַז בְּשַׁעַת זַייא הָאבִּין גִימַאכְט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב הָאבִּין זַייא מְכַוֵין גִיוֶועהן יוֹצֵא זַיין אוֹיךְ דֶעם דְרִיטִין וַויין זֶענִין זַייא יוֹצֵא.

(יד) אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט אַזַאךְ וָואס אִיז גוּט פַאר עֶהם אִין פַאר אֵיין אַנְדֶירִין אֲפִילוּ פַאר זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער אִין עֶר ווייסְט דָאס אִיז אֱמֶת אִין עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם זָאלל עֶר מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

(טו) אַז זַיין וַוייבּ הָאט גִיוִוינִין אַזָכָר זָאלִין זַייא מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אֲפִילוּ זַייא הָאבִּין גִיהַאט קִינְדֶער פְרִיעֶר.

(טז) אַז צְוַוייא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין גִיפִינִין אַמְצִיאָה זָאלִין זַייא מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

(יז) אַז אֵיינֶער הָאט גִינוּמִין אַווייבּ וָואס זִיא הָאט אַגְרוֹיס פַארְמֶעגִין זָאלל עֶר מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אִין אַז זִיא אִיז נִיט רָאוּי צוּ עֶהם נָאר וַוייל עֶר אִיז אָעֲנִי הָאט עֶר זִיא גִימוּסְט נֶעמִין זָאלל עֶר מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אִין דַיַן אֱמֶת.

(יח) אַז עֶר הָאט גִיקוֹיפְט כֵּלִים וָואס זֶענִין חָשׁוּב אִין עֶר אִין זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער בַּאנִיצֶען דִיא כֵּלִים זָאלל עֶר מַאכֶען הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

(יט) אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועהן קֵיין רֶעגִין אֵיין לַאנְגֶע צַייט אִין מֶען הָאט גִידַארְפְט נֵייטִיג רֶעגִין אִין עֶס הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ רֶעגְנִין אִין עֶר הָאט גִיהַאט אַפֶעלְד בְּשׁוּתְפוּת מִיט אֵיין אַנְדֶירִין מַאכְט עֶר הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין פֶעלְד בְּשׁוּתְפוּת נָאר זַיינְס אַלֵיין זָאלל עֶר מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ.

(כ) דִיא בְּרָכָה הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב מַאכְט מֶען אֲפִילוּ עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט תֵּיכֶף כָּל זְמַן וָואס דִיא שִׂמְחָה אִיז אִין זַיין הַארְץ, אִין זָאלל זִיךְ שְׁטֶעלִין אַקֶעגִין מִזְרָח אִין זִיךְ בִּיקֶען אִין מַאכִין דִיא בְּרָכָה.

## שַׁעַר כד דִינִים פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ

(א) אַז עֶר זֶעהט אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט עֶהם שְׁטַארְק לִיבּ

אִין

אין פרייד זיך וואס ער זעהט עהם און ער האט עס ניט גיזעהן דרייסיג טאג זאלל ער מאכין ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה דאס איז טייטש (שהחיינו) וואס ער האט מיך גילאזט לעבין (וקיימנו) און האט מיך גילאזט שטיין (והגיענו) און האט מיך דערגרייכט (לזמן הזה) צו דער צייט, און אז ער האט עהם נישט גיזעהן איין יאהר מאכט ער ברוך אתה ד' אמ"ה מחיה המתים און אז ער האט פון עהם גיהערט אדיר בריף ערהאלטין און דעם יאהר מאכט ער ניט מחיה מתים נאר שהחיינו.

(ב) איין מאנזבילט מאכט ניט דיא ברכות אויף איין אשה צאדין אויף זיין וויב און מיטער און שוועסטיר און טאכטר און איין אשה מאכט ניט שהחיינו אויף אמאנזבילט נאר אויף דעם מאן און פאטער און ברידער און זון.

(ג) אזוי מענטש וואס ער האט עהם נישט גיזעהן קיין מאהל מאכט מען נישט אויף עהם קיין שהחיינו און ניט מחיה מתים אפילו זיא האבין איינער דעם אנדירין בריף גישריבין.

(ה) אז מען וויל עסין אנייע פרי וואס ווערט באנייעט אללע יאהר מאכט מען שהחיינו, און אז ער האט גימאכט שהחיינו בשעת ער האט גיזעהן דיא פרי דארף ער ניט מאכין בשעת עסין, און זאל קודם מאכין דיא ברכה פון דער פרי און נאך דעם שהחיינו.

(ה) אז אמענטש זעהט אנייע פרי און עסט ניט פון איהר וועט ער געבין דין וחשבון אויף דעם, נאר אז ער פארכט זיך צו עסין וייל זיא זענין ווערימיק און מען קאן ניט קלויבין גיט דארף מען ניט צו עסין.

(ו) אויף אפרי וואס איז ניט גוט גיצאטיגט טאהר מען קיין שהחיינו מאכין.

(ז) אז ער האט ניט גימאכט אשהחיינו בשעת ער האט גיגעסין דיא פרי טאהר ער ניט מאכין אשהחיינו ווען ער עסט

דאס

דאס אנדירי מאהל פון דער פרי, נאר עס איז גליך צו מאכן שהחינו אייגער פרי וואס ער ברויך צו מאכן אשהחינו אין אין צו פאטרין דיא פרי אויך.

(ח) אזוי פרי וואס וואקסט צוויא מאהל אין יאהר מאכט מען שהחינו יעדירים מאהל ווען ער עסט דאס ערשטי מאהל ווען זיא איז נייא, אין אפרי וואס האט ניט קיין געזעצטי צייט צום וואקסין אדיר וואס זיא שטייט אויף דעם בוים מעהר וויא אין יאהר דהיינו אויף אין אתרוג מאכט מען ניט קיין שהחינו.

(ט) אויף קארשין אין ווינקסיל מאכט מען שהחינו אויף יעדירין, אין אויף צוויא מיני עפיל אדיר צוויא מיני בארין אין אויף צוויא מיני טרויבין אפילו איין מין איז ווייס אין איין מין איז שווארץ איז אספק צו מען זאלל מאכן אויף דעם אנדירין מין אשהחינו איז עס איז גליך צו טוען וויא עס שטייט אין אות ז'.

(י) אויף גרויפין פון נייער תבואה אז מען דירקאנט דאס עס איז פון נייער תבואה מאכט מען אשהחינו אבער אויף ברויט פון נייער תבואה מאכט מען ניט קיין שהחינו.

(יא) אויף רעטיך אוגערקים (אומארקין) אין אויף געקאכטי מייערין אדיר ריבין, מאכט מען אשהחינו אפילו זיא זענין נאך קליין, אבער אויף רויע מייערין אדיר ריבען אדיר בעריקים (צוויקעל), שאלאטין, ריבליך, אדיר גרין וארק מאכט מען ניט קיין שהחינו.

(יב) אויף טריקינע פירות אדיר געפרעגילטי אין האניק אדיר צוקוועטשטי פירות מאכט מען ניט קיין שהחינו.

(יג) באנדליך, ארבים, צוקער־שויטין, מאכט מען נישט קיין שהחינו נאר אז זיא זענין נאך אין דער שאהל אין מען האט זיא געזעצט אין גארטין אויף דער דעה מען זאל זיא עסין מיט דער שאהל מאכט מען שהחינו.

(יד) אז עס איז געוועזין פאר עהם צוויא מיני פירות זאלל

ער

*אויף איינער

עֶר מַאכְין אֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אוֹיף בֵּיידֶי אִין אַז דִיא בְּרָכוֹת וֶוענִין נִיט גְלֵייךְ זָאלל עֶר מַאכִין קוֹדֶם אוֹיף אֵיין פְּרִי אַבְּרָכָה מִיט אַשֶׁהֶחֱיָנוּ אִין עֶסִין אַבִּיסֶל אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה אוֹיף דֶער אַנְדִירִיר פְּרִי אִין עֶסִין׃

(טו) אַז מֶען הָאט גִידַארְפְט נֵייטִיג רֶעגִין עֶס הָאט לַאנְג נִיט גִירֶעגִינְט אִין עֶס הָאט אָנְגִיהוֹיבִין צִי רֶעגִינִין אִין עֶר הָאט גִיהַאט אַלֵיין אַפֶעלְד זָאל עֶר מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָנוּ׃

(יו) אַז עֶר הָאט גִיבּוֹיעט אַנֵייע שְׁטִיבּ זָאלל עֶר מַאכִין אשֶׁהֶחֱיָנוּ בְּשַׁעַת עֶר שְׁלָאגְט אָהן דִיא מְזוּזוֹת אָדִיר וֶוען עֶר גֵייט אַרֵיין וואוֹינִין אִין דֶער שְׁטִיבּ אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר צִיגִיבּוֹיט אַשְׁטִיבּ צִי דֶער אַלְטִיר מַאכְט מֶען אַשֶׁהֶחֱיָנוּ׃

(יז) אַז עֶר הָאט גִיקוֹיפְט אַשְׁטִיבּ אֲפִילוּ אֵיין אַלְטִי זָאלל עֶר מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָנוּ אָבֶּער אַז עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט זַיין שְׁטִיבּ אִין הָאט זִיא צִירִיק גִיקוֹיפְט זָאל עֶר נִיט מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָנוּ׃

(יח) אַז קָהָל הָאט גִיבּוֹיט אֵיין שִׁיל אָדִיר אֵיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאלל אֵיינֶער מַאכִין הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אִין קָהָל זָאלל נָאךְ זָאגִין אָמֵן, אָבֶּער אַז אַיְחִיד הָאט גִיבּוֹיט אִין הָאט עֶס נִיט גִישֶׁענְקְט פַאר קָהָל זָאל עֶר מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָנוּ׃

(יט) אַז עֶר הָאט גִיקוֹיפְט אַכֵּלִי וָואס אִיז חָשׁוּב סַייא אַנֵייע סַייא אֵיין אַלְטִי אֲפִילוּ עֶר הָאט גִיהַאט אַזוֹי כֵּלִי אִין עֶר אַלֵיין בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט דֶער כֵּלִי זָאלל עֶר מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ נָאר אַז עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט אִין הָאט צִירִיק גִיקוֹיפְט דִיא כֵּלִי מַאכְט מֶען נִיט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אִין אוֹיף אַכֵּלִי וָואס אִיז נִיט חָשׁוּב דְהַיְינוּ שִׁיךְ שְׁטִיוֵויל מַאכְט מֶען נִיט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אֲפִילוּ עֶר אִיז אַעֲנִי אִין פְרֵייד זִיךְ מִיט זֵייא, אִין אֵיין עוֹשֶׁר אַז עֶר הָאט גִיקוֹיפְט אַכֵּלִי וָואס בֵּייא אַנְדִירִי אִיז עֶס חָשׁוּב אִין בֵּייא עֶהם אִיז עֶס נִיט חָשׁוּב עֶר פְרֵייד זִיךְ נִיט מִיט דֶעם מַאכְט עֶר נִיט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ׃

(כ) אַז עֶר הָאט גִיקוֹיפְט אַחָשׁוּב בֶּגֶד מַאכְט עֶר שֶׁהֶחֱיָנוּ תֵּיכֶף וִויא עֶר קוֹיפְט אִין אַז עֶס אִיז נָאךְ נִיט אוֹיף גִיגֵייט מַאכְט

ער שֶׁהֶחֱיָנוּ בִּשְׁעַת ער טוט עס אָהן ער זָאלל קודם מַאכִין מַלְבִּישׁ עֲרוּמִים אין נָאך דעם אַשֶׁהֶחֱיָנוּ, אין אַז ער הָאט ניט גִימַאכְט תֵּיכֶף ווייא ער הָאט עס אָנְגִיטָאן זָאלל ער שוין נִישְׁט מַאכִין אין אַז ער הָאט זִיךְ נָאר אָהז גִימַאסְטִין אין הָאט נִישְׁט גִימַאכְט קיין שֶׁהֶחֱיָנוּ מֶעג ער מַאכִין בִּשְׁעַת ער טוט זִיךְ אָהן צוּ גיין אין עהם, אין אַז מֶען הָאט עהם גִישֶׁענְקְט אַכְּלִי אָדִיר אַבֶּגֶד וָואס איז חָשׁוּב מַאכְט ער אַשֶׁהֶחֱיָנוּ.

(כא) אַז ער הָאט גִיקוֹיפְט זִילְבֶּער אין הָאט גִיגֶעבִּין צוּ אַיין בַּעַל מְלָאכָה מֶען זָאל עהם מַאכֶען אַכֵּלִי זָאלל ער מַאכֶען אַשֶׁהֶחֱיָנוּ בִּשְׁעַת דיא כֵּלִי וֶוערְט פַארְטִיג אין בֶּענִיטְצְט דיא כֵּלִי.

(כב) אַז ער הָאט גִיקוֹיפְט אַטַלִּית זָאל ער מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ בִּשְׁעַת ער רֶעכְט אָהן דיא צִיצִית אין אַז ער הָאט ניט גִימַאכְט זָאלל ער מַאכִין בִּשְׁעַת ער טוט עהם אָהן דָאס עֶרְשְׁטֵי מָאהל.

(כג) אויך תְּפִילִּין מַאכְט מֶען ניט קיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אַפִילוּ ער לֵייגְט זייא דָאס עֶרְשְׁטֵי מָאהל.

(כד) אַז ער הָאט גִיקוֹיפְט סְפָרִים אָדִיר אַסֵפֶר תּוֹרָה זָאל ער מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ אָהן שֵׁם וּמַלְכוּת ער זָאלל זָאגִין בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

(כה) אין דיא דְרֵייא וָואכִין פון שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב מַאכְט מֶען קיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אויף אַפְּרִי אַדִּיר אַבֶּגֶד אין אויך אַפְּרִיוֹן הָבִּין יָא נָאר אַז עס איז אַפְּרִי וָואס מֶען וֶועט זייא ניט גִיפִינִין נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב מֶעג ער מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָנוּ אין אַז ער קָאן זייא לָאזִין אויף שַׁבָּת איז בֶּעסִיר.

(כו) בִּשְׁעַת לֶעכְט צִינְדִין אַלֶע יָמִים טוֹבִים אין ראש הַשָּׁנָה אין יוֹם כִּיפּוּר מַאכִין דיא ווייבִּיר אַשֶׁהֶחֱיָנוּ נָאךְ דֶער בְּרָכָה הוּץ דיא אַנְדִירֶע טֶעג פֶּסַח זָאלִין זייא ניט מַאכִין קיין שֶׁהֶחֱיָנוּ, אין דיא אִשָּׁה וָואס הָאט גִימַאכְט שֶׁהֶחֱיָנוּ בִּשְׁעַת לֶעכְט צִינְדִין זָאלל נִישְׁט מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ בִּשְׁעַת קִידּוּשׁ אין יוֹם כִּיפּוּר בִּשְׁעַת דֶער חַזָּן מַאכְט שֶׁהֶחֱיָנוּ זָאלל זיא ניט נָאךְ זָאגִין אין אַז

דער

דער מאן צינד לעכט זאל ער ניט מאכן שהחינו בשעת לעכט צינדן נאר בשעת קידוש און אז ער האט געמאכט בשעת לעכט צינדן זאל ער ניט מאכן בשעת קידוש צאדן ער דארף מוציא זיין דאס בני בית אדיר ער זאל זיך אהן טאהן אני בגד אדיר ער זאל נעמן אניע פרי און זאל מאכן שהחינו.

(כז) אין אבל אין דיא זיבען טאג זאל ער ניט מאכן קיין שהחינו אויף אפרי אדיר אבגד, אדיר אויף אפדיון הבן אדיר יום טוב אדיר חנוכה ווען ער צינד לעכט אין דער היים זאל ער מאכן שהחינו, אבער אין שיל זאל ער ניט צינדן קיין חנוכה לעכט דיא ערשטי נאכט ער זאל ניט מאכן שהחינו.

(כח) דער דין פֿין שהחינו פֿין ימים טובים און חנוכה און פורים און ראש השנה און יום כפור וועט שטיען אין דיא הנהגות וואס עס שטייט סוף דעם ספר יעדירס אויף זיין ארט.

---

## שער כה ווער עס הערט אברכה פֿין איין אנדירן

(א) אז אײנער הערט אברכה פֿין דעם אנדירן אויף איין מאכל אדיר אויף משקה אדיר דאס בענטשין און האט אין זין גיהאט יוצא זיין אז זיא וועגן גיזעסן ביא איין טיש האט ער יוצא גיוועהן און אז ניט ניט, נאר מיט דער ברכה בורא פרי הגפן פֿין קידוש איז מען יוצא אפילו זיא וועגן ניט גיזעסן ביא איין טיש און דער*אנדירער האט אין זין גיהאט מוציא צו זיין.

(ב) מען טאהר ניט מאכן אברכה פֿין דעם אנדערינס וועגן אויף אמאכל אדיר משקה אז ער עסט ניט, נאר אמוציא צו מאכן אויף מצה דיא ערשטי צוויא נעכט פֿין פסח און בורא פרי הגפן אויף קידוש מעג איינר מאכן פֿין דעם אנדירינס וועגן האטשי ער עסט ניט און טרינקט ניט נאר דער וואס ער הערט.

(ג) ברכת המצות דהיינו אתרוג שופר מגילה אדיר אנדירי מצות וואס מען איז מחויב מעג איינער מאכן דיא ברכה פֿין

דעם

---

*אבער אויף א פדיון *אז דער

## ווער עס הערט אַבְּרָכָה פֿון איין אַנְדֶערִין

דעם אַנְדִירִינְסְוֶועגִין וָואס עֶר קַאן אַלֵיין נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה חָאטְשֶׁי דֶער וָואס מַאכְט דִיא בְּרָכָה הָאט שׁוֹין פְּרִיעֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן מִיט דֶער מִצְוָה, אִין דֶער וָואס הֶערְט זָאלל מְכַוֵּון זַיין אִין זָאלל זָאגִין אָמֵן אִין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ זָאלל עֶר נִישְׁט זָאגִין אִין אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן, אִין אַז דֶער וָואס מַאכְט דִיא בְּרָכָה הָאט נָאךְ נִישְׁט יוֹצֵא גִיוֶועהן מִיט דֶער מִצְוָה עֶר מַאכְט יֶעצְט פֿוּן זַייגֶעט וֶועגִין אוֹיךְ מֶעג עֶר מוֹצִיא זַיין דֶעם אַנְדִירִין חָאטְשֶׁי עֶר קַאן אַלֵיין מַאכִין דִיא בְּרָכָה אִין אַפִילוּ עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט אָמֵן הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן אַז זֵייא הָאבִין אִין זִין גִיהַאט יוֹצֵא זַיין.

(ד) פֿוּן אֵיין אִשָּׁה וֶועגִין טָאהר קֵיין אַנְדִירֶיר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף אַמִצְוָה וָואס הָאט אֵיין אוֹיסְגִיוֶועצְטֶי צַייט אַז עֶר הָאט שׁוֹין יוֹצֵא גִיוֶועהן פֿוּן פְּרִיעֶר אַחוּץ קִדּוּשׁ אִין אוֹיף חֲנוּכָּה לֶעכְט אִין אוֹיף מְגִילָּה לֵייעֶנִין אִין דִיא בְּרָכוֹת אוֹיף דֶער מַצָּה דִיא עֶרְשְׁטֶי צְווייא נֶעכְט פֿוּן פֶּסַח אָבֶער פֿוּן אַקְלֵיינֶעמְס וֶועגִין וָואס עֶר אִיז שׁוֹין מְחוּיָּב דִיא בְּרָכָה צוּ מַאכִין מֶעג מֶען אֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(ה) דֶער וָואס הָאט שׁוֹין גִימַאכְט הַבְדָּלָה אִין מַאכְט נָאךְ אֵיין מָאהל פַאר אַנְדֶערִי וָואס קֶענִין נִישְׁט וֶוען עֶר מַאכְט דִיא בְּרָכָה אוֹיף דִיא בְּשָׂמִים זָאלל עֶר אוֹיךְ שְׁמֶעקִין דִיא בְּשָׂמִים אִין פַאר ווייבֶּיר זָאל מֶען נִיט הַבְדָּלָה מַאכִין אַז מֶען הָאט שׁוֹין גִימַאכְט אֵיין מָאהל הַבְדָּלָה.

(ו) מֶען אִיז נִיט יוֹצֵא מִיט הֶערִין דִיא בְּרָכָה צַאדִין מֶען הָאט גִיהֶערְט דִיא גַאנְצֶי בְּרָכָה אִין דֶער וָואס הָאט גִימַאכְט דִיא בְּרָכָה הָאט אִין זִין גִיהַאט מוֹצִיא צוּ זַיין אִין דֶער וָואס הָאט גִיהֶערְט הָאט אִין זִין גִיהַאט יוֹצֵא זַיין, אִין אַז מֶען הָאט גִיהֶערְט סְתָם אִיז אַסָפֵק צִי מֶען הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהן, אִין אַז מֶען הָאט אִין זִין גִיהַאט נִיט מוֹצִיא צוּ זַיין אָדֶיר נִיט יוֹצֵא זַיין אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא.

## וֶוער עֶס הֶערְט אַבְּרָכָה פוּן אַיין אַנְדֶירְן

(ז) אַז אֵיינֶער מַאכְט אַבְּרָכָה עֶר זָאל אַנְדֶערֶי אוֹיךְ מוֹצִיא זַיין אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גְּוֶועהְן נָאךְ דֶער בְּרָכָה פַאר דֶעם עֶסִין פוּן אַגַאנְץ יָאהר נִישְׁט פוּן מַצָה דִיא עֶרְשְׁטֶי צְווייא נֶעכְט פֶּסַח הָאבִּין זֵייא אַלֶע נִישְׁט יוֹצֵא גְּוֶועהְן הָאטְשֶׁי דִיא וָואס הֶערִין הָאבִּין נִיט מַפְסִיק גְּוֶועהְן, אִין אַז דִיא וָואס הֶערִין הָאבִּין מַפְסִיק גְּוֶועהְן הָאבִּין זֵייא נִיט יוֹצֵא גְּוֶועהְן אִין דֶער וָואס הָאט גִּימַאכְט דִיא בְּרָכָה הָאט יוֹצֵא גְּוֶועהְן.

(ח) אַיין קְלֵיינֶער וָואס עֶר אִיז נָאךְ נִישְׁט בַּעַל מִצְוָה קָאן נִישְׁט מוֹצִיא זַיין מִיט זַיין בְּרָכָה אוֹיף אַמִצְוָה אַיין אַנְדֶירְן.

## שַׁעַר כו דִינִים פוּן בְּשָׂמִים

(א) מֶען טָאהר נִיט קַיין הַנָאָה הָאבִּין פוּן אַיין גִּיטֶען רֵיחַ בִּיז מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה בְּשַׁעַת בְּרָכָה זָאל מֶען נֶעמִין דִיא בְּשָׂמִים אַזוֹי וִויא זֵייא וַואקְסִין נִישְׁט פַארְקֶערְט, אִין קַיין שֶׁהֶחֱיָנוּ דַארְף מֶען נִיט מַאכִין אוֹיף בְּשָׂמִים.

(ב) בְּשָׂמִים פוּן אַבּוֹים אָדִיר פוּן אַפְּרִי וָואס וַואקְסְט אוֹיף אַבּוֹים אִין זֵיא אִיז נִישְׁט רָאוּי צִי עֶסִין אָדִיר בְּלֶעטֶיר פוּן הֲדַס אָדִיר אַנְדִירֶע בְּלֶעטֶיר פוּן אַבּוֹים וָואס שְׁמֶעקִין נִיט מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא עֲצֵי בְשָׂמִים, דָאס אִיז טֵייטְשׁ (בּוֹרֵא) עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין (עֲצֵי בְשָׂמִים) אַבּוֹים פוּן בְּשָׂמִים.

(ג) בְּלִימִין וָואס וַואקְסִין אוֹיף אַבּוֹים אָדִיר דִיא זַאפְט פוּן דִיא בְּלִימֶען אָדִיר דִיא זַאפְט וָואס קִימְט אַרוֹים פוּן אַבּוֹים אָדִיר בּוֹים אֵייל, אָדִיר צִיטְרוֹינִין אֵייל וָואס הָאט אַגִיטֶען רֵיחַ אַז מֶען ווִיל שְׁמֶעקִין פוּן זֵייא דַארְף מֶען מַאכִין בּוֹרֵא עֲצֵי בְשָׂמִים.

(ד) גְרָאז וָואס שְׁמֶעקְט שֵׁיין אָדִיר בְּלִימֶען וָואס וַואקְסִין פוּן דֶער עֶרְד אָדִיר אֵייל וָואס מֶען מַאכְט פוּן גְרָאז אָדִיר פוּן בְּלִימֶען וָואס עֶס הָאט אַגִיטֶען רֵיחַ אַז מֶען ווִיל זֵייא שְׁמֶעקִין

מאכט

מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא עִשְׂבֵי בְּשָׂמִים, דָאס אִיז טֵייטְשׁ (בּוֹרֵא) וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין (עִשְׂבֵי בְשָׂמִים) גְרָאזִין פוּן בְּשָׂמִים,

(ה) בְּשָׂמִים וָואס זֶענִין נִיט פוּן אַבוּים אִין נִישְׁט פוּן דֶער עֶרְד דְהַיְינוּ פִיזֶעם מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים, דָאס אִיז טֵייטְשׁ (בּוֹרֵא) וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין מִינֵי בְשָׂמִים.

(ו) אַפֵּרִי וָואס אִיז רָאוִי צוּ עֶסִין אִין שְׁמֶעקְט שֵׁיין דְהַיְינוּ אֶתְרוֹג (לִימִינֶעס) צִיטְרִינֶען, פְלוֹימֶעס אַז עֶר וִויל שְׁמֶעקִין זָאלל עֶר מַאכִין בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַנּוֹתֵן רֵיחַ טוֹב בְּפֵּירוֹת, דָאס אִיז טֵייטְשׁ (הַנּוֹתֵן) וָואס עֶר גִיט (רֵיחַ טוֹב) אַגִיטֶען רֵיחַ (בְּפֵירוֹת) אִין דִיא פֵּירוֹת, אִין אַז עֶר וִויל עֶסִין פוּן דֶער פְּרִי אִין שְׁמֶעקִין זָאל עֶר קוֹדֶם מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ אִין זָאלל אַבִּיסֶל עֶסִין אִין זָאלל נִישְׁט שְׁמֶעקִין. אִין נָאךְ דֶעם זָאלל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה הַנּוֹתֵן, אִין זָאלל שְׁמֶעקִין, אִין אַז עֶר וִויל נָאר עֶסִין אִין אִיז זִיךְ נִיט מְכַוִּין צוּ שְׁמֶעקִין דַארְף עֶר נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם רֵיחַ חָאטְשֵׁי עֶר פִילְט דֶעם רֵיחַ.

(ז) אֵייל וָואס מֶען הָאט אַרֵיין גִיטָאהן בְּשָׂמִים אִין עֶהם פוּן אַבוּים עֶר זָאלל שְׁמֶעקִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא עֲצֵי בְשָׂמִים, אִין אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִילֵייגְט גְרָאז עֶס זָאלל שְׁמֶעקִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא עִשְׂבֵי בְּשָׂמִים, אִין אַז מֶען הָאט אַרֵיין גִילֵייגְט פוּן בֵּיידֵי מִינִים מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי בְּשָׂמִים, אִין אַז מֶען הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען דִיא בְשָׂמִים פוּן דֶעם אֵייל אִין מֶען פִילְט דֶעם רֵיחַ אִיז אַסָּפֵק בְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען פוּן דֶעם נִיט שְׁמֶעקִין.

(ח) אוֹיף אַלֶע מִינֵי בְּשָׂמִים אַז עֶר הָאט גִימַאכְט בּוֹרֵא מִינֵי בְּשָׂמִים הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן, אִיבֶּער דֶעם אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק וָואס אַבְּרָכָה צוּ מַאכִין זָאל עֶר מַאכִין בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים אֶבֶּער אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אוֹיף בְּשָׂמִים פוּן אַבוּים בּוֹרֵא עִשְׂבֵי בְּשָׂמִים אָדֶער אוֹיף בְּשָׂמִים פוּן גְרָאז בּוֹרֵא עֲצֵי בְשָׂמִים הָאט

עֶר

עֶר נִישְׁט יוֹצֵא גִיוֶועהְן.

(י) אַז מֶען לֵייגְט אַרוֹיף בְּשָׂמִים אוֹיף קוֹילִין מֶען זָאלְל שְׁמֶעקִין דֶעם רוֹיעך מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה נָאךְ דֶעם וִויא דֶער רוֹיעך גֵייט אוֹיף אִין אֵיידֶיר עֶר שְׁמֶעקְט, אִין מֶען מַאכְט אוֹיף דֶעם רוֹיעך דִיא זֶעלְבִּי בְּרָכָה וָואס אוֹיף דִיא בְּשָׂמִים, אִין אַז מֶען ווִיל מִיט דֶעם אוֹיסְרֵייכֶירִין דִיא כֵּלִים דַארְף מֶען נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם רוֹיעך.

(יא) בְּשָׂמִים וָואס זֶענִין גִילֵייגְט גִיוָוארִין זֵייא זָאלִין פַארְטְרַאבִין דָאס גִישְׁטַאנְק דְהַיְינוּ אִין אַבֵּית הַכִּסֵא אָדֶיר בֵּייא אַיין מֵת מַאכְט מֶען אוֹיף זֵייא נִיט קֵיין בְּרָכָה.

(יב) בְּשָׂמִים וָואס זֶענִין אִין דֶער הַאנְד פוּן אַיין פְרֶעמְדֶיר אִשָׁה אָדֶיר בֵּייא זַיין נַייבּ וֶוען זִיא אִיז אַנִדָה טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין בִּיז זֵייא זֶענִין אִין אִיהְרֶע הֶענְד.

(יג) בְּשָׂמִים פוּן עֲבוֹדָה זָרָה אָדֶיר פוּן חָמֵץ אִין פֶּסַח אָדֶיר אַפִּילוּ פוּן עָרְלָה אָדֶיר פוּן הֶקְדֵשׁ טָאהר מֶען נִיט שְׁמֶעקִין אִין קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין בְּשָׂמִים וָואס זֶענִין אָבְּגִירִיסֶען גִיוָוארִין אִין יוֹם טוֹב מֶעג מֶען אוֹיף זֵייא אַבְּרָכָה* אִין שְׁמֶעקִין נָאר מֶען זָאל זֵייא נִיט מְטַלְטֵל זַיין.

(יד) אַאֶתְרוֹג אָדֶיר אַהֲדַס אִין סֻכּוֹת וָואס מֶען בֶּענְטְשְׁט אוֹיף זֵייא אֶתְרוֹג אִיז אַסָפֵק צִי מֶען מֶעג אוֹיף זֵייא אַבְּרָכָה מַאכִין אַז עֶר שְׁמֶעקְט זֵייא אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען נִיט שְׁמֶעקִין זֵייא אִין סֻכּוֹת.

(טו) אַז דֶער עִיקָר פוּן דִיא בְּשָׂמִים אִיז נִיט דָא נָאר דֶער רֵיחַ אִיז גִיבְּלִיבִּין דְהַיְינוּ דִיא כֵּלִים וָואס אִיז אִין זֵייא גִיוֶועהְן בְּשָׂמִים אָדֶיר זֵייא זֶענִין גִירֵייכֶירְט מִיט בְּשָׂמִים טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם רֵיחַ.

(טז) אַחֶדֶר וָואס עֶס אִיז דָא בְּשָׂמִים אִין עֶס שְׁמֶעקְט שׁוֹין אִין חֶדֶר דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם רֵיחַ וַוייל דִיא בְּשָׂמִים זֶענִין נִיט דָארְט* מֶען זָאלל שְׁפִּירֶען צַאדִין עֶר נֶעמְט דִיא בשמים

---

*א ברכה מאכן *אז דיא *ניט געשטעלט דארט מען זאל שפירן דעם ריח

בשמים אין דיא הענד אין שמעקט, אבער אז מען קומט אין אפטייק וואס מען האלט דארט בשמים וויל דער אפטייקער* וויל מען זאלל שפירען דעם ריח פון דיא בשמים אז מען שמעקט דעם ריח דארף מען אברכה מאכען און אז ער איז געזעסען דארט אפילו אגאנצען טאג דארף ער ניט מעהר קיין ברכה מאכען אבער אז ער איז אריין און ארויס דארף ער אללע מאהל אברכה מאכען ווען ער קומט אריין אין דעם געוועלב* צאדין ער איז ארויס אויף דער דעה תיכף צוריק צו קומען דארף ער ניט קיין ברכה מאכען, און אז ער שמעקט נאך דעם אנדירי בשמים איז אספק.

(יז) אז ער האט אברכה געמאכט אויף בשמים און זיין דעה איז געוועהן צו גיין אין אנדיר חדר צו שמעקען דארט אויך בשמים, אז ביידי חדרים ווען אין אין שטוב דארף ער קיין ברכה מאכען אין אנדירן חדר און אז זייא ווען ניט אין איין שטוב דארף ער אברכה מאכען.

(יח) אז ער האט געשמעקט בשמים און האט זייא אנדער געלייגט און נאך דעם וויל ער נאך שמעקען פון דיא בשמים אז ער האט ניט מסיח דעת געוועהן דארף ער קיין ברכה מאכען און אז ער האט מסיח דעת געוועהן דארף ער אברכה מאכען און אז ער איז ארויס אויף דער דעה תיכף צוריק צו קומען און האט גענומען דיא בשמים וואס ער האט פריער געשמעקט איז אספק ברכה האטש ער האט נישט מסיח* געוועהן אבער דעם זאלל ער ניט שמעקען נאך אמאהל.

(יט) אז ער האט געשמעקט בשמים און נאך דעם האט מען עהם געברענגט אנדירע בשמים אז זיין דעה איז געוועהן בשעת ברכה ער זאלל ניט שמעקען אנדירע בשמים דארף ער אברכה מאכען און אז זיין דעה איז געוועהן אויף דיא אנדערע בשמים אויך דארף ער ניט קיין ברכה מאכען און אז ער האט סתם אברכה געמאכט אויף בשמים און נאך דעם וויל ער שמעקען

אנדירע

---

*א גיוועלב *דער געוועלבער אין אפטייק איז דא חילוקים
*מסיח דעת גיוועהן

אַנדירֶע בְּשָׂמִים איז אַספֵק בְּרָכָה און וֶוען דיא עֶרְשְׁטֵי בְּשָׂמִים זֶענִין שוין גִיט גִיוֶועהֶן בְּרויך עֶר אַבְּרָכָה צו מַאכִין ווִיא עֶס שְׁטֵייט אין שַׁער א׳ אות יט כב.

(יט) אַז דיא בְּשָׂמִים זֶענִין גִיוֶועהֶן אויף דֶעם טִישׁ און עֶר פִילְט דֶעם רֵיחַ אַז מֶען הָאט זֵייא גִילֵייגְט דָארט אויף צו שְׁמֶעקִין דַארְף עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין און אַז מֶען הָאט זֵייא סְתָם גִילֵייגְט דָארט דַארְף עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צַאדִין עֶר הָאט זֵייא גִינִימֶען אין דיא הֶענְד.

(כ) וֶוער עֶס הָאט קֵיין חוּשׁ הָרֵיחַ זָאלל קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אויף בְּשָׂמִים אַפִילוּ אין מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאר עֶס איז גְלֵייךְ עֶר זָאל זִיךְ לָאזִין מוֹצִיא זֵיין מִיט דֶער בְּרָכָה וָואס אֵיין אַנדֶערֶער מַאכְט אויף בְּשָׂמִים און זָאלל שְׁמֶעקִין בְּשָׂמִים.

(כא) אַז עֶר איז מְסוּפָּק צו עֶר וֶועט פִילֶען אַרֵיחַ אין דיא בְּשָׂמִים זָאלל עֶר קוֹדֶם שְׁמֶעקִין אָהן אַבְּרָכָה אויף דֶער דֵעָה נִישְׁט הֲנָאָה הָאבִּין און אַז עֶר פִילְט דֶעם רֵיחַ זָאלל עֶר תֵּיכֶף אַבְּרָכָה מַאכִין און שְׁמֶעקִין, נָאר דָאס זָאלל עֶר נִיט מָאהן נָאר מוֹצָאֵי שַׁבָּת, און אֵיין אַנדִירְט מָאהל זָאלל עֶר נִישְׁט שְׁמֶעקִין.

(כב) אין מוֹצָאֵי שַׁבָּת איז מֶען זִיךְ נוֹהֵג צו מַאכִין בּוֹרֵא מִינֵי בְּשָׂמִים אויף אַלֶע מִין בְּשָׂמִים אַפִילוּ אויף בְּשָׂמִים פֿון גְרָאז אָדִיר אַבּוֹיִם, נָאר עֶס איז רֶעכְט מֶען זָאלל אויךְ נֶעמִין אַזוֹי מִין וָואס דֶער דִין איז צו מַאכִין בּוֹרֵא מִינֵי בְּשָׂמִים, און עֶס איז רֶעכְט צו נֶעמִין אַהָדָס מִיט דיא אַנדִירֶע בְּשָׂמִים.

(כג) אַז מֶען שְׁמֶעקְט וַוארִים בְּרוֹיט איז אַסָפֵק צו מֶען זָאלל אַבְּרָכָה מַאכִין אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען נִיט שְׁמֶעקִין און אַזוֹי איז דֶער דִין בַּייא גִיבְּרֶענְטִין קַאפֶּע.

(כד) אויף אַמֶריקָנֶעם הָדָס זָאלל מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צַאדִין מִיט אַנדִירֶע בְּשָׂמִים אִינְאֵיינִים.

(כה) אויף נֶעגִילִיךְ און אויף צִימְרִינג און אויף דיא שֵׁייליכִין

זִיילִבֶּן פוּן מַרַאנְצֶן אָדֶער פוּן צִיטְרוֹיגְען מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים, אוּן אוֹיף מוּשְׁקָאט נִיס מַאכְט מֶען הַנּוֹתֵן רֵיחַ טוֹב בַּפֵּירוֹת אוּן אִינְגְבֶּער אוּן פֶּעפֶער זָאלל מֶען נִישְׁט שְׁמֶעקֶן אוּן אַז מֶען שְׁמֶעקְט זָאלל מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכֶן אָדֶער מֶען זָאל פְרִיעֶר אַבְּרָכָה מַאכֶן אוֹיף אַנְדֶערֶע בְּשָׂמִים.

(כו) *מַנְיֶעטְקֵי אָדֶער אַנְדֶער מִין גְרָאז וָואס דֶער רֵיחַ אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר הָאט אַהֲנָאָה זָאל עֶר אַבְּרָכָה מַאכֶן עִשְׂבֵי בְשָׂמִים אוּן אַז נִיט נִיט.

(כז) טַאבִּיקֶע וָואס מֶען טוּט אַרַיין גִיקְלַאפְּטֵי בְּשָׂמִים אוּן מֶען פִּילְט דֶעם רֵיחַ דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכֶן, אוּן אַז מֶען הָאט אַרַיין גִילֵייגְט נִיט גִיקְלַאפְּטֵי בְּשָׂמִים אַז מֶען שְׁמֶעקְט פוּן דֶער כֵּלִי וָואס אִיז דָא בְּשָׂמִים דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכֶן אוּן אַז עֶר הָאט גִינוּמֶען אַבִּיסֶל אִין דֶער הַאנְד אָהֶן בְּשָׂמִים דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכֶן, אוּן אַז זִיא שְׁמֶעקְט פוּן טְרָאפִּינְס דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכֶן נָאר עֶס אִיז גְלֵייךְ מֶען זָאלל נִיט שְׁמֶעקֶן דִיא טַאבִּיקֶע וָואס עֶס אִיז מִיט בְּשָׂמִים אֲפִילוּ עֶר נֶעמְט אִין דֶער הַאנְד אָהֶן בְּשָׂמִים אָדֶער טַאבִּיקֶע מִיט טְרָאפִּינְס צַאדִין עֶר מַאכְט פְרִיעֶר אַבְּרָכָה אוֹיף בְּשָׂמִים.

---

## שַׁעַר כז דִינִים פוּן גוֹמֵל בֶּענְטְשִׁין

(א) וֶוער עֶס שְׁטֵייט אוֹיף פוּן אַקְרֶענְק וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אִין אַסַכָּנָה דַארְף עֶר בֶּענְטְשִׁין גוֹמֵל, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט אֵיין קְרַאנְקְהֵייט וָואס עֶר וֶוערְט גִיוֵויינְטְלִיךְ קְרַאנְק אוּן וֶוערְט גִיהֵיילְט דַארְף עֶר אַלֶע מָאהל צוּ בֶּענְטְשִׁין גוֹמֵל, אוּן וֶוער עֶס אִיז גִילֶעגֶן קְרַאנְק דְרַייא טָאג אִין בֶּעט אָדֶער עֶר הָאט גִיהַאט אַמַּכָּה אִינְוֵוייניג אוּן וֶוערְט גִיהֵיילְט דַארְף גוֹמֵל בֶּענְטְשִׁין, אוּן מֶען בֶּענְטְשְׁט נִיט גוֹמֵל בִּיז מֶען וֶוערְט גֶענְצְלִיךְ גִיהֵיילְט אוּן אַז עֶר אִיז גִיהֵיילְט פוּן אַקְרֶענְק וָואס אִיז נִישְׁט גִיוֶועהְן קֵיין סַכָּנָה אִיז אַסָּפֵק, מֶען טוּט וִויא דֶער מִנְהָג אִיז דָארְט.

אז

---

*מַניעטקי - א מין טעע

(ב) אַז ער איז אַרויס פון דעם קרימינאל דארף ער גומל בענטשן אַפילו ער איז געזעסן וועגן געלד זאכן, נאר אַז ער האט זיך געקאנט תיכף לייזן מיט געלד אָדיר ער איז ניט געווען ארטיילט נאר אויף עטליכע טעג דארף ער נאר גומל בענטשן די ברכה אָהן אשם ומלכות דהיינו ברוך אתה הגומל לחייבים טובות שגמלנו כל טוב און מען בענטשט ניט גומל ביז ער ווערט גענצליך פריי און אַז ער איז אַנטלאפין פון דער תפיסה דארף ער ניט גומל בענטשן.

(ג) ווער עס איז געפארין אין דער שיף אין ים און איז אַרויס דארף ער גומל בענטשן, אָבער אַז ער איז געפארין אין איין אַנדיר גרויס וואסיר דארף ער נישט גומל בענטשן צאדין ער איז געוועהן אין איין סכנה דארף ער גומל בענטשן.

(ד) אַז ער איז געגאנגען אין דער מדבר און איז אַרויס־געקימען דארף ער גומל בענטשן אַפילו ער איז געגאנגען מיט חברותא, און ער זאלל ניט בענטשן גומל ביז ער קימט אויף דעם ארט וואס ער האט געוואלט.

(ה) אַז ער איז געגאנגען אין וועג און איז געוועהן אין אסכנה דהיינו גזלנים זענין עהם אַקעגין געקימען אָדיר חיות רעות אָדיר דער וואגין האט זיך איבער געקערט און ער איז ניצל געווארין דארף ער גומל בענטשן, און אַז ער איז געגאנגען אויף אַזוי אָרט וואס איז מוחזק בסכנה דארף ער אויך גומל בענטשן.

(ו) ווער עס איז געוועהן אין אַסכנה וואס עס איז ניט פון די זאכין וואס שטייען פריער איז אַספק צי מען זאלל בענטשן גומל מען זאלל טאהן ווי דער מנהג איז דארט און אַז דארט בענטשט מען ניט גומל זאל ער מאכין די ברכה אָהן אַשם ומלכות ווי אין אות ב'.

(ז) ווער עס איז שילדיג צו בענטשן גומל פון אַסאך מאל איז ער יוצא מיט איינמאהל אויף אַללע מאהל.

(ח) גומל בענטשן דארף מען פאר צעהן מענטשן און

צווייא

צווייא פון זייא זאלין קאנין לערנין הלכות און מען איז זיך נוהג צו בענטשין גומל נאך דעם ווייא מען איז עולה לתורה, נאר אפילו ער האט ניט עולה גיוועהן און אפילו מען ליינט ניט אויף דעם ארט דהיינו עס איז ניטשט דא קיין ספר מעג ער גומל בענטשין פאר צעהן מענשין, און מען דארף ניט פאר זאמין דיא ברכה מעהר ווייא דרייא טאג און אז ער האט פאר זאמט מעג אפילו אלאנגע צייט דארף ער אלין גומל בענטשין.

(ט) דיא ברכה פון גומל בענטשין איז אזוי ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם הגומל לחייבים טובות שגמלני כל טוב, דאס איז טייטש (הגומל) וואס ער פארגעלטיגט (לחייבים) צו דיא זינדיגע מענטשין (טובות) גיטס, (שגמלנו) וואס ער האט מיך פארגעלטיגט (כל טוב) פון אללעם גיטס און דיא אנדערע ענפירין מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה דאס איז טייטש (מי שגמלך כל טוב) ווער עס האט דיך פארגעלטיגט מיט אללעם גיטין (הוא יגמלך כל טוב סלה) ער זאל דיך פארגעלטיגען מיט אללעם גיטין אייביג.

---

## שער כה דיא ברכה פון אנס

(א) ווען איינער קומט אויף אזוי ארט וואס עס איז עהם אנס גישעהן דארט זאלל ער מאכין ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם שעשה לי נס במקום הזה, דאס איז טייטש (שעשה לי נס) וואס ער האט מיר גיטאהן אנס (במקום הזה) אויף דעם ארט, און אז ער קומט אויף דעם ארט דעם צווייא און דרייסיגסטען טאג דהיינו ער איז גיוועהן דאס ערשטי מאהל זינטיג און און נאך פיער וואכין מיטוואך דארף ער נאך אמאהל מאכין דיא ברכה.

(ב) אז איינער פון דיא קינדער קומט אויף דעם ארט ווייא עס איז אנס גישעהן זיין פאטיר זאל ער מאכין אברכה שעשה נס לאבי במקום הזה און אסאך אינאיינים זאגין לאבינו במקום הזה.

הַזֶּה, אִין דִיא אֵיינִיקְלִיךְ זָאגִין שֶׁעָשָׂה נֵס לְאָבִי זְקֵינִי בְּמָקוֹם הַזֶּה, אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן אַסַאךְ וָואס זֵייא דַארְפִין מַאכִין דִיא בְּרָכָה זָאלּ אֵיינֶער מַאכִין דִיא בְּרָכָה אִין דִיא אַנְדִירִי זָאלִין נָאךְ זָאגִין אָמֵן.

(ג) אַז אֵיינֶער קִימְט אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס עֶס אִיז אַגָם גִישֶׁעהן זֵיין רֶבִּין זָאלל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה שֶׁעָשָׂה נֵס לְרַבִּי בְּמָקוֹם הַזֶּה.

(ד) אַז עֶס אִיז עֶהם גִישֶׁעהְן אַסַאךְ נִיסִים אוֹיף אַסַאךְ עֶרְטִיר וֶוען עֶר קִימְט אוֹיף אֵיין אָרְט אִין מַאכְט דִיא בְּרָכָה זָאל עֶר מַזְכִּיר זֵיין אַלְלֶע עֶרְטִיר וָואס עֶס אִיז עֶהם גִישֶׁעהְן דִיא נִיסִים, עֶר זָאלל זָאגִין שֶׁעָשָׂה לִי נֵס בְּמָקוֹם הַזֶּה וּבְמָקוֹם (פְּלוֹנִי) וּבְמָקוֹם (פְּלוֹנִי) אָבֶּער דִיא קִינְדִיר דַארְפִין נִישְׁט מַזְכִּיר זֵיין דִיא אַנְדִירֶע עֶרְטִיר.

---

## שַׁעַר כט בְּרָכוֹת אוֹיף דֶעם זֶעהן.

(א) אַז מֶען זֶעהט אַחֲכָם יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר אִיז אַחָכָם אִין דֶער תּוֹרָה אִין אִיז אַיָרֵא שָׁמַיִם מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁחָלַק מֵחָכְמָתוֹ לִירֵאָיו, דָאס אִיז טֵייטְשׁ (שֶׁחָלַק מֵחָכְמָתוֹ) וָואס עֶר הָאט אָבְּגִיטֵיילְט פִין זֵיין חָכְמָה (לִירֵאָיו) צִי דִיא וָואס פַארְכְטִין זִיךְ פַאר עֶהם, אִין אַז עֶר זֶעהט אַחָכָם פִין דִיא אוּמוֹת הָעוֹלָם וָואס עֶר אִיז אַחָכָם אִין דִיא חָכְמוֹת פִין דֶער וֶועלְט מַאכְט עֶר שֶׁנָתַן מֵחָכְמָתוֹ לְבָשָׂר וָדָם, דָאס אִיז טֵייטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּעֶן פִין זֵיין חָכְמָה צִי אֵיין מֶענְטשׁ.

(ב) אַז מֶען זֶעהט אַמֶלֶךְ פִין דִיא אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁנָתַן מִכְּבוֹדוֹ לְבָשָׂר וָדָם, דָאס אִיז טֵייטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין פִין זֵיין כָּבוֹד צִי אֵיין מֶענְטשׁ.

(ג) אַז מֶען זֶעהט קְבָרִים פִין יוּדִין מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה

ד'

ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר יָצַר אֶתְכֶם בְּדִין וְזָן אֶתְכֶם בְּדִין וְכִלְכֵּל אֶתְכֶם בְּדִין וְהֵמִית אֶתְכֶם בְּדִין וְיוֹדֵעַ מִסְפַּר כֻּלְּכֶם בְּדִין וְעָתִיד לְהַחֲזִיר וּלְהַחֲיוֹתְכֶם בְּדִין בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ מְחַיֵּה הַמֵּתִים, דָאס איז טֵייטְשׁ (אֲשֶׁר יָצַר אֶתְכֶם בְּדִין) וָואס עֶר הָאט אֵייךְ בַּאשַׁאפִין מִיט דִין (וְזָן אֶתְכֶם בְּדִין) אִין הָאט אֵייךְ גִישְׁפֵּייזְט מִיט דִין (וְכִלְכֵּל אֶתְכֶם בְּדִין) אִין הָאט אֵייךְ גִיגֶעבִּין דָאס בַּאדֶערְפִינִישׁ מִיט דִין (וְהֵמִית אֶתְכֶם בְּדִין) אִין הָאט אֵייךְ גִיטֵייט מִיט דִין (וְיוֹדֵעַ מִסְפַּר כֻּלְּכֶם בְּדִין) אִין וֵוייסְט דִיא צָאהל פִין אַלֶע בֵּייא דֶעם דִין (וְעָתִיד לְהַחֲזִיר וּלְהַחֲיוֹתְכֶם בְּדִין) אִין אִיז אָנְגִיבְּרֵייט עֶר זָאלל אֵייךְ לֶעבִּידִיג מַאכִין מִיט דִין, בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (מְחַיֵּה הַמֵּתִים) וָואס מַאכְט לֶעבִּידִיג מֵתִים.

(ד) דִיא אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס שְׁטֵייעֶן בִּיז אַהֶער מַאכְט מֶען נִיט נָאר אַז מֶען זֶעהט נִישְׁט דִיא זַאכִין דְרֵייסִיג טָאג אִין וֶוען מֶען זֶעהט נָאךְ דִיא דְרֵייסִיג טָאג דְהַיְינוּ דֶעם צְווַייא אִין דְרֵייסִיגְסְטֶען טָאג דַארְף מֶען אַלֶע מָאהל צִי מַאכִין דִיא בְּרָכָה.

(ה) אַז מֶען זֶעהט אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק פַאר־עֶנְדִירְט גִיוָוארִין דְהַיְינוּ עֶר אִיז זֵייעֶר וֵוייס אָדִיר זֵייעֶר רוֹיט אָדִיר עֶר אִיז זֵייעֶר קְלֵיין אָדִיר דֶער בּוֹיךְ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אָדִיר עֶר אִיז פִיל מִיט וָוארְצְלִין אָדִיר אַלֶע הָאר זֶענִין עֶהם צִינוֹיף גִיקְלֶעבְּט מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם מְשַׁנֶּה הַבְּרִיּוֹת דָאס אִיז טֵייטְשׁ (מְשַׁנֶּה) וָואס עֶר פַארֶענְדִירְט (הַבְּרִיּוֹת) דִיא בַּאשֶׁעפִינִישׁ, אִין אַז מֶען זֶעהט אֵיין הִינְקִידִיקִין אָדִיר אָהן פִיס אָדִיר אַסַגִּי נָהוֹר אָדִיר אַמוּכֶּה שְׁחִין אָדִיר עֶר אִיז אִינְגַאנְצִין גִיפְלֶעקִילְט, אַז עֶר אִיז אַזוֹי גִיבָּארִין גִיוָוארִין מַאכְט מֶען מְשַׁנֶּה הַבְּרִיּוֹת אִין אַז עֶר אִיז נָאךְ דֶעם אַזוֹי גִיוָוארִין אִין עֶר אִיז אַיִיד אִין עֶר אִיז זִיךְ מְצַעֵר אוֹיף דֶעם מַאכְט עֶר דִיא בְּרָכָה דַיַּין הָאֱמֶת אִין אוֹיף אֵיין גוֹי מַאכְט מֶען נִישְׁט דִיא בְּרָכָה, אִין דִיא בְּרָכָה מַאכְט מֶען נִיט נָאר דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל וָואס מֶען זֶעהט אָבֶּער אַז עֶר זֶעהט נָאךְ אֵיין מָאהל דָאס אָדִיר אֵיין אַנְדֶערְס

דֶעסגְלֵייכֶען אַפִילוּ נָאךְ דִיא דְרֵייסִיג טָאג מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה ׃

(ו) אַז מֶען זֶעהט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל אֵיין אַף* אָדֶער אֵיין עֶלְפַאנְד מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה מְשַׁנֶּה הַבְּרִיּוֹת ׃

(ז) אַז מֶען זֶעהט גִיטֶע בֵּיימֶער שֵׁיינֶע אָדֶער זֵייעֶר שֵׁיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אַפִילוּ אֵיין בְּהֵמָה וָואס זִיא אִיז מְשׁוּנֶה שֵׁיין מַאכְט עֶר בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (שֶׁכָּכָה לוֹ בְּעוֹלָמוֹ) וָואס עֶר הָאט אַזוֹינֶס אִין זֵיין וֶועלְט ׃

(ח) אַז מֶען זֶעהט בֵּיימֶער וָואס בְּלִיעֶן מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁלֹּא חִיסֵּר בְּעוֹלָמוֹ כְּלוּם וּבָרָא בוֹ בְּרִיּוֹת טוֹבוֹת וְאִילָנוֹת טוֹבוֹת לֵהָנוֹת בּוֹ בְּנֵי אָדָם דָאס אִיז טֵייטְשׁ (שֶׁלֹּא חִיסֵּר) וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גִימִינֶערְט (בְּעוֹלָמוֹ) אִין זֵיין וֶועלְט (כְּלוּם) גָארְנִישְׁט (וּבָרָא בוֹ) אִין עֶר הָאט בַּאשַׁאפֶען אִין עֶהם (בְּרִיּוֹת טוֹבוֹת) גִיטֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, (וְאִילָנוֹת טוֹבוֹת) אִין גִיטֶע בֵּיימֶער (לֵהָנוֹת בּוֹ בְּנֵי אָדָם) צוּ מְהַנֶּה זֵיין מִיט זִיא מֶענְשֶׁען דִיא בְּרָכָה מַאכְט מֶען נִישְׁט נָאר אֵיינְמָאהל אִין יָאהר אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט דִיא בְּרָכָה בִּיז דִיא פֵּירוֹת הָאבֶּען שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבֶען צוּ וַואקְסֶען זָאל עֶר שׁוֹין נִיט מַאכֶען דִיא בְּרָכָה, עֶס אִיז רֶעכְט דָאס מֶען זָאל מַאכֶען דִיא בְּרָכָה אִין נִיסָן וֶוען עֶר זֶעהט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל ׃

(ט) אַז מֶען זֶעהט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע בֶּערְג אָדֶער אַשְׁטֶערֶין מִיט אַוֵוידֶיל מַאכְט מֶען עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, אִין אַז עֶר זֶעהט נָאךְ אַמָאהל אִין דִיא דְרֵייסִיג טָאג זָאל עֶר נִיט מַאכֶען דִיא בְּרָכָה אָבֶּער נָאךְ דְרֵייסִיג טָאג דְהַיְינוּ דֶעם צְוֵוייא אִין דְרֵייסִיגְסְטֶען טָאג זָאל עֶר מַאכֶען דִיא בְּרָכָה ׃

(י) אַז מֶען זֶעהט דֶעם יָם הַגָּדוֹל זָאל מֶען מַאכֶען אַבְּרָכָה עוֹשֶׂה הַיָּם הַגָּדוֹל ׃

(יא) אַז מֶען זֶעהט אֵיין רֶעגִין בּוֹגִין מַאכְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם זוֹכֵר הַבְּרִית וְנֶאֱמָן בִּבְרִיתוֹ וְקַיָּים בְּמַאֲמָרוֹ,

דאס

---

*אף - מאנקי

דאס איז טייטש (זוכר הברית) ער גידענקט דעם זעכירהייט (ונאמן בבריתו) אין ער איז באגלייבט מיט זיין זעכירהייט (וקיים במאמרו) אין ער איז מקיים זיינע רייד דאס הייסט ער איז מקיים וואס ער האט כורת ברית גיוועהן מיט נח דאס ער זאלל מעהר קיין מבול ברענגין, אין אללע מאהל וואס ער זעט דעם רעגין בויגין מאכט ער דיא ברכה נאר אויף איין רעגין בויגין אפילו ער זעהט עהם מעהר ווייא איין מאהל מאכט ער ניט נאר איין ברכה, אין אז צווייא רעגין בויגינס זענין אויף איין מאהל מאכט ער ניט נאר איין ברכה.

(יב) קידוש החמה איז אזוי איין מאהל אין אכטאינצוואנציג יאהר גיפאלט זיך תקופות ניסן אין אנהייב נאכט פין מיטוואך דענין מאהל זענין אללע שטערין אין מזלות אין דיא זין מיט דער לבנה אויף דעם סדר אזוי ווייא אין אנהייב ווען דיא וועלט איז באשאפין גיווארין, דאנצמאהלט אין דער פריא ווען מען זעהט דיא זין מאכט מען ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם עושה מעשה בראשית, אין לכתחילה זאל ער זעהן צו מאכין דיא ברכה ביז דרייא שעה אויף דעם טאג אין אז ער האט ניט גימאכט אדיר אז עס איז גיוועהן פארוואלקינט מעג ער מאכין דיא ברכה ביז מיטאג אז ער האט גיזעהן דיא זין, דער סדר פין קידוש החמה איז אזוי מען נעמט זיך צינויף גאנץ קהל אין זאגין הללו את ד' מן השמים ביז צים סוף דעם מזמור אין נאך דעם זאגט מען דיא ברכה אין נאך דעם זאגט מען אל אדון ביז צים סוף אין נאך דעם זאגט מען השמים מספרים כבוד אל ביז צים סוף אין נאך דעם עלינו לשבח.

## שער ל דינים פין דינערין, בליצען, ערד ציטערין

(א) אז מען הערט דינערין מאכט מען תיכף ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם שכחו וגבורתו מלא עולם, דאס איז טייטש (שכחו וגבורתו) וואס זיין כח מיט זיין גבורה (מלא עולם) איז פיל דיא וועלט, אין אז ער האט גימאכט עושה מעשה

בראשית

## דִינִים פֿוּן דִינֶרִין, בְּלִיצִין, אוּן פֿוּן עֶרד צִיטֶרְנִישׁ

בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועזֶן, אוּן אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט תֵּיכֶף וִויא עֶר הָאט גִיהֶערְט דְהַיְינוּ פֿוּן וֶוען דֶער דִינֶער הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהֶערְט אִין דֶער צַייט וָואס מֶען קֶען זָאגִין שָׁלוֹם עָלֶיךָ רֶבִּי זָאלל עֶר שׁוֹין נִיט מַאכִין צֵאדִין עֶס דִינֶערְט נָאךְ אַמָאהל אוּן אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין דִינֶער זָאל עֶר נִישְׁט מַאכִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין דִינֶער צֵאדִין עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגִילַאטִירְט צְוִוישִׁין דִיא דִינֶרִין.

(ב) אוֹיף אַבְּלִיץ מַאכְט מֶען תֵּיכֶף בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם עוֹשֵׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, אוּן אַז עֶר הָאט גִימַאכְט שֶׁכֹּחוֹ הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועזֶן, אוּן אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט תֵּיכֶף דִיא בְּרָכָה וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת א׳ זָאלל עֶר שׁוֹין נִיט מַאכִין בִּיז עֶר וֶועט זֶעהְן אֵיין אַנְדִירִין בְּלִיץ,

(ג) אֵיין דִינֶער מִיט אַבְּלִיץ אוֹיף אֵיין מָאהל זָאלל עֶר מַאכִין אֵיין בְּרָכָה עוֹשֵׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית אוֹיף בֵּיידִי אוּן אַז עֶר הָאט גִימַאכְט שֶׁכֹּחוֹ הָאט עֶר אוֹיךְ יוֹצֵא גִיוֶועזֶן אוֹיף בֵּיידִי, אוּן אַז עֶר הָאט קוֹדֶם גִיזֶעהְן אֵיין בְּלִיץ אוּן הָאט גִימַאכְט עוֹשֵׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית אוּן תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גִיהֶערְט אַדִינֶער זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין שֶׁכֹּחוֹ.

(ד) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה אוֹיף אַדִינֶער אָדֶיר אוֹיף אַבְּלִיץ דַארְף עֶר שׁוֹין נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה דֶעם טָאג בִּיז דֶעם אַנְדִירִין טָאג צֵאדִין עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגִילַאטִירְט אוּן נָאךְ דֶעם הָאט נָאךְ אַדִינֶער אָדֶיר אַבְּלִיץ גִישְׁטַאהְן דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין דִיא בְּרָכָה,

(ה) אַז עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף אֵיין בְּלִיץ אוּן הָאט אִין זִין גִיהַאט עֶר זָאלל מִיט דֶער בְּרָכָה יוֹצֵא זַיין אוֹיף דֶעם דִינֶער וָואס וֶועט נָאךְ קוּמֶען הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועזֶן אָבֶער אַז עֶר הָאט אַטָעוּת גִיהַאט עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז עֶס הָאט אַדִינֶער גִישְׁטַאהְן אוּן הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה אוּן אִיז גִיוָואהר גִיוָוארִין אַז

דאס

## דִינִים פֿוּן דִינֶערִין, בְּלִיצֶען אוּן פֿוּן עֶרְד צִיטֶערְנִיש

דָאס אִיז נִיט אַדִינֶער אוּן נָאךְ דֶעם הָאט תֵּיכֶף גִידִינֶערְט דַארְף עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה׃

(ו) אוֹיף עֶרְד צִיטֶערְנִיש מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, אוּן אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט תֵּיכֶף דִיא בְּרָכָה וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת א׳ זָאלל עֶר שׁוֹין נִישְׁט מַאכִין אוּן אַז עֶס הָאט נָאךְ אַמָאהל גִיצִיטֶערְט אַפִילוּ דֶעם טָאג דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין אַבְּרָכָה׃

(ז) אוֹיף אַיין שְׁטָארִים ווִינְד מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית אוּן כָּל זְמַן עֶס הָאט נִיט אוֹיף גִיהֶערְט דַארְף עֶר קֵיין אַנְדֶירֶע בְּרָכָה מַאכִין אָבֶּער אַז עֶס הָאט אוֹיף גִיהֶערְט הָאט עֶר מְסִיחַ דַעַת גִיוֶועהן אוּן אַז הָאט נָאךְ אַמָאהל אָהנ־גִיהוֹיבִּין דֶער ווִינְד דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין דִיא בְּרָכָה׃

## שַׁער לא דִינִים פֿוּן פַארְשִׁידִינִי זַאכִין

(א) אַז מֶען גֵייט אִין אַוֶועג פֿוּן אַמָאהל לֶעֶרךְ זֶעקְס אוֹיזִינְט ווִיגֶער אֵיילִין אָדִיר מֶעהר דַארְף מֶען זָאגִין תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ נָאךְ דֶעם וְויא עֶר גֵייט אַרוֹיס אוֹיס דֶעם תְּחוּם פֿוּן דֶער שְׁטָאט, דָאס אִיז תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ מִיט דֶער טֵייטְשׁ (יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ) עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילִין פֿוּן דִיר (ד׳ אֱלֹהֵינוּ) גָאט אִינְזֶער גָאט (וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ) אוּן דֶער גָאט פֿוּן אִינְזֶערֶע עֶלְטִירִין (שֶׁתּוֹלִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם) דָאס זָאלְסְט אִינְז פִֿירֶען צוּ פְֿרִיד (וְתַצְעִידֵנוּ לְשָׁלוֹם) אוּן זָאלְסְט אִינְז מַאכִין טְרֶעטִין צוּ פְֿרִיד (וְתַדְרִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם) אוּן זָאלְסְט אִינְז מַאכִין גֵייֶען דֶעם וֶועג צוּ פְֿרִיד (וְתַגִּיעֵנוּ) אוּן זָאלְסְט אִינְץ דִירְ־גְרֵייעֶכִין (לִמְחוֹז חֶפְצֵנוּ) צוּ דֶעם אָרְט ווָאס מִיר ווִילִין גֵייֶען (לְחַיִּים) צוּם לֶעבִּין (לְשִׂמְחָה) צוּ פְֿרֵייד (וּלְשָׁלוֹם) אוּן צוּ פְֿרִיד (וְתַצִּילֵנוּ מִכַּף כָּל אוֹיֵב) אוּן זָאלְסְט אִינְץ מַצִּיל זַיין פֿוּן דֶער הַאנְד פֿוּן אַלֶע פַֿאנְד, (וְאוֹרֵב) אוּן פֿוּן אַלַאקִירֶער (וְלִסְטִים) אוּן פֿוּן גַזְלָנִים (וְחַיּוֹת רָעוֹת) אוּן פֿוּן שְׁלֶעכְטֵי חַיּוֹת (בַּדֶּרֶךְ)

אויף

אויף דֶעם וֶועג (וּמִכָּל מִינֵי פּוּרְעָנִיּוֹת) אִין פֿוּן אַלֶלֶע שְׁטְרָאף (הַמִּתְרַגְּשׁוֹת) וָואס זֵייא שְׁטְאַרִימִין (לָבֹא לָעוֹלָם) צִי קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט (וְתִתְּנֵנוּ) אִין זָאלְסְט אִינְז גֶעבִּין (לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים) צִי חֵן אִין צִי חֶסֶד אִין צִי רַחֲמִים (בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָּל רוֹאֵינוּ) אִין דֵיינִי אוֹיגִין אִין אִין דִיא אוֹיגִין פֿוּן דִיא וָואס וֶועהֶען אִינְץ. (וְתִשְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנֵינוּ) אִין זָאלְסְט הֶערִין דָאס קוֹל פֿוּן אִינְזֶער גִיבֶּעט (כִּי אֵל שׁוֹמֵעַ תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּן אָתָּה) ווארִין דִיא בִּיסְט אַגָאט וָואס הֶערְסְט תְּפִלָּה אִין גִיבֶּעט (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳) גִילוֹיבְּט בִּיסְט דִיא גָאט (שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה) וָואס הֶערְסְט תְּפִלָּה. אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִיזָאגְט דִיא תְּפִלָּה תֵּיכֶף מֶענ עֶר זָאגִין נָאךְ דֶעם נָאר אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶער לֶעצְטֶ׳ר מָאל וָואס עֶר וִויל גֶעכְטִיגִין זָאלל עֶר זָאגִין תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ אָהן דֶער בְּרָכָה אִין אַז עֶר גֵייט אַסַאךְ טֶעג זָאלל עֶר זָאגִין דִיא תְּפִלָּה אַלֶלֶע פְּרִיא וֶוען עֶר נֶעמְט זִיךְ צִי גֵייעֶן. אִין אַז עֶר הָאט גֶערִיט אִין שְׁטָאט אוֹיף דֶער הֶעדֶה צִי נֶעכְטִיגֶען אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועהְן צִי גֵייעֶן וַואטֶער זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל זָאגִין תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ, אִין אַז עֶר גֵייט אוֹיף אַזוֹי אָרְט וָואס אִיז אַסַכָּנָה זָאלל עֶר זָאגִין תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אֲפִילוּ עֶר גֵייט וֵוויינִיגֶער וִויא אַמַאל אִין אַז עֶר גֵייט בַּאטָאג אִין בַּאנַאכְט זָאלל עֶר זָאגִין דֶעם אַנְדִירִין טָאג תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אָהן דֶער בְּרָכָה אִין אֲפִילוּ עֶר פָּארְט אִין אַוָואגִין אָדִיר אִין בַּאן אָדִיר אִין דֶער שִׁיף זָאל עֶר זָאגִין תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ.

(ב) נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט גִילֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַּאר דֶעם שְׁלָאפִין זָאלל עֶר זָאגִין דִיא בְּרָכָה הַמַּפִּיל, דָאס אִיז דִיא בְּרָכָה מִיט דֶער טֵייטְשׁ בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (הַמַּפִּיל חֶבְלֵי שֵׁנָה) וָואס עֶר מַאכְט פַּאלִין דִיא וֵוויעֶן פֿוּן דֶעם שְׁלָאף (עַל עֵינָי) אוֹיף מֵיינִי אוֹיגִין (וּתְנוּמָה) אִין דָאס דְרִימְלִיכְץ (עַל עַפְעַפָּי) אוֹיף מֵיינִי בְּרֶעכִין (וּמֵאִיר לְאִישׁוֹן בַּת עָיִן) אִין מִיט דֶער לַאכְטִין צִי דֶעם שְׁוַוארְץ אֶפִּיל פֿוּן דִיא אוֹיגִין (וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ד׳ אֱלֹהַי) אִין עֶס זָאלל זַיין דֶער וִוילִין פֿוּן דִיר גָאט

ואלהי

(וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי) אִין דֶער גָאט פוּן מֵיינֶע עֶלְטִירִין (שֶׁתַּשְׁכִּיבֵנוּ לְשָׁלוֹם) זָאלְסְט מִיךְ מַאכִין שְׁלָאפִין צִי פְרִיד (וְתַעֲמִידֵנוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם) אִין זָאלְסְט מִיךְ אוֹיף שְׁטֶעלִין צִים לֶעבִּין אִין צִי פְרִיד (יִתֵּן חֶלְקִי בְּתוֹרָתֶךָ) אִין זָאלְסְט גֶעבִּין מֵיין חֵלֶק אִין דֵיין תּוֹרָה (וְתַרְגִּילֵנוּ לִדְבַר מִצְוָה) אִין זָאלְסְט מִיךְ גִיוֵוינִין צִי טָאהן מִצְוֹת (וְאַל תַּרְגִּילֵנוּ לִדְבַר עֲבֵירָה) אִין זָאלְסְט מִיךְ נִישְׁט גִיוֵוינִין צִי טָאהן אֵיין עֲבֵירָה (וְעַל תְּבִיאֵנוּ לִידֵי חֵטְא) אִין זָאלְסְט מִיךְ נִיט בְּרֶענְגִין צִי אֵיין זִינְד (וְלֹא לִידֵי נִסָּיוֹן) אִין נִיט צִי אֵיין פְּרִיוְויגג (וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן) אִין נִיט צִי אֵיין שַׁאנְד (וְיִשְׁלוֹט בִּי יֵצֶר טוֹב) אִין עֶס זָאלל אִין מִיר שׁוֹלֵט זֵיין דֶער יֵצֶר טוֹב (וְאַל יִשְׁלוֹט בִּי יֵצֶר הָרַע) אִין עֶס זָאלל אִין מִיר נִיט שׁוֹלֵט זֵיין דֶער יֵצֶר הָרַע, (וְתַצִּילֵנוּ מִשָּׂטָן וּמִפֶּגַע רָע) אִין זָאלְסְט מִיךְ מַצִּיל זֵיין פוּן דֶעם שָׂטָן אִין פוּן אַשְׁלֶעכְט בַּאגֶעגְנִישׁ (וּמֵחֳלָיִים רָעִים אִין פוּן שְׁלֶעכְטִי קְרֶענְק (וּתְהֵא מִטָּתִי שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ) אִין עֶס זָאלל זֵיין מֵיין בֶּעט גַאנְץ פַאר דִיר (וְהָאֵר עֵינַי) אִין זָאלְסְט דֶערְלַאכְטִין מֵיינֶע אוֹיגִין (פֶּן אִישַׁן הַמָּוֶת) אִיךְ זָאל נִיט אַנְשְׁלָאפִין וֶוערִין מִיט דֶעם טוֹיט בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (הַמֵּאִיר לְעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדוֹ) וָואס עֶר מִיט דֶער־לַאכְטִין דֶער גַאנְצִיר וֶועלְט מִיט זֵיין כָּבוֹד עֶר אַלֵיין, אִין נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאלל עֶר נִיט מַפְסִיק זֵיין בִּיז עֶר וֶועט שְׁלָאפִין, אִין אַז עֶר מִיז מַפְסִיק זֵיין וֶוענִין אַשְׁטַארְק גִינֵייטִיגֶער זַאךְ מֶעג עֶר מַפְסִיק זֵיין, אִין אַז נָאךְ וִויא עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנִין לֵייגְט עֶר זִיךְ נָאךְ אַמָאהל דַארְף עֶר נִישְׁט זָאגִין נָאךְ אַמָאהל דִיא בְּרָכָה צַאדִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט פַאר דֶעם עֶרְשְׁטִין שְׁלָאף זָאלל עֶר זִיךְ וַואשִׁין דִיא הֶענְד אִין זָאלל זָאגִין פַאר דֶעם אַנְדִירִין שְׁלָאפִין אַז עֶר וִויל נָאךְ שְׁלָאפִין אַשִׁינַת קֶבַע אִין אַז עֶר וִויל מְשַׁמֵּשׁ מִטָּתוֹ זֵיין זָאלל עֶר נִיט זָאגִין דִיא בְּרָכָה בִּיז נָאךְ דֶעם תַּשְׁמִישׁ הַמִּטָּה זָאלל עֶר זִיךְ אָפְּגִיסִין דִיא הֶענְד אִין זָאגִין דִיא בְּרָכָה.

**(ג) וֶוען זֵיין זִין וֶוערְט אַלְט דְרֵייצֶען יָאהר אִין גֵייט אִין פערציטין**

פֶּערְצִיטֶען יָאהר זָאגְט דֶער פָּאטִיר בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי מֵעוֹנְשׁוֹ שֶׁל זֶה, אִין זָאלל נִישְׁט מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם בַּייא דֶער בְּרָכָה דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶער פָּאטִיר זָאגְט דִיא בְּרָכָה נָאךְ דֶעם וִויא דֶער זִין אִיז עוֹלֶה לַתּוֹרָה.

(ד) אַז מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ צוּ דֶער אָדִיר זָאלל עֶר קוֹדֶם זָאגִין יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ד׳ אֱלֹהַי שֶׁיְּהֵא עֵסֶק זֶה לִי לִרְפוּאָה כִּי רוֹפֵא חִנָּם אָתָּה אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם רוֹפֵא חוֹלִים.

(ה) אַז עֶס אִיז גִישְׁטָארְבִּין אֵיין קָרוֹב וָואס עֶר דַארְף זִיצֶען שִׁבְעָה אָדִיר אֵיין אַנְדִירִיר אָדָם כָּשֵׁר וָואס עֶר אִיז זִיךְ שְׁטַארְק מִצַעֵר זָאלל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם דַיַּין אֱמֶת, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז אֵיין אֶמְתְדִיגֶער דַיָּין עֶר מַאכְט גִירֶעכְט מִשְׁפָּט אִין אַז עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְק מִצַעֵר אִיז עֶר נִישְׁט מַזְכִּיר דֶעם שֵׁם זָאגְט עֶר נָאר בָּרוּךְ דַיַּין הָאֱמֶת.

(ו) אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל אִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַלֵיין אָהן מִנְיָן אִיז אַמַחֲלוֹקֶת הַפּוֹסְקִים צוּ עֶר זָאלל זָאגִין דִיא בְּרָכוֹת פוּן הַלֵּל פוּן תְּחִילָּה אִין פוּן סוֹף אִין דֶער מִנְהָג אִיז צוּ זָאגִין דִיא בְּרָכוֹת נָאר עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאלל רִיפֶען צְווייא מֶענְטְשִׁין זֵייא זָאלִין נָאךְ זָאגִין וֶוען עֶר זָאגְט הוֹדוּ אַזוֹי וִויא מִיט מִנְיָן, אִין אַז עֶר אִיז גִיקִימֶען אִין שׁוּל אִין קָהָל וִויל זָאגִין הַלֵּל זָאלל עֶר מִיט זָאגִין הַלֵּל מִיט דִיא בְּרָכוֹת אִין אַז עֶר הָאלְט נָאךְ בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אִין פַאר יִשְׁתַּבַּח זָאלל עֶר זָאגִין הַלֵּל אָהן דִיא בְּרָכוֹת אִין נָאךְ דֶעם דַאוִוינִין דַארְף עֶר נִיט צוּ זָאגִין הַלֵּל, אָבֶער אִין דִיא טֶעג וָואס מֶען זָאגְט גַאנְץ הַלֵּל זָאל עֶר נִיט זָאגִין קֵיין הַלֵּל נָאךְ בָּרוּךְ שֶׁאָמַר נָאר נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה.

(ז) אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט הַלֵּל מִיט קָהָל אָהן דִיא בְּרָכוֹת טָאהר עֶר נִישְׁט זָאגִין נָאךְ דֶעם הַלֵּל מִיט דִיא בְּרָכוֹת צַאדִין עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט בְּפֵירוּשׁ עֶר זָאלל נִישְׁט יוֹצֵא זַיין

מיט

מִיט דֶעם הַלֵל.

(ח) אַז צְוֵויא יוּדִין אָדֶער מֶעהר זִיצֶען אִין אֵיין הוֹיף אָדֶיר אִין צְוֵויא שְׁטִיבֶּער אַפִּילוּ בֵּיידֶי שְׁטִיבֶּער זֶענֶען אִינְטֶער אֵיין דַאךְ טָאהר מֶען נִישְׁט טְרָאגִין אִין דֶעם הוֹיף אָדִיר פֿוּן אֵיין שְׁטִיבּ אִין דֶער אַנְדִירִיר אִין שַׁבָּת צַאדִין מֶען מַאכְט אֵיין עֵירוּב דָאס אִיז מֶען זָאל נֶעמִין אַבְּרוֹיט זָאלל זֵיין אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אַכְט אֵייֶער אַפִּילוּ זֵייא זֶענִין אַסַאךְ בַּעֲלֵי בָּתִּים אִין אַז זֵייא זֶענִין וֵויינִיגֶער וִויא אַכְטְצֶעהִן בַּעֲלֵי בָּתִּים אִיז גִינִיג עֶס זָאלל זֵיין אַקֶעגִין יֶעדִין בַּעַל בַּיִת אַזוֹי וִויא פִֿיעֶר גֵיינְטִיל פֿוּן אֵיין אֵיי אִין מֶען זָאלל דָאס מְזַכֶּה זֵיין דָארְךְ אֵיין אַנְדִירִין פֿאַר אַלֶלֶע אִין אִין מֶען זָאל מַאכִין אַבְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת עֵירוּב דָאס אִיז טֵייטְשׁ (אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו) וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶיהֵיילִיגְט מִיט זַיינֶע מִצְוֹת (וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת עֵירוּב) אִין הָאט אוּנְז גִיבָּאטִין אוֹיף דֶער מִצְוָה פֿוּן עֵירוּב, אִין נָאךְ דֶעם זָאלל עֶר זָאגִין (בַּהֲדֵין עֵרוּבָא יְהֵא שָׁרֵא לָנוּ) מִיט דֶעם עֵירוּב זָאלל זֵיין מוּתָּר צוּ אוּנְז (לְאַפּוּקֵי וּלְעַיּוּלֵי) אַרוֹיס טְרָאגִין אִין אַרֵיין בְּרֶענְגִין (מִבַּיִת לְבַיִת) פֿוּן אֵיין שְׁטִיבּ צוּ דֶער אַנְדִירִיר (וּמֵחָצֵר לְחָצֵר) אִין פֿוּן אֵיין הוֹיף אִין אַנְדִירִין (וּמִגַּג לְגַג) פֿוּן אֵיין בּוֹידִים צוּם אַנְדִירִין בּוֹידִים (מִבָּתִּים לְחָצֵר) פֿוּן דִיא שְׁטִיבֶּער אִין הוֹיף (וּמֵחָצֵר לְבָתִּים) אִין פֿוּן דֶעם הוֹיף אִין דִיא שְׁטִיבֶּער (כָּל מַה דִּצְרִיךְ לָן) אַלֶלֶס וָואס מִיר דַארְפִֿין (בְּכָל שַׁבָּתוֹת שָׁנָה וְיָמִים טוֹבִים) אַלֶלֶע שַׁבָּתִים אִין יָמִים טוֹבִים (לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל הַדָּרִים בָּעִיר הַזֹּאת) צוּ אוּנְז אִין צוּ אַלֶלֶע יוּדִין וָואס זִיצֶען אִין דֶער שְׁטָאט. מֶען דַארְף קוֹדֶם מְזַכֶּה זֵיין אִין נָאךְ דֶעם מַאכִין דִיא בְּרָכָה, אִין אַז עֶס אִיז דָא אֵיין עֵירוּב אִין שְׁטָאט וָואס מֶען מֶעג טְרָאגִין אִין שְׁטָאט דַארְף מֶען נִיט מַאכִין אַעֵירוּב אִין הוֹיף אִין אַז מֶען מַאכְט טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(ט) אַז יוֹם טוֹב גִיפַֿאלְט זִיךְ אִין פְֿרַייטִיג דַארְף יֶעדֶערֶער

מאכין

מַאכִין אֵיין עֵירוּב תַּבְשִׁילִין מֶען טָאהר זִיךְ נִיט פַארְלָאזִין אוֹיף דֶעם וָואס אֵיינֶער מַאכְט פַאר דֶער גַאנְצִיר שְׁטָאט אִין וֶוער עֶס הָאט נִיט גִימַאכְט קֵיין עֵירוּב מִיז אֵיין שְׁאֵלָה פְרֶעגִין דֶער עֵירוּב אִיז אַזוֹי מֶען נֶעמְט אַחַלָּה מִיט אַשְׁטִיקֶעל פְלֵייש אָדִיר פִישׁ אָדִיר אֵיי אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אַכְּזַיִת גִיקָאכְט אָדִיר גִיבְּרָאטִין אִין מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת עֵירוּב (בְּהַדֵין עֵרוּבָא) מִיט דֶעם עֵירוּב (יְהֵא שְׁרָא לָנָא) זָאל זַיין מוּתָּר צִי אִינְז (לְמֵיפָא וּלְבַשָּׁלָא) צִי בַּאקִין אִין צִי קָאכִין (וְלָאַטְמָנָא) אִין צִי בַּאהַאלְטִין דָאס הֵייסְט טִשׁאָלִינְט רֵיקְעןְ, (וְלָאַדְלָקָא שְׁרָגָא) אִין אָנְצִינְדִין לֶעכְט (וּלְמֶעְבַד כָּל צָרְכָנָא) אִין צִי טִיעֶן אַלֶלֶע בַּאדֶערְפִינִישׁ (מִיוֹמָא טָבָא לְשַׁבַּתָּא) פּוּן יוֹם טוֹב אוֹיף שַׁבָּת (לָנוּ וּלְכָל הַדָּרִים בָּעִיר הַזֹּאת) צִי אִינְז אִין צִי אַלֶלֶע וָואס זִיצִין אִין דֶער שְׁטָאט, אִין אַז עֶר הָאט אֵיין אַנְדִירִין אִין שְׁטִיב זָאלל עֶר גֶעבִּין דֶעם עֵירוּב עֶר זָאלל זוֹכֶה זַיין פּוּן דֶער גַאנְצִיר שְׁטָאטס וֶועגִין עֶר מֶעג מְזַכֶּה זַיין סַאי פַאר דֶער בְּרָכָה סַאי נָאךְ דֶער בְּרָכָה.

(י) מֶען זָאלל נִזְהָר זַיין פּוּן צִי זָאגִין שֶׁקֶר מֶען אִיז עָתִיד צִי גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדִירִין שֶׁקֶר וָואס מֶען זָאגְט וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז עֶס קִימְט עֶהם גָאר נִישְׁט אַרוֹיס פּוּן דֶעם שֶׁקֶר אִיזְט אַגְרֶעסִירֶע עֲבֵירָה.

(יא) מֶען זָאל נִזְהָר זַיין פּוּן לֵיצָנוּת עֶס אִיז אַגְרוֹיסִיר אִיסוּר.

(יב) מֶען זָאל נִזְהָר זַיין פּוּן אַשְׁבוּעָה אֲפִילוּ אוֹיף אֱמֶת וּמִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף שֶׁקֶר, אִין אֲפִילוּ אוֹיף דֵייטְשׁ אוֹיךְ נִישְׁט, אִין אַז מֶען זָאגְט גָאט זָאל מִיר אַזוֹי הֶעלְפִין אָדִיר מֶען זָאגְט אַזוֹי וִויא עֶס אִיז אֵיין גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס אִיז אַהַארְבִּי שְׁבוּעָה, מֶען זָאלל זִיךְ נִיט שְׁוֶוערִין אַזוֹי אֲפִילוּ אוֹיף אֱמֶת, וָוארִין חוּץ דֶעם הַארְבִין אִיסוּר וָואס אוֹיף אַשְׁבוּעָה אִיז אַגְרוֹיסִי סַכָּנָה אֲפִילוּ שְׁוֶוערִין אוֹיף אֱמֶת.